STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10128

ZEKS KHARAKTEREN IN DER VELT-LITERATUR

Rudolf Rocker

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רודאָלף ראָקער

זעקס כאַראַקטערען אין דער וועלט־ליטעראַטור

אידיש פון א. פרומקין

אַרויסגעגעבען פון דעם רודאָלף ראָקער שריפטען קאָמיטעט
ניו יאָרק, 1929

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

זייט

די זעקס	5
דער ערשטער וועג	7
דער צווייטער וועג	39
דער דריטער וועג	75
דער פערטער וועג	105
דער פינפטער וועג	141
דער זעקסטער וועג	175
די ערוואַכונג	209

די זעקס

גרוי איז דער הימעל. עס גענעצט דער מדבר. אויסגעשטרעקט אין דעם ברוינעם מדבר־זאַמד ליגט א ספינקס פון שווארצען מאַר־מאָר־שטיין, דער בליק פארזונקען אין׳ם רייך פון ווייסטע ווייטקייטען.

ניט קיין שנאה, ניט קיין ליבשאפט שטראלט פון דעם דאָזיגען בליק ארויס, דאָס אויג איז פאַרשלייערט פון טיפען טרוים, און אויף דער קאַלטער פראכט פון די שטומע ליפען שוועבט שטיל־שמייכלענדיג די שטילסטע אייביגקייט.

זעקס וועגען טרעפען זיך צוזאמען ביים בילד פון דער ספינקס, זעקס וועגען, וועלכע ציהען זיך פון פרעמדע לענדער און קומען זיך דאָ צונויף ביי דעם זעלבען ציל.

א וואנדערער מארשירט אויף יעדען וועג, פארפאָלגט פון׳ם שיקזאַל׳ס בייזען פלוך, אויף׳ן שטערן די צייכענס פון דער שווערער האַנד פון פרעמדע מאַכטען. ער שפאַנט אנט־קעגען א ווייטער וועלט, וועלכע טונקעלט דאָרט טיף ביים האָריזאָנט, אזוי ערדען־ווייט און דאָך אזוי נאָנט צום גייסט.

דער ערשטער וועג

אין וויכע בערגלעך איינגעבעט ליגט די שטאָט. די אַלטע דעכער גליהען רויט אין'ם אָווענט-גאָלד פון דער אונטערגעהענדער זון. דיקע מויערן מיט פעסטע טורעמס רינגלען ארום דעם פיל-פאַרביגען געמיש פון די ענגע גאַסען און געסלאך, וועלכע לויפען אומרעגעלמעסיג איינע דורך די אנדערע ווי די וועגען פון א לאַבירינט. און יעדעס געסעל מאַכט דעם איינדרוק, אזוי ווי עס וואָלט געהאט צו באַהאַלטען עפּעס אין זיך, וואָס ניט יעדער פראָסטער בשר ודם קאָן לייכט דערגעהן דעם סוד דערפון. פאררוקט אין טונקעלע ווינקלען און ארום די גרויע גאַניקעס פון די אַלטע שפּיציגע הייזער ליגען פאַרטראַכט לאַנג-פאַרגאַנגענע, פון דער צייט פאַרגעסענע געשעהענישען.

שטיל פלעסקעט דער אלטער מאַרק-ברונען ווי מיט פיל, פיל יאָהרען צוריק. מאסענווייז, גערדיכט ליגען זיך אוועק די שאָטענס פון דער אלטער קירכע אויף דעם שטילען פלאַץ, וואָס זעהט היינט אויס אזוי וועלט-פאַרלאָזען. בלויז איין איינגעשרומפּענע אַלטיטשקע שטעהט איינזאַם ביים אַלטען ברונען, חלומ'ט פון פארשוואונדענע צייטען, וועלכע וועלען זיך קיינמאָל ניט אומקערען.

דער פריהלינג איז פלוצלינג געקומען אין לאַנד און האָט מיט איינמאָל געמאַכט אַ סוף צו דער טיראַניי פון׳ם לאַנגען ווינטער. דער שטראַלענדער הימעל און דאָס יונגע גרינס פון די פעלדער און לאָנקעס האָבען אין אָט דעם ערשטען טאָג פון פּאַסכע ארויסגעלאָקט די מענשען צו די טויערען פון דער שטאָט, און אַ פרעהליכער עולם האָט זיך געלאָזט וואוילגעהן, זיך געטומעלט אין די וואַרעמע שטראַלען פון דער יונגער פריהלינג־זון, וועלכע האָט אויפגעלייזט אַלץ וואָס איז געווען פאַרגליווערט און וואָס האָט געהאַלטען די הערצער געפּאַנ־גען. יונג און אַלט, גרוים און קליין איז היינט ארוים אויף דער פריי, כדי זיך אראָפּצושאָקלען דעם שטויב פון דער נשמה און זיך פאַרגיטיגען פאַר־דער גרויער מאָנאָטאָניע פון די אומעטיגע ווינטער־טעג.

בּיסלאַכווייז איז צוגעפאַלען די נאַכט, און פייערליך האָט אָפּגעקלונגען דער קלאַנג פון די אַלטע גלאָקען דורך דער לעב־ליכער לופט, דערמאָנענדיג די בירגער אז זיי דאַרפען זיך אומקערען אהיים. דורך די טויערן פון דער שטאָט שטראָמען מחנות פון פרעהליכע מענשען, אָנגעלאָדען מיט בלומען־קרענץ און גרינע צווייגען, און דער לוסטיגער קלאַנג פון לידער דרינגט דורך די לופט. די אַלטע גאַסען פילען זיך אָן מיט ריידעוודיגע, פלוידערענדע גרופּעס, וועלכע געהען שטיל און מיט לייכטע הערצער צוריק צו זייערע וואוינונגען, און מיט דער וואַקסענדער טונקעלקייט שטאַרבט ביסלאַכווייז אָפּ דאָס לעבען אויף די גאַסען און די אָפענע פּלעצער.

די לעצטע שטראַלען פון דער שיינענדער זון זיינען שוין לאַנג פאַרגאַנגען, און די לעבליכע פריהלינג־נאַכט שפּרייט אוים שטילערהייט איהרע פליגלען איבער די פאַרלאָזענע

ווינקלען און געסלעך, וועלכע שפיגלען זיך וואונדערליך אין׳ם ליכט פון דער לבנה.

פון די קליינע פענסטערלעך איז דער שיין פון די לאמפען ביסלאכוויז פארשוואונדען. נאר דא און דארט פונקעלט נאך אן איינזאם ליכט אין דער ביינאכטיגער שטילקייט. ווער וויים? פיליכט קעמפט דארט א קראנקער מיט זיינע ווייטאגען, אדער א שטארבענדער גיט איבער זיין מידע נשמה צו גאט.

איבער די שלאפענדע הייזער ליגט א טיפע, פייערליכע רוה, וועלכע ווערט נאר פון צייט צו צייט אונטערבראכען דורך דאס ערנסטע שלאגען פון׳ם אלטען קירכען־זייגער און דורך דעם וואכזאמען טרומייטער פון׳ם שטאט־וועכטער.

אויף א בערגעל אין הארץ פון דער טרוימענדער שטאט הויבט זיך אויף אן אלטערטימליכע, שטאטליכע געביידע, וועלכע זעהט נאך אוים וואונדערליכער און עלטער ווי די הייזער ארום איהר. אין א טורם־פארמיגען צימער זיצט ביי איינעם פון די שמאלע גאטישע פענסטער א זקן מיט לאנגע, ווייסע האר און מיט א געדיכטער כוואליעדיגער בארד און קוקט ארוים פאר׳חלומ׳ט איבער די שפיצען פון די אלטע דעכער, וועלכע בלישטשען גרינליך אין דעם בלייבען ליכט פון דער לבנה.

דער שווערער דעמבענער טיש אינמיטען צימער איז אנגעלאדען מיט ביכער און פאפירען, וועלכע ליגען צוזווארפען אין א מאדנעם מיש־מאש. איבער דער לענג פון די אפגעבליאקעוועטע ווענט ציהען זיך לאנגע פאליצעס, באדעקט מיט זעלטענע מישונגען און אפאראטען. א קונסטפול געארבייטער הענג־לאמפ פילט אן דעם חדר מיט א שוואכען שיין,

וועלכער באַמיהט זיך אומזיסט אריינצודרינגען אין די טונ־קעלע ווינקלען פון׳ם צימער.

מיט א מידער מינע שאַרט זיך דער אַלטער ארויף די האָר פון׳ם שטערן, און פאַרטיפט אין געדאַנקען מורמעלט ער פאַר זיך:

נו, איז ווידער אמאָל אלצדינג שטיל ווי אין קבר, און אזוי ווי פון שנים קדמוניות אָן שפּרייט זיך אוים איבער די שלעפער דער אומבאַגרענעצטער רוים, אין וועלכען מיליאָנען וועלטען וואנדערן אין זייערע קרייזען. — מעג דער שלאָף וואויל באקומען דעם גערעכטען און ניט געשטערט ווערען דורך שלעכטע חלומות! גליקליך איז אַזאַ מענש. א לעבען, וואָס דרעהט זיך שטענדיג בלויז ארום דעם מאָגערן באַגעהר פון דער שטונדע און האָט קיינמאָל ניט דעם נסיון צו בויען בריקען אין׳ם רייך פון דער אייביגקייט. אז וואויל איז זיי! דער בורא האָט זיי ניט באשאָנקען מיט צו גרויסע פאָדערונ־גען. ס׳איז ניט לייכט זיי ארויסצובריינגען פון גלייכגעוויכט. דערפאר זיינען זיי באַשיצט קעגען די שטענדיגע גיהנום׳שע יסורים און דעם וויטאָגדיגען דראנג, וואָס פרעסט זיך נאר איין ביי דעם איינצעלנעם אין דער נשמה, ווי א וואָרים וואָס קאָן קיינמאָל ניט זאַט ווערן.

ווי באַהאַלטענער, בגנבה קריכענדער גיפט ליגט עס מיר אין בלוט, ארום דער דאָזיגער צייט, ווען די אומערגרינדליכע נאַטור דרעהט זיך אין קרעמפען פון איהר ווידערגעבורט און שפריצט מיט נייעם לעבען פון צענדליגע טויזענטער קוואַלען אין אלץ נייע פאָרמען און געשטאַלטען. ביז דער פריהלינג פאַרגעהט אויך לאַנגזאַם, זומער און הערבסט פארשווינדען

בּיסלאַכוויַיז און דער בּייזער ווינטער הילט ווידער איין אלצ־דינג אין תּכריכים. און דאַן הויבּט זיך אָן דאָס זעלבּע אַלטע שפּיל פון דאָס ניי. ווען מען וואָלט פאַרט געקאָנט דערגרונ־טעווען דעם טיפען זין פון אָט דעם אייבּיגען ווערן און פאַר־געהן, אין וועלכען טויט און לעבּען מישען זיך אויס אויף א וואונדערליכען אופן און יעדער סוף ווערט שוואַנגער מיט א נייעם אָנפאַנג!

איז דער טויט ווירקליך א סוף אָדער בּלויז א נייער אָנ־הויבּ, אָדער בּיידע זאַכען, אָנהויבּ און סוף אין׳ם קרייז־לויף פון׳ם געשעהן? וואו איז דער גרענעץ, וואָס אונטערשיידט דאָס געוועזענע פון׳ם קומענדען, דער טיפער אור־גרונד, פון וועלכען יעדעס ז י י ן קומט ארויס?

וואָס מעהר איך מאַטער זיך מיט אָט דער טונקעלער רעטעניש, אַלץ פרעמדער קום איך זיך אליין פאָר. א געהיי־מער שרעק נעמט מיך ארום פאַר דעם אייגענעם וועזען, וואָס ליגט שווער און אומפאַרשטענדליך פאַר מיינע אויגען, ווי די שטומע אייבּיגקייט פון אָט דעם אומבּאַגרעניצטען רוים.

פון וואַנען קומען מיר? וואוהין געהען מיר? בּין איך שוין געוועזען, איידער דער מאַמע׳ס בּויך איז אויפגעלאָפען צו נייעם לעבּען? וועל איך אויך ווייטער זיין, ווען דער לעצטער פונק פון מיין זיין וועט אַמאָל פאַרלאָשען ווערן ווי א שטאַר־בּענדער פלאָם?

פאַראַן אזויפיל טונקעלעס און געהיימניספולעס אין אונז, וואָס ליגט בּאַגראָבּען טיף אין דער נשמה און קומט קיינמאָל ניט ארויס אויף דער אויבּערפלעך פון דער ערשיינונג. וואָס מיר האָבּען זיך צו דערצעהלען איינע די אנדערע מכח דער קליינער נויט פון׳ם טאָג־טעגליכען לעבּען און וועגען דעם

ביסעל פרייד, וואָס פאלט אונז זעלטען צו אויף אונזער וועג, דאָס געהט ניט טיף און ווירקט כמעט ווי א מעכאַנישע ער־שיינונג, וועלכע קומט פאַר האַלב אומבאַוואוסט. אָבער די זאַכען, וועלכע דרעמלען דאָרט אין דער טיפעניש, רייסען זיך ניט אין דער עפענטליכקייט, זוכען ניט אנטפלעקט צו ווערן און ליגען טעמפּ און רעטעניש־שווער אויף׳ן גרונד פון דער נשמה, וואו פינסטערע אור־קרעפטן ציהען ארום אין זייערע שטומע קרייזען, ניט אנזעהענדיג קיינמאָל דאָס ליכט פון דער זון.

אין דער טיפעניש ליגט דאָס גאַנצע שווערע און פרעמ־דע, וואָס שטעלט זיך אונז אין האַלז, יעדעס מאָל ווען אַן אָפּגעריסענער קלאַנג פאַרבלאָנדזשעט פון׳ם אָפּגרונד, ווען א שטום מויל סטראַשעט צו קריגען לשון. אין דער טיפעניש שטעהען אויך פעסט איינגעוואָרצעלט די ווענט, וועלכע מיר שטעלען אויף צווישען אונז, ווענט צווישען מענש און מענש, אין וועמעס שאָטענס די גרויסע איינזאַמקייט און די אומבאַ־שרייבליכע בענקשאַפט געהען זיך שטיל זייער וועג. נאָר דאָס לעצטע און טיפסטע ווערט אונז קיינמאָל ניט אנטפלעקט און מיידט אבזיכטליך אויס דעם קוש פון דער דרויסענדיגער וועלט.

אפילו דאָרט, אין׳ם הייסען ברען פון דעם געשלעכט, וואו קערפער דריקט זיך ציטערנדיג צו קערפער, און עס קוקט אויס ווי צוויי זעלען גיסען זיך צונויף אין דער באַרוישונג פון דער העכסטער ליידענשאַפט, — זאָגאר דאָרט בלייבט נאָך אליץ עפּעס פרעמדס, וואָס לויערט שטום אין׳ם הינטערגרונד פון די געפיהלען, כדי ניט יעדעס וואָרט זאָל ארויסגעזאָגט ווערן, ניט יעדע טיפסטע און אנגסטיגסטע לוסט זאָל באַפרי־

דיגט ווערן. אויך דאָרט, וואו די ליעבע לאָזט זיך אריין אין עקסטאַזען, טונקעלט נאָך אלץ אין דעם אונטערגרונד פון די געדאַנקען א סטראַשענדער און רעטעניש-טיפער „ווער ווייס?״.

אָט, ווען מיר וואָלטען געהאַט די געלעגענהייט צו כאַפּען א קוק ביים בורא אין דער ווערקשטאַט און זעהן דעם אָנהויב און דעם סוף פון אלע זאכען, דאַן וואָלטען מיר אויך גע־וואוסט, וואָס עס איז פאַרבאָרגען הינטער יענער דינער וואַנט, וועלכע נעמט ארום דעם מוח, וואו געהיימע געדאַנקען שטוי־סען זיך איינע די אנדערע אין׳ם ענגען רוים, און זאכען, ווע־גען וועלכע מען האָט קיינמאָל ניט גע׳חלום׳ט אפילו, ליגען צונויפגעקאָרטשעט אין די אָפּגרונדען. דאַן וואָלט דער זין פון׳ם לעבען מעהר ניט געווען פאַר אונז קיין פאַרשלאָסען בוך. אבער צו וואָס טויג דאָ דאָס גאַנצע גריבלען זיך און טראַכטען? מיר אָרעמע מענשען האַלטען זיך מיט אונזערע געדאַנקען בלויז אָן דער אויבערפלעך פון׳ם געשעהען, און גראָד דעמאָלט ווען אונז דוכט זיך אויס, אז עס איז אונז ליכ־טיג געוואָרן אין די אויגען, זיינען מיר בלינדער ווי ווען עס איז.

אזוי פאַרברייננג איך נעכט אין אַנגסטען, זיץ דאָ אין אָט דעם ווייסטען הויז און אין מיין אָרעמען מוח יאָגען זיך וועלט־אומפאַסענדע געדאַנקען, וועלכע דאַרפען מיר ברייננגען דער־לייזונג פון די שטענדיגע יסורים.

דערלייזונג? אָה, גנאָד־רייכע יונגפרוי. ד. ריינע, גע־בענשטע, וואָס דו שוועבסט דאָרט אויבען ארום גאָט׳ס היי־ליגען טראָן! פון דיין געבענשטען לייב איז געבוירען געוואָרן דער משיח, וועלכער האָט געבראַכט די מענשען דערלייזונג

פון דעם זינד־פלוך. אָבער עס זעהט אויס, אז פאר מ י ר איז קיין משיח ניט געבוירען געוואָרן; ווערים קיין דערלייזער האָט נאָך קיינמאָל ניט אויסגעלאָשען אין מיין ברוסט דעם פייער פון דער טיפער בענקשאַפט.

אך, וויפיל לייכטער איז עס צו באַפרייען דעם מענשען פון דער קליינער זינד, איידער פון די שטורמדיגע געדאַנקען, וועלכע שרייען נאָך דערקענטעניש און ליגען פארטיפט און איינגעהויקערט איבער אָפּגרונדען! — צי וועט ווען שלאָגען די שטונדע פון דערלייזונג פאר אָט דער גרויסער בענקשאפט, וועלכע לעכצט נאָך אנטפּלעקונג און געהט אויס אין פאַרצווייפלונג און אין טעמפּע יסורים?

ווי א לייכטענדער שטערן האָט אַמאָל די דערפילונג פון יעדען בענקען ארומגעשוועבט איבער מיין קאָפּ, אבער מיט דער לאַסט פון די יאָהרען איז זי כסדר אוועקגעפלויגען ווייטער אין די וויטקייטען און האָט איבערגעלאָזט בלויז מדבריות הינטער זיך.

ווען די יוגענד האָט נאָך פארשטאָהלט, פאַרהאַרטעוועט מיין קערפּער און איך האָב געקוקט מיט ליכטיגע אויגען אויף׳ן לעבען, דאַן האָב איך געטרוימט פון א העכערער שעה, ווען יעדער קנופּ, וואָס דאָס שיקזאל האָט מיר פאַרקניפּט, וועט זיך לייכט אויפבינדען אונטער מיינע הענט. אין הייסען דראַנג האָט זיך מיין גייסט א וואַרף געטאָן אויף אלצדינג, וואָס מענשען־גייסט האָט ארויסגעגעבען, און געזוכט דעם לעצטען ציל פון יעדער חכמה אין אַלטע ביכער און סיסטעמען. אָבער יעדעס מאָל, ווען עס האָט זיך פאר דער בענקשאַפט א טירעל געוויזען, ווען דער גייסט האָט ביים האָריזאָנט א לעצטען ציל דערזעהן, איז דאָס געווען בלויז אן אָנ־

פאנג, אנגסטיג און שווער, א פארבלענדעניש, א פארפיהרע־ריש ליכט, וואס טאנצט ארום פול מיט שפאט איבער קברים.

ביז איך בין אין'ם שטילען לויף פון די יאהרען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז אונזער גאנץ וויסען און קענען העלפט אונז ניט צו דערגעהן דעם טיפסטען זין פון די זאכען. ווי די בלינדע באוועגען מיר זיך שטענדיג אין דעם זעלבען קרייז. מיר געהען אנטקעגען א לעצטען ציל, און מיר קערען זיך כסדר אום צוריק צום אלטען ארט.

צי זיינען אויך אויף איינער פון אט די וועלטען, וועלכע דרעהען זיך ארום אזוי וואונדערליך אין יענעם אייביגען, אל־אומפאסענדען רוים, פאראן אזעלכע ברואים, — צי אטעמען אויך דארט וועזענס ווי אויף דער דאזיגער ערד, וואס לעכצען נאך דערקענטעניש און אין זייער הייסען דראנג געהען זיי שטיל איין אין גיהנום'שע יסורים און הימלישען גליק?

אפט דאכט זיך מיר, אז איך הער פון ווייטע ווייטקייטען דעם שטילען ריטם פון יענע וועלטען, וועלכע מאכען זייערע קרייזען טיף אין'ם רוים. ווי ברויזענדע אקארדען לאזט עס זיך אראפ טיף אין מיין נשמה: מיר קומט פאר, אז איך פארנעם די הארמאניע פון די ספערען, און קלאר ערשיינט פאר מיר פלוצלינג יעדעס זיין. אבער קוים גיב איך נאר א ריהר מיט די פינגער און פרואוו צונויפבינדען אט די אינער־ליכע איבערלעבעניש אין ווערטער, צופאלט זיך דער צויבער פון דער רגע ווי א זייפען־בלאז; א פינסטערע וויסטקייט נעמט מיך ארום פון אלע זייטען.

און דאך, ניט קוקענדיג דערויף וואס איך בין שטענדיג געגאנגען פון ענטוישונג צו ענטוישונג, פארשווינדט קיינמאל ניט יענע גרויסע בענקשאפט, וועלכע נעהרט זיך פון'ם בלוט

פון מיין זעלע, דאָס פייער וואָס שרייט נאָך דערקענטעניש. איך היינט, ווען דער קראַנקער קערפּער זעהט שוין פאַר זיך די געעפענטע טירען פון'ם קבר, וויל די גרויסע בענקשאַפט בשום אופן ניט אויפהערען. עס זעהט כמעט אויס, אז די שטילע יסורים ווערן נאָך שטאַרקער. פאַרוואָס, פאַרוואָס?

און איך בין דאָך תמיד געווען אזוי פרום, אן ענטשלאָ־סענער, אומדערשראָקענער אָנזאָגער פון דיין ערליכקייט!

דאָ דרינגט פון א טונקעלן ווינקעל פון'ם צימער א הייזע־ריג געלעכטער צו דעם זקן אין אויער, און א שטים רעדט:

דו נאַר, דו אַלטער נאַר! פיהלסט שוין אין די צופוילטע גלידער די קיהלע נאָנטקייט פון'ם טויט און קאָנסט נאָך אַלץ ניט אוועקוואַרפען דיין נאַרעריי, דיינע פוסטע אילוזיעס. צי האָסטו גאַר קיינמאָל ניט אריינגעקוקט אין דיין טיפסטען וועזען? דו האָסט זיך איינגערעדט, אז דו ביזט דיין גאַנץ לעבען פרום געווען, אָבער פרום ביזטו קיינמאָל ניט געווען. ווייסטו, וואָס אמת'ע פרומקייט באדייט? א מענש איז פרום, ווען ער ווערט געטריבען פון אן אינערליכען דראַנג, און ער פאָלגט ניט פרעגענדיג, אָהן שום באדינגונגען, דעם הייליגען געבאָט. ער רעכענט ניט, האָט קיין טענות ניט, ווערט ניט געפלאגט פון הייסע שטומע וואונשען, וועלכע לויערן מיט ביטערקייט אין דער טיפעניש און ברענען און שמאַכטען נאָך דערפילונג.

פאַר דיר איז די פרומקייט בלויז א מיטעל צו א באשטימ־טען צוועק. דו לויבסט דיין בורא'ם גדולה, זיין ערליכקייט, פאָלגסט געטריי די געבאָטען וואָס ער האָט דיר געגעבען, אָבער טוף ביי דיר אינעווייניג לעבסטו מיט דער איינבילדונג,

אז אלס שכר, אלס לוין דערפאר וועסטו אַמאָל קריגען דערקענטניש און אז גאָט וועט דיר אראָפּנעמען דעם שלייער פון די אויגען, כדי דיר צו אַנטפּלעקען דעם זין פון זיינע ווערק.

אומזיסטע מיה, אלטער! דיך נאַרט אָפּ א פוסטער געדאַנק, וואָס קאָן קיינמאָל ניט דערפילט ווערן. דיין היים אויג פּאָלגט נאָך די כימערע, דאָס לופט־בילד, וואָס גלאַנצט פּאַרפיהרעריש אין טויזענט קאָלירען און פאַרנאַרט דיך בלויז טיפער אין מדבר אריין.

דיין גאָט איז אייפערזיכטיג ווי א מוסולמאַן, דורך איהם וועט דיר קיינמאָל ניט קומען קיין דערקענטעניש. ער ציטערט פאר זיין אייגענער בריאה און זעהט שוין פאָראויס דעם טאָג, אין וועלכען דער מענש קאָן נאָך רעוואָלטירען קעגען זיין הערליכקייט. דאַן וואָלט דאָך געווען א סוף צו זיין געטליכקייט.

מחמת דעם פאַרבלענדט ער דעם מענשען'ס מוח און שפּילט זיך מיט זיין בענקשאפט, ווייזט איהר כלומר'שט א לעצטען ציל, וואָס קייקעלט זיך און רוקט זיך אלץ ווייטער אין דער ווייטקייט, וואָס מעהר ער באמיהט זיך עס צו דערטאַפּען. אזוי איז דער מענש געגליכען צו דער אַלטער לעגענדאַרישער בריאה, וואָס קוקט שטענדיג ארויס מיט פיבערהייסע אויגען, זעהענדיג פאַר זיך קיהלע, פרישע פרוכטען, וועלכע קאָנען קיינמאָל ניט דערגרייכען צו זיינע דאָרשטיגע ליפּען. יאָהר־טויזענטער ווערט ער ארומגעפיהרט ביי דער נאָז און ער מערקט נאָך אלץ ניט, ווי מיאוס ער ווערט אָפּגענאַרט.

דו ביזט אויף א פאַלשען וועג, אַלטער! אויב דו ווילסט קריגען דערקענטעניש, מוזטו אַנקלאַפּען אָן מיין טיר. —

די שטים ווערט אנשוויגען; א שטילער גערויש געהט דורך דורך'ן צימער.

ווער רעדט דאָס צו מיר? פרעגט דער זקן מיט א שטי־לען ציטערן, און שניידענדיג קלינגט אָפּ פון'ם ווינקעל דער ענטפער:

ווער עס רעדט צו דיר? דער מענש רופט מיך די מאַכט פון דער פינסטערניש, ווייל איך האָב גע'גנב'עט דאָס פייער פון'ם הימעל, כדי צו ברענגען ליכט פאַר די קינדער פון דער ערד. דער גייסט פון ליגען האָט ער מיך גערופען, ווייל איך האָב איהם דעם ערשטען אמת אין אויער אריינגעשושקעט.

א קליין וואָרט איז ארויסגעקומען פון מיין מוח, דאָס פשוט'ע וואָרט פ אַ ר ו ו אָ ס. מיט דעם דאָזיגען וואָרט האָב איך אויפגענומען דיינע גרויע אור־אור־עלטערען, ווען זיי האָבען אַמאָל אריבערגעטראָטען דעם שוועל, וואו דער מענש שיידט זיך אָפּ פון דער חיה. טיף האָט זיך דאָס וואָרט איינ־געבויערט אין'ם טעמפען מוח און האָט זיך ארונטערגעלאָזט אויף'ן גרונד פון זייערע נשמות ווי א שווערע, שווערע לאַסט.

אומענדליכע מענשען־מחנות האָבען זיך געוואָרפען פאַר טויזענט געטער אין שטויב, געפייניגט זייערע לייבער, אין מורא'דיגע יסורים געקרעכצט און געקלאָגט אויף זייערע זינד. איך בין געווען דער עדות פון זייער זעלענ־נויט און איך האָב געפרעגט בלויז דאָס איינע וואָרט: „פאַרוואָס?"

פאַרשקלאַפטע מענשען־קינדער האָבען געפּראַצעוועט געאַרבייט אין'ם שוויס פון זייער אנגעזיכט און געבויט פי־ראַמידען און פעסטונגען, כדי די נעמען פון זייערע האַרען זאָלען איבערגעהן לדור דורות. איך האָב צוגעזעהן דעם שגעון פון די קנעכט און בלויז געפרעגט: „פאַרוואָס?"

עס זיינען געווען צייטען, ווען דאס ווארט, וואס איז גע־לעגען אויף'ן גרונד פון זייערע זעלען, האט פלוצלינג אויפ־געפלאמט און זיך צוגליהט אין א רויטען שטראלען־גלאנץ. דאן זיינען זיי געקומען צום שכל. געטער זיינען געפאלען פון דער אלער־הייליגסטער הויך אראפ, טראנען זיינען צו־שמעטערט און צושאטען געווארן אין רינשטאק, און צוברא־כען זיינען געווארן קייטען, וועלכע מען האט געשמידט פאר דער אייביגקייט. אבער דאס האט קיינמאל ניט געדויערט לאנג. דער קראנקהאפטער באגעהר נאך דער בייטש איז זיי געלעגען אין בלוט, און זייערע פלייצעס האבען געבענקט נאך א נייעם יאך.

ווער עס רעדט צו דיר? איך בין דער גייסט, וואס האט זיך אמאל באוויזען פאר דיין מוטער אין גן עדן און זי בא־שווארען, אז זי זאל אויסשטרעקען די האנד נאך דער פרוכט פון'ם עץ הדעת, פון'ם בוים פון וויסען. איך האב איהר אריינגעשושקעט אין אויער: „גאט ווייס, אז אין דעם טאג וואס איהר וועט עסען דערפון, וועלען זיך אייערע אויגען אויפעפענען, און איהר וועט זיין ווי גאט און וויסען, וואס גוט און וואס שלעכט איז".

איז עס געווען מיין שולד, וואס ער האט דיינע עלטערן ווי די הינט ארויסגעיאגט פון גן עדן, פארשאלטען די ערד וואס האט זיי געזאלט דערנעהרען און זיי איבערגעגעבען דעם טויט און דער שקלאפעריי? איז דען דערפאר דאס ווארט, וואס איך האב ארויסגערעדט, וועניגער אמת געווען?

און ווידער אמאל שוויגט די שטים. א ציטער געהט דעם זקן אריבער איבער'ן קראנקען לייב, און פון זיינע ליפען קלינגט עס אפ טעמפ און שווער:

שטן, דו ביזט עס וואָס רעדט צו מיר. ווילסט ברייגגען מיין נשמה צו א נסיון, מיך אריינטרייבען אין די אָרעמס פון פאַרדאַמונג? עס געהט מיר אריבער א גרויל פאר דער שפּיציגער שאַרפקייט פון דיין לאָגיק. און דאָך שרייט מיין גאַנץ זיין דיר אַנטקעגען. זאָגסטו מיר דען ניט צו דערקענטעניש און וויסען? די אַלטע וואונדען הויבען אָן צו בלוטען, מיין האַרץ גליהט ווידער אמאָל אין אנגסטיגע יסורים, און וואונשען, וועלכע איך האָב שוין לאַנג געהאַלטען פאר באגראָבען, הויבען זיך אויף פון דער טיפעניש פון מיין נשמה און רייסען זיך ארויף אין הייסען דראַנג. פאַר׳שרפה׳ט ווערט מיין זעל פון׳ם ווילדען פייער, און אין מורא׳דיגע יסורים, אין טויזענט וועהען דרעהט זיך מיין גייסט. צי וועט ענדליך דאָך שלאָגען די שטונדע פון מיין בענקשאפט?

אָבער מען זאָגט, אז דעם טייוועל קאָן מען ניט טרויען. פאר מצוה, אוים ריינער ליעבע, טוט ער זעלטען עפּעס. דערום זאָג מיר קלאָר און אָהן צוריקהאלטונג: וואָס פאָדערסטו פון מיר פאַר דיין דינסט?

ניט פיעל, קלינגט עס ווידער אָפּ פון׳ם ווינקעל. קוים ווערט צו ריידען דעריבער. — אזוי לאַנג ווי דו לעבסט, זאָל דיר קיין וואונש ניט אָפּגעזאָגט ווערן. וואָס דיין פאַנטאַזיע קאָן נאָר אויסטראַכטען, דיין מוח באגעהרען, — דו וועסט זיך קיינמאָל ניט ווענדען צו מיר אומזיסט. קלאָר ווי קרישטאָל וועט צייט און רוים און טויט און אייביגקייט זיך אויפדעקען פאר דיר, און די טעמפּע שווערקייט פון יעדער רעטעניש וועט זיך אויפלייזען. דו וועסט דערקענען דעם גרונד פון׳ם גאנצען זיין און דעם גוט־דורכגעטראַכטען פּלאַן פון׳ם

געשעהן. פאר דיינע אויגען וועט פארשווינדען דער לעצטער גרענעץ, און וועלכען דיין גייסט איז ביז אהער געוועזן געבונ־דען. אויך דער קלענסטער פון דיינע קאפריזען וועט זיין פאר מיר א באפעהל, און זאל ווען עס איז קומען א מאמענט, ווען איך וועל דיר שולדיג בלייבען און ענטפער אויף עפעס, דאן ווערט איבערגעריסען דער באנד, וואס בינדט דיך צו צו מיר.

נאר אז עס וועט אמאל קומען די לעצטע שעה, ווען דיין לעבענס־קראפט וועט פארלאשען ווערן און דיין גייסט וועט זיך צוגרייטען צו דער גרויסער רוה, — איז וואס עס וועט דעמאלט קומען, דאס ליגט ביי מיר אין די הענט. וועגען דעם פאדער ניט קיין דין וחשבון.

א שטילער גערויש געהט דורך דורך'ן באלקען, און לייכ־טע שאטענס שוועבען ארום דעם ליכט פון'ם הענג־לאמפ. אין דעם אלטען'ס נשמה ציהען דורך הימעל און העל, דער גן עדן און דער גיהנום, און זיי קעמפען ביידע פאר'ן זיעג. — מיט אמאל בליצט אפ א שארפער שיין פון זיין אויג און פעסט קלינגט אפ די שטים, בעת ער רעדט:

זאל זיין אזוי: איך בין גרייט איינצוגעהן אויף'ן מסחר. וויסען! דערקענען! און מעג עס זיין בלויז אויף א קורצער וויילע. פארזינקען דעם בליק אין דעם גאנצען וויכער פון'ם געשעהן און דערזעהן די גרינדען, די סבות פון יעדען דאזיין, וועלכע איך האב אזוי לאנג געזוכט. כ'קאן עס קוים באגריי־פען; ס'איז אלזא פארט געקומען די לאנג־געגארטע שעה, וועלכע דארף מיר ברייגען דערלייזונג! — און איך האב דאך געמיינט, אז יענער משיח, וועלכער איז פאר אזוי פיעל מענ־

שען געשטאָרבען, וואָלט ניט געקאָנט ווערן קיין דערלייזער פאַר מ י ר.

וואָס קימערט מיך טויט און תחית המתים, פאַרדאַמונג, גיהנום, צייט און אייביגקייט, אזוי לאַנג ווי מיין גייסט לעכצט אומזיסט נאָך וויסען, נאָך דערקענטעניש, און מיין זעל געהט אוים אונטער יסורים פון בענקשאַפט! איז אָט דער אומגע־שטילטער דראַנג, וואָס נאָגט מיר ביים האַרצען, דען ניט ער־גער איידער די ערגסטע גיהנום-פיין? ס'איז דערום בעסער, איך זאָל נעמען אויף זיך אלע יסורים פון דער אייביגקייט, איידער שטענדיג ליגען איינגעהויקערט ביי פאַרשלאָסענע טירען און קיינמאָל ניט דערגעהן דעם גרונד פון דער רעטע־ניש.

שטן, איך בין גרייט! א בליק אין הארץ פון דער איי־ביגקייט באצאָלט פאַר אלע מאַטערנישען פון'ם גיהנום!

דאָ שפּאַנט אַרוים פון'ם טונקעלן הינטערגרונד פון צי־מער א הויכער, שלאַנקער בחור און בלייבט שטעהן אין דעם שטילען ליכט-קרייז פון'ם הענג-לאָמפּ, מיט א האָהן-פעדער אויף'ן הוט, דער קערפּער איינגעהילט אין א רויטען מאַנטעל. די שאַרפע צוגען פון'ם בלייכען געזיכט זיינען ווי מיט א מע־סער אויסגעשניצט, און א קלוגער שפּאָט שפּילט זיך ביי איהם אויף די דינע ליפּען.

אזוי, אלטיטשקער, געפעלסטו מיר, זאָגט ער מיט א קוויטשיגען טאָן. כ'האָב געוואוסט, אז דו וועסט נאָך קומען צו מיר. דו פּאַסט זיך אויך שווערליך אריין אין דעם אנדערן קרייז. א מענש, וואָס האָט אין זיך אזעלכע טיפענישען, איז ניט געמאַכט פאַר גאָט און זיין געזעץ.

פאַוסט

אָבער אצונד ארוים פון אָט די ענגע ווענט! אין צופויל־טען קאַסטען פוילט אויך דער גייסט. אויב דו ווילסט דער־געהן דעם טיפסטען זין פון'ם לעבען, מוזטו ברייגגען לענדער אונטער דיינע פיס, דארפסט ניט איינשמידען דיין נשמה אין קייטען הינטער פאַרשטויבטע פענסטער און הינטער אָפּגע־בליאַקעוועטע, פאַרגעלטע פּאַרמעטען. דאָרט אויף דרויסען לאַכט דיר אנטקעגען אַן אַנדער וועלט, וועלכע וועט ברייג־גען דיין אומרוהיגען גייסט דעם לאַנג־געגאַרטען פרידען.

נאָר איידער מיר פארלאָזען דאָס דאָזיגע צימער, וואָס איז פאַר דיר אזוי אָפט געווען א מאַרטער־שטוב, מוזטו אי־בערבייטען די אויסערליכע געשטאַלט. די עלטער איז די שווערסטע משא, וואָס דריקט די מענשען. אין דעם אַלטען קערפּער עלטערט זיך אויך דער גייסט. דער אמת, וואָס פאָרמירט זיך שטיל אין אַן אַלטען מוח, טראָגט שוין אין זיך צופוילטקייט, אזוי גיך ווי ער ווערט נאָר געבוירען, און דער־מאָנט אָן ווערימדיגקייט און אָן קברים־לופט.

נעם דאָס דאָזיגע פּראָשיקעל, צולאָז עס אין וואַסער, און באַנעץ דערמיט דעם קאָפּ און די גלידער. די ווירקונג דער־פון וועסטו גאָר גיך דערשפּירען.

דער אַלטער טוט ווי מען הייסט איהם, באַנעצט דעם קראַנקען קערפּער מיט'ן הייל־וואַסער און קאָן קוים באַגריי־פען דעם וואונדער, וואָס איז פּלוצלינג געקומען איבער איהם. די גריבער, וועלכע די צייט האָט איהם אויסגעגראָבען אין שטערן, זיינען ווי אָפּגעווישט געוואָרן דורך דער קראַפט פון'ם צויבער. פאַרשוואונדען איז די ווייסע באָרד, די ווייסע האָר, וועלכע האָבען ביז צו דער דאָזיגער רגע באדעקט זיין

קאָפּ, פארשוואונדען די לאנגזאמע פארניכטונג פון דער על-טער, וועלכע האָט איהם יעדע שעה דערמאָנט אָן דעם סוף.

א יונגער בחור שטעהט ביים פענסטער, בלאָנד און שטאַרק. פון זיינע אויגען שטראַלט די קראַפט פון דער יוגענד. ווי שטראָמען פייער געהט עס איהם דורך די גלידער, געהיימע כוחות פּאַרהאַרטעווען יעדען נערוו. די גאַנצע וועלט קוקט איהם אצונד אוים עפּעס אזוי אנדערש; ער פיהלט דאָס קלאַפּען פון׳ם לעבען׳ס דופק אין די אָדערן, אום-געהייערע, ריזיגע כוחות רייסען זיך איהם פון דער ברוסט.

אין מזרח געהט שוין אויף דער ערשטער שיין, ווען זיי שפּאַנען ביידע אריבער דעם אויסגעטראָטענעם שוועל פון׳ם אַלטען הויז און די שווערע טיר הינטער זיי פאלט צו מיט א קראַך אין שלאָס. מיט שנעלע טריט לויפען זיי דורך די שטילע, פאר׳חלום׳טע גאסען פון דער שטאָט צו דעם אלטען טויער. א פארשלאָפענער עפּענט זיי דער גרייז-גרויער וועכ-טער א שמאָל טירל, דורך וועלכען זיי געהען ארוים אויף דער פריי.

אצונד ליגט די שטאָט הינטער זיי און מונטער, מיט חשק שפּאנען זיי ארויף אויף דעם קליינעם בערגעל, ביז׳ן סאַמע שפּיץ, פון וואַנען זייערע בליקען נעמען אַרום די פּרעכ-טיגע אויסזיכט פון דער גאַנצער ווייטער געגענד. מיט פאר׳-שכור׳טע אויגען קוקט דער יונגער מאַן אראָפּ אין טאָל, בעת זיין שלאַנקער באגלייטער באַטראַכט די סצענע גלייכגילטיג, מיט א מיענע פון לאנגווייליגקייט.

אין׳ם שטראַלען-גלאַנץ פון דער יונגער זון ליגען וואַלד און פעלד. זינגענדיג הויבט זיך די לערכע אויף אין דער לופ-

טען און באגריסט פרעהליך דעם גרויסען, שטראַלענדיגען שטערן. א לוסטיגע סווישטשעריי קומט ארויס פון בוימער און קוסטען. זומער-פייגעלעך וויגען זיך אויף טוי-פרישע בלומען, און פון דעם נאָנטען וואַלד קלינגט אָפּ דער לאָקען־דער רוף פון׳ם קוקוק-פויגעל. אונטען אין טאָל געהט זיך דאָס קליינע טייכעל זיין וועג, פלוידערענדיג, מורמלענדיג, און אויף יענער זייט ליגט די אלטע שטאָט איינגעהילט אין צאַרטע שלייערן, א פאר׳כשופ׳טע וועלט אין׳ם צויבער פון שלאָף.

אזוי שען איז איהם די נאַטור נאָך קיינמאָל ניט פאָר־געקומען. קיינמאָל האָט ער ניט געפיהלט ווי היינט די גרוי־סע איינהייט פון זיין וועזען מיט יעדער באַשעפעניש. דער שווערער דרוק, וואָס איז איהם די אלע לאַנגע יאָהרען געלע־גען אויף דער נשמה, איז איצט אינגאנצען פאַרשוואונדען, און שטיל האָט זיך זיין גייסט געוויגט אין׳ם בלויען עטהער, ווי א שיפעלע אויף א שטילער אָזיערע.

מיט הייסע בליקען טרינקט ער די גאנצע הערליכקייט, וועלכע רינגעלט איהם ארום: יעדער טאָן, וואָס קלינגט אָפּ אין זיינע אויערען, באגליקט זיין הארץ ווי דער קוש פון א מיידעל.

אָפּגעלאָזען, מיט לאַנגזאַמע טריט שפּאַנען די צוויי וואנדערער אצונד מיט דער אנדער זייט בערגעל אין טאָל אַראָפּ און געהען ביים ברעג פון׳ם טייכעל, וועמעס וואַסערן קרימען זיך און פליסען שנעל אין פארשידענע ריכטונגען צו זייער ווייטען ציל. ביז וואנען דער וועג ברייננגט זיי צו א שמאָלער בריק.

א מיידעל אין א לייכט קליידעל און מיט בלומען אין די

גאָלדענע האָר, קוים זיבעצעהן אָדער אכצעהן זומערן אַלט, שטעהט שפּילעוודיג ביים אנדערן ברעג, און איהרע טיפע אויגען קוקען נאַאיוו און פול מיט אומשולד אויף די צוויי וואַנדערער. דער יונגער בחור כאַפּט גיריג אויף דעם דאָזי־גען וואַרעמען בליק, וואָס שטראַמט ארוים פון די האַרציגע אויגען, און א געפיהל, וואָס ער האָט ביז אַהער ניט געקענט, נעמט שטיל דורך זיין קלאַפּענדיג האַרץ.

צי איז דאָס ניט אקאָרשט ליעבע? ער האָט פריהער קיינמאָל ניט געוואוסט, וואָס ליעבע הייסט. ליעבע איז פאַר איהם שטענדיג געווען די קליינע זינד פון מענשען מיט א שוואַכען ווילען, וועלכע האָבען ניט קיין שום ערנסטען צוועק אין לעבען. די פרוי איז איהם פאַרגעקומען ווי דער סך הכל פון דער זינד און פון דעם ביליגען פאַרגעניגען, וואָס פיהרט אַראָפּ דעם מאַן פון דרך הישר, פון'ם וועג פון פליכט און ערנסטע געדאַנקען, מאַכט א תל פון זיינע כוחות און נעמט צו יעדען ציל פון זיין לעבען.

מחמת דעם האָט ער פאַרטריבען פון זיך דאָס אנדערע געשלעכט, כדי קיין זינדיגע תאוה זאָל ניט שטערן זיינע מחשבות, ניט פאַראַליזירען די פליגלען פון זיין גייסט. קיינ־מאָל האָט א פרוי ניט אַריבערגעטראָטען דעם שוועל פון יע־נעם זעלטענעם חדר, אין וועלכען ער האָט פאַרבראַכט דעם גרעסטען טייל פון זיין פריהערדיגען לעבען, אליין מיט זיינע ברויזענדע געדאַנקען, וועלכע זיינען געזעסען איינגעהויקערט דאָרטען אין יעדען ווינקעל, ווי צושראָקענע שליחים פון אומ־באַקאַנטע וועלטען. דאָס איז ניט געווען קיין אָרט פאַר פוס־טען צייט־פאַרטרייב און גלידער־באַפרייענדע תאוות.

אָבער אצונד, ווען דער בליק פון דעם דאָזיגען מיידעלע

האָט געברענט אין זיין האַרצען, איז איבער איהם געקומען אַ ניי געפיהל, וואָס איז געווען פולשטענדיג אין איינקלאַנג מיט דער טיפער איינהייט פון זיין ווען און אלצדינג וואָס האָט איהם ארומגערינגעלט. דער דראַנג נאָך צאַרטער אנטפּלעקונג, די בענקשאַפט נאָך דעם אומבאקאַנטען האָבען איהם אזוי זיס דורכגעשטראָמט דורך אַלע גלידער און דורכגעוואַרעמט זיין נשמה. זיין טריט בלייבט שטעקען אינמיטען וועג. אַ צומישטער קוקט ער פון דער זייט אָן דעם לאַנגען בחור, וועלכער האָט איהם די גאַנצע צייט באַטראַכט מיט קוים אונטערדריקטען שפּאָט.

וואָס זשע, אַזאַ רושם האָט דאָס ווייסע מילך־פּנים׳ל געמאַכט אויף דיר, זאָגט ער. אַ פיין בריאה׳לע, בנאמנות! נאָך פריש פון טוי און אַפּעטיטליך צום עסען. לייג ניט ארויף קיין צוים אויף דיינע געפיהלען, פאַרזאַם קיינמאָל ניט דאָס, וואָס די שטונדע שאַרט דיר צו! פאָרוועדטס, נאָר פאָרווערטס, דו אייַדעלער יונקער, ניט געקווינקעלט! עס וועט זיך ניט בריקען, דאָס יונג מיידעלע. בינו־לבינו וועל איך אויף אַ ווײַלע אָפּציהען פון דאַנען; אז דו וועסט מיך דאַרפען, בין איך גרייט דיך צו דינען.

ענטשלאָסען לויפט דער יונגער מאַן צו צום אנדערן ברעג, נעמט ארום מיט אַ לאַסטשענדען בליק דער מיידעל׳ס צאַרטע געשטאַלט. זיינע ווערטער פאַרכאַפּען און באַצויבערען איהרע חושים. אַ פאַרשעמטע לאָזט זי אראָפּ די אויגען און איהר געזיכט ווערט היים און רויט ווי פייער. — אצונד זיצען זיי אויף אַ שטיין באַדעקט מיט מאָך, אין שאָטען פון אַן אַלטען בוים, און ריידען פאַרטרויליך איינער צום אנדערן ווי

פריינט, וועלכע האָבען זיך פון תמיד אָן געקענט. ביז די הענט פלעכטען זיך צונויף איינע אין די אנדערע און די ליפען באַגעגענען זיך שטומערהייט צום קוש.

נאָר ווען דאָס יונגע פּאָר'ל הויבט זיך שטיל אויף און לאָזט זיך געהן איינג געאָרעמט צו דעם נאָהנטען וואַלד, פאָלגט זיי נאָך דער רשעות'דיגער בליק פון'ם לאַנגען בחור, וועלכער שטעהט ביים אנדערן ברעג מיט צוזאמענגעלעגטע אָרעמס און רעדט מיט שפּאָט:

אָה מענש, דו יאָמערליכע בריאה, געמאכט פון גייסט און ערד־בלאָטע! זיין גייסט וויל שטענדיג זיך אויפהויבען צו דער העכסטער הויך, אָבער די בלאָטע ציהט איהם אראָפּ צו דער ערד, אזוי אז ער איז אייביג קלעפּיג און אייביג לעכ־צענדיג. א קאָמישער בחור איז דער מענש! ער האלט תמיד אין איין זוכען דעם שטיין פון די קלוגע, נאָר דאן ווען ער פיהלט זיך אם נאָנטסטען צו דער דערקענטעניש, באגעהט ער גראָד די גרעסטע נארישקייט פון זיין לעבען. אין הימעל־שער בענקשאפט, אין שטערען־חלומות שוועבט זיין גייסט, אָבער ער אליין באמערקט ניט, אז ער ליגט אין רינשטאָק ווי א שכור, וועמען דער יונגער וויין האָט אונטערגעשטעלט א פיסעל.

אָט דער חברה־מאַן איז געזעסען זיבעציג יאָהר אין הויז און אין חלום האָט ער געבויט בריקען צו דער אייביגקייט, זיך געפּייניגט אין זעלבסט־געמאַכטע יסורים און איז שיער פון זינען ניט אראָפּ, וואָס זיין גאָט האָט איהם ניט אראָפּ־גענומען דעם שלייער פון די אויגען, כדי ער זאָל קאָנען קלאָר זעהן דעם גרונד פון אלע רעטענישען. אין זיין מוח האָט ער געטראָגען וועלט־אומפאסענדע געדאנקען און האָט אָפט גע־

מיינט, אז ער פארנעמט דעם ריטם פון וויטע וועלטען. מיט פיבערהאפטע בליקען האט ער געווארט אויף דער שטונדע, ווען עס וועט זיך ענדליך אויפהויבען דער טונקעלער פאר־האנג, וועלכער האט איהם ביז אהער פארשטעלט דעם צוועק און זין פון'ם לעבען. — און אז ער איז בילאכוויז געוואהר געווארן, אז זיין גאנץ טראכטען איז שטענדיג געבונדען אן צייט און רוים, אז עס קאן זיך דעם גייסט קיינמאל ניט איינ־געבען צו דערפארשען דעם גרונד פון די זאכען, דאן האט איהם שיער דאס הארץ געפלאצט, און זיין זעל האט אויסגע־שריען צו מיר אין אומבאשרייבליכע יסורים.

אבער היינט איז דער נאאיווער מענש שוין קורירט. קוים האט ער נאר פארזוכט דעם טעם פון בלוט, וועט שוין די גרויסע בענקשאפט ביסלאכוויז פארשווינדען פון איהם. זיין גייסט, וואס האט זיך אמאל פארמאסטען ארויפצוקלע־טערן אויף די העכסטע הויכען, וועט זיך מוזען באנוגענען מיט דעם „וועסטום-בארג". אנשטאט צו דערזעהן דעם גרונד פון די זאכען, וועט ער זיך אויסלערנען צו דערגרונטעווען דער פרויי'ם שוים. און אט די קונסט וועט זיך איהם בעסער איינגעבען, איידער די לופט-שלעסער פון זיינע געדאנקען, וועלכע ער האט זיין גאנץ לעבען געבויט, און וועלכע האבען דאך קיינמאל ניט געוואלט אננעמען קיין פארם. אזוי וועט זיך אויסברענען די אומגעשטילטע בענקשאפט פון דער לעצ־טער האפנונג אין'ם וואונש פון קיינמאל ניט זאט ווערענדער ליידענשאפט, און ביליגע תאוות וועלען פארטרייבען דעם דראנג נאך דערקענטעניש.

פונדעסטוועגען וועט ער קיינמאל ניט באגרייפען זיין נארישען שפיל. ווארים אויך אין קליינינקייטען איז זיין

אויג אָנגעשטעלט נאָר אויף פּרעספּעקטיוועז, און ער זעהט ניט וואָס עס ליגט איהם פאר דער נאָז. ער בארימט זיך מיט זיין פרייען ווילען, מיינט אז ער איז אליין דער שמיד פון זיין שיקזאל און איז דאָך ניט מעהר ווי די מאַריאָנעטקע, וואָס דרעהט זיך אויף דעם פאָדים פון טונקעלע מאַכטען.

נו, איז ער ברוגז אויף זיין גאָט דערפאַר וואָס ער האָט איהם גענאַרט, איהם יאָהרען־לאַנג ארומגעפיהרט ביי דער נאָז, און ער האָט קיין אהנונג ניט, אז ער איז ווידער אריינגעפאַלען אין נעץ, אז ער האָט שוין איינגעביסען אין א נייעם געשמאַקען ביסען און צאפּעלט זיך ווידער אמאָל אויף א האטשיק. אז ער האָט דעם נעץ מיט דעם געשמאקען ביסען אליין אויסגעלעגט, אז ער האָט דעם נייעם האטשיק אליין געשמידט, ווי אלע פריהערדיגע, דאָס קומט איהם, פארשטעהט זיך, קיינמאָל ניט ארויף אויפ׳ן זינען.

און דאָך ליגט אָט דער אמת אזוי נאָענט צו איהם. איך און מיין ברודערל דאָרט אויבען, וואָס זיינען מיר דען, אויב ניט די באשעפענישען פון זיין פינסטערן דראַנג! ז י י ן גייסט האָט אונז געשאַפען, די דריקענדע היץ פון׳ם גלויבען האָט אונז אויף דער וועלט געבראכט און אונז אריינגעשלייט אין׳ם רייך פון דער ווירקליכקייט. —

אזוי חזר׳ט זיך תמיד איבער דאָס זעלבע שפּיל, וואָס ווערט סוף כל סוף מורא׳דיג לאנגווייליג, מחמת די ראָלען זיינען שטענדיג גלייך. וואָרים צי עס איז דער שטן אָדער גאָט, וואָס ציהט ארוים די העכסטע טרומפען אין דעם דאָזיגען שפּיל, איז דאָך כ׳לעבען אלצאיינס און ענדערט גאָרנישט אין דעם רעזולטאַט, אין וועלכען דער מענש ווערט דאָך שטענדיג איינגעשטעלט אין קאָן. —

די יאָהרען פליהען אין'ם פילפאַרביגען שפיל פון דער צייט און אומרוהיג געהען ביידע וואַנדערער זייער וועג דורך פרעמדע לענדער, איבער פרעמדע ימ'ען. מעהר ווי איין פיינע שטוקע האָט איהם דער לאַנגער געוויזען. דאָס ליעב פובליקום פאַררייסט דעם קאָפּ און שטרעקט אויס די הענט, אזוי גיך ווי ער הויבט נאָר אָן שפּילען זיינע קונצ-שטיק, צלם'ט זיך אויך איבער און טרעט איהם אָפּ דעם וועג פול מיט שרעק.

ער באַקענט זיך ווי געהעריג מיט די הויכען און טיפ-קייטען פון'ם לעבען, איז ביי סטודענטען, פויערים און ארומ-פאָהרער ווי ביי זיך אין דערהיים; אָבער אויך דער גלאַנץ פון די גרויסע איז איהם גוט באַקאַנט. אין מעהר ווי איין הויף איז ער א געווינשטער, אָנגעלעגטער גאַסט, וועלכער דערפרעהט מיט זיין כשוף די הערצער פון די גאָט-געזאַלבטע, פילט אָן זייערע קופערטס מיט גאָלד און אמוזירט זיי נאָך דערצו דורך מאסקעראַד און פארשידענערליי שווארץ-קינצ-לעריי.

דער לאַנגער האָט דאָ כ'לעבען גאָרנישט קיין גרינגע און פרעהליכע ארבייט, וואָרים ווי דער זאַמד ביים ברעג פון ים אזוי אומצעהליג זיינען די קאפריזען פון'ם בחור, וועמען זיין קונסט האָט געגעבען די צווייטע יוגענד. זיין קאָפּ איז פול מיט טויזענט תאוות און באַגעהרען, און יעדער וואונש ווערט באַלד דער פאָטער פון א נייעם שטראָם פון וואונשען. אין אָט דעם כאַאָס פון פלאַטערענדע געדאַנקען איז ניטאָ קיין רוה-פונקט, קיין פעסטער אָרט. אידעען שטראָמען און שטור-רעמען ארויף און אראָפּ אין א משוגענעם טאַנץ און שטאַר-בען גלייך אָפּ, נאָך איידער ער האָט זיי ביז צום סוף אויס-

געדענקט. ס'איז אַ שטענדיגער ארויף און אַראָפּ פון גע־פיהלען, אַ שטורם פון אומרוהיגע ליידענשאַפטען, אָהן יעט־וועדען צוועק, אָהן וואָס פאר עס איז ריכטונג.

דאָס וואָס האָט אַמאָל פאר אסך יאָהרען געברענט ביי איהם אין האַרצען, די טיפע בענקשאפט נאָך דעם גרונד פון די זאַכען, דער הייסער דראַנג וואָס האָט געשטרעבט צו דער־קענטעניש, דאָס איז שוין לאַנג אָפּגעשטאָרבען און טיף באַ־גראָבען. זעלטען ווען עס דערמאָנט איהם נאָך אַ שטילער קלאַנג אין שטילע שטונדען אָן דער פאַרגאַנגענער צייט. דאַן שטורעמט פּלוצלינג אויף אין איהם די אַלטע בענקשאַפט, און ציטערענדיג פיהלט זיין גייסט דאָס רוישען פון ווייטע וועלטען. אָבער דער לאַנגער רייסט איהם דאַן אויף גיך ארויס פון זיינע חלומות דורך מאַסקען־שפיל און פוסטע קליי־ניגקייטען פון דער שטונדע. שנעל פאָלגט זיין גייסט די נייע שפור, וועלכע ווערט איהם אָנגעוויזען, און יעדע בענקשאפט פארשווינדט אין דער טיפעניש.

אזוי פאַרגעהט כסדר אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר, און שטיל יאָוועט זיך צום צווייטען מאָל די עלטער. די האָר ווערן בלייך, די אויגען מוטנער, און טיף אינעווייניג עפענט זיך ברייט פאַנאַנדער די גרויסע פוסטקייט.

אצונד לאָזט איהם שוין דער לאַנגער אויך צורוה און שטערט איהם זעלטען אין זיינע גריבלערייען. די גרויסע איינזאמקייט באפאלט איהם, נעמט איהם אָן מיט אַ ציטער ביים האַרצען, און וויסט ליגט דער וועג פון'ם לעבען פאר זיינע אויגען.

מיעד ציהט דורך דער הערבסט דורך'ן לאַנד, און שטיל

פאַלען די בלעטער פון אלע בוימער. פאַרוויאַנעטע בלעטער דרעהען זיך אין׳ם ווינט, דאָס גרויסע שטאַרבען גערט דורך דורך וואלד און פעלד. און אויך אין איהם איז ביסלאכוויז געוואָרן הערבסט; נאָר טיף אין הארצען טליעט נאָך ביי איהם א פונק פון יענעם פייער, וואָס האָט איהם אמאָל פאַר־צעהרט און איהם ארויסגעטריבען פון׳ם היים־לאַנד אויף פרעמדער ערד.

ווי אַמאָל זיצט ער אויך היינט ווידער אין הויז און גע־דאַנקען, טעמפּ און שווער, קייקלען זיך אין זיין מוח. ווילד יאָגט דער הערבסט־ווינט דורך דער קאַלטער נאכט און טרייסעלט מיט שפּאָט די אַלטע געביידע. ביים פענסטער זיצט ער, ווי מיט פיל יאָהרען צוריק, און מיעד בלאָנדזשעט זיין אויג דורך דעם טונקעלן צימער. אָבער היינט לייכט איהם פון דאָרט ניט קיין שטערן, קיין לבנה־שטראַל דרינגט ניט דורך די פינסטערניש. שווארץ, ווי אן אָפּגרונד, עפענט דער הימעל אויף זיין מויל איבער איהם. ווי איינגעמויערט פיהלט ער זיך אין דער שאַכט פון א ברונען, און טונקעלע שאָטענס קומען ארויף פון דער טיפעניש.

נו, קומט אלזאָ א סוף צו דעם משוגענעם שפּיל, מור־מעלט ער. דער לאנגער גנב האָט, ווייזט אויס, אָפּגעצויגען. פונקט היינט, ווען ער האָט מיר געדארפט אָפּגעבען דין וחשבון, האָט ער מיך אויף א שענדליכען אופן אוועקגעוואָר־פען. — און דאָך, וואָס טויג ער מיר אין אַט דער שעה? איך קאָן איהם סיי ווי לענגער ניט אַריבערטראָגען. בין איך דאך שטענדיג געווען אליין, אויך דעמאָלט, ווען אנדערע האָבען זיך מיט מיר פאַראייניגט. היינט איז עס טאָפּעלט גוט צו

זיין אליין, אזוי אז קיין שפּאָט זאָל מיר ניט פאַרשטערן די לעצטע שטונדען.

ווי א שטילער חלום לאָזט עס זיך אראָפּ אין זיין האַרץ, און פון דער טיפעניש קלינגט אָפּ א שוואַכער קלאַנג. איז דאָס דער שטילער ריטם פון ווייטע וועלטען, וועלכען ער האָט פאר צייטען אָפּטמאָל פארנומען, ווי דאָס שטילע רוישען פון דער טיפסטער אייביגקייט?

א קיהל ווינטעלע נעמט ארום דעם הייסען שטערן, און שנעלער קומען ארויף די געדאנקען פון דער טיפעניש. קלאָר ווי קרישטאָל קוקט איהם אוים יעדעס וואָרט, וואָס פאָרמירט זיך אָהן מיה ביי איהם אין מוח. אזוי טיף האָט ער די זאַכען נאָך קיינמאָל ניט דערזעהן.

איז דאָס די לעצטע אנטפלעקונג? פרעגט ער זיך מיט שרעק. די לעצטע אנטפלעקונג פאר׳ן סוף? — אצונד זעה איך קלאָר, ווי שופען וואָלטען מיר אראָפּגעפאלען פון די אויגען; צובראָכען אין שטיקער ליגט די לעצטע אילוזיע. צום צווייטען מאָל פארראַטען און פארקויפט! און כ׳האָב זיך דאָך געפיהלט אזוי שטאַרק אין מיין איינבילדונג!

דעם מאַסען-מענש באַטריגט מען בלויז איינמאָל אין לעבען. מיך אָבער, ועמען די וועלט האלט פאר דעם גרויסען חכם, האָט מען צום צווייטען מאָל אָפּגענאַרט.

אפריהער איז עס געווען גאָט, וואָס האָט מיך ארומגעפיהרט ביי דער נאָז, דערנאָך האָט מיך דער שטן געלערנט קונצען, מיך דרעסירט ווי א הונט. און איך, איך נאַר האָב ניט דערקענט דאָס עקלהאפטע שפּיל און זיך געפיהלט ווי א האַר און מייסטער, בעת איך בין דאָך בלויז געווען דער אַף

פון זיין ווילען, דאָס בלינדע ווערקצייג פון זיין שוואַרצקינצלעריי!

ווי גרוים און מעשה־באַשעפער האָב איך דאָס אויסגעקוקט אין מיינע אויגען, ווען איך האָב מיט אַ בייזער האַנד צוריסען דעם באַנד וואָס האָט מיך ביז דאַן געהאַט צוגעבונדען צו גאָט! דערגרונטעוועוען האָב איך געוואָלט, דעם אָנפאַנג, דאָס קערנדל פון די זאַכען דערזעהן, פאַרטיפען, פאַרזינקען דעם גייסט אין דער קלוגשאַפט פון דער גאַנצער עקזיסטענץ. נו, האָב איך די גליקזעליגקייט פון מיין זעל געאָפּפערט, די קללה פון דער אייביגקייט אויף זיך גענומען פאַר אַ קורצען שפּאַן פון ברענענדער דערקענטעניש.

דער שטן האָט עס מיר צוגעזאָגט. און איך, איך נאַר, איך האָב געגלויבט זיינע ווערטער, זיך געלאָזט פיהרען פון איהם ביי דער נאָז און קיין אהנונג ניט געהאַט, אַז איך בין געווען דער שפּיל־באַל פון זיין קאַפּריז.

דערקענטעניש האָט ער מיר צוגעזאָגט. אָבער אָנשטאָט פאַר מיר אויפצודעקען דעם זין פון׳ם לעבען, דעם אָנהויב און דעם סוף פון אַלצדינג, האָט ער מיר צום ביליגען, לפי־שעה׳דיגען צייט־פאַרטרייב געגעבען די פרוי אַלס צוציהונג, וואָס האָט צופלאַקערט אין מיר דאָס פייער פון די תאוות און געבראַכט דעם גייסט צום שטילשווייגען. אין קליינגעלד האָט ער אויסגעביטען דעם דראַנג פון דער זעל, און די פליגלען פון מיין בענקשאַפט האָט ער מיר אונטערגעהאַקט, נאָך איידער איך האָב אליין געהאַט אַן אהנונג דערפון.

אָבער אַצונד דעקט זיך אויף פאַר מיר דער גרונד, דאָס קערנדל פון דער רעטעניש. גאָט און דער שטן זיינען פון׳ם זעלבען שטאַם, די צוויי פּאָלען, אַרום וועלכע אונזער לעבען

דרעהט זיך. אָהן גאָט איז ניטאָ קיין שטן, קיין שטן אָהן גאָט! אלס צווילינג געבוירען אין דער זעלבער שעה, זיינען זיי געשמידט אין דעם זעלבען יאָך, וואָס האלט זיי צוזאמען ביז'ן סוף פון די צייטען.

דעם מענשען'ס לעבען ליגט אין דעם דאָזיגען קרייז. מיר שיפען זיך כּסדר פון איין פּאָל צום אנדערן, אָבער מיר קענען זיך קיינמאָל ניט ארויסדרעהען פון דעם צירקעל, וועלכער האלט אונז געפאַנגען אין זיין צויבער. און קומט אונז אין א ליכטיגער שעה ארויף אויף'ן געדאנק, אז איינער פון די צוויי מאכט אונז בלויז צום נאַר, דאַן ווענדען מיר זיך גלייך צו דעם אנדערן, אז ער זאָל אונז ארויסהעלפען פון דער נויט, ווערן פאר אונז א משיח און א דערלייזער.

און יענער וואַרט שוין אויף אונז, גיט אונז דעם זעלבען שטאָף, ארומגעקלעפּט מיט נייע מוסטערן, כדי מיר זאָלען ניט דערקענען די אַלטע סחורה. גאָט און דער טייוועל הייסט די אַלטע פירמע. איינער קאָן ניט זיין אָהן דעם אנדערן, אַניט וואָלט באַלד געוואָרן א סוף צום מסחר.

אזוי לאַנג ווי אונזער גייסט דרעהט זיך אין דעם דאָזיגען צירקעל, וועט פאר איהם קיינמאָל ניט לייכטען דאָס ליכט פון דער דערקענטעניש. וואָרים די דערקענטעניש — דאָס פיהל איך קלאָר — ליגט אויסערהאַלב פון גאָט'ס און פון'ם שטן'ם קרייז; אָבער ביז איצט איז ניטאָ קיין וועג וואָס זאָל פיהרען צו איהר רייך. —

פאַר מיר איז שוין אצונד צו שפּעט, כ'פיהל, אז די שטונדע קומט. די מידע גלידער שמאַכטען נאָך רוה. אָבער מיין געשלעכט וועט ניט שטאַרבען מיט מיר. אַזוי לאַנג ווי דער מענש וועט וואוינען אויף דער דאָזיגער ערד, וועט זיין גייסט

זיך מיהען און שטרעבען צו דערקענטעניש, ביז זיין זאמען וועט פאַרגעהן אין׳ם שטראָם פון דער צייט.

נו, ליגט די צוקונפט קלאָר פאר מיינע אויגען. ווי וויטע אָרגעל-קלאנגען הילכט עס אָפּ אין מיינע אויערען. ס׳איז די הימנע פון קומענדע דורות:

באַפרייאונג פון׳ם מענשען דורך זיך אליין! דערלייזונג דורך דער אייגענער קראַפט!

ווייט, ווייט אין מזרח גליהט נאָך א זון, וואָס האָט קיינ־מאָל ניט באַלויכטען די דאָזיגע ערד! אָבער פאר מיר איז געקומען די צייט, די לעצטע שטונדע דערנענטערט זיך. שוין זעה איך דעם טונקעלן זוים פון׳ם מדבר.

*   *

*

גרוי איז דער הימעל. עס געניצט דער מדבר.

אויסגעשטרעקט אין דעם ברוינעם מדבר-זאַמד ליגט א ספינקס פון שווארצען מארמאָר-שטיין, דער בליק פארזונקען אין׳ם רייך פון וויסטע ווייטקייטען.

ניט קיין שנאה, ניט קיין ליעבשאַפט שטראַלט פון דעם דאָזיגען בליק ארויס. דאָס אויג איז פארשלייערט פון טיפען טרוים, און אויף דער קאלטער פראַכט פון די שטומע ליפען שוועבט שטיל-שמייכלענדיג די שטילסטע אייביגקייט.

דער ערשטער וואנדערער קוקט אריין דער ספינקס אין די אויגען, אָבער ער קאָן קיינמאָל ניט לייזען איהרע רעטע־נישען, און שטום, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט, לאָזט ער זיך אַראָפּ אין דעם שטויב פון׳ם מדבר.

דער צווייטער וועג

פון אנדאלוזיע קומט דער וועג, און אָנהויבן הויבט ער זיך אָן אין די ענגע גאַסען פון סעווילא, די שטאָט פון ליעבע און פון אַוואַנטיורע.

ווען די זון וואַרפט איהרע הייסע שטראַלען איבער ווייסע מויערן, ווען קיין הויך קיהלט ניט אָפּ די בלעטער פון די פּאַלמען־בוימער און א שווערע פאַרע שפּאַרט ארויס פון דער ערד, דעמאָלט רוהט סעווילא, ציהט נאַכלעסיג אויס די גלידער און וואַרט אויף דעם קיהלען ווינטעל פון׳ם אָווענט.

נאָר ווען די נאכט לאָזט זיך שטיל אראָפּ און טויזענט שטערען פונקלען אין די וואַסערן פון׳ם שטראָם; ווען עס רוישען שטיל די פּאַלמען־בלעטער און זיסע דופטען קומען פון די גערטנער, דאַן וואַכט סעווילא, דאַן שפּאַנט די זינד מיט לייכטע טריט דורך די אַלטע גאַסען און הילט איין די גאַנצע שטאָט אין איהר מאַנטעל.

פון פינסטערע ווינקלען לאָזען זיך הערען מאנדאָלין־קלאַנגען, גיטאַרען־שפּיל און ליעבעס־סערענאַדען. אין טיפער באַרוישונג פלאַקערט אויף דאָס פייער פון די תאוות. עס צערטעלט זיך די כוואַליע אין די פליסענדע וואַסערן פון׳ם

שטראָם, עס שושקעט זיך די בלום מיט דעם לעבליכען ווינט, און פייער־זשוקלעך גרייטען זיך צום ליעבעס־פעסט. די לופט איז אָנגעפילט מיט דער היץ פון הייסע קושען. ס'קוקט אויס, אזוי ווי די ערד וואָלט שטיל געציטערט אין א הייסען, ברע־נענדיגען באַגעהר, וואָס שטראָמט איהר ארויס פון אלע פאָ־רען.

הויך איבער די שטאָלצע מויערן פון'ם אַלקאַזאַר שיינט העל דער גילדערנער סערפּ פון דער האַלבער לבנה, אן עדות פון לאַנג־פאַרגאַנגענע פראַכט. קיין קריסטען־גאָט איז ניט געוועזען שטאַרק גענוג צו פאַרטרייבען דעם אַלטען צייכען פון דעם וועלט־רוים. און זיינען די דרייסטע מחמד'אנישע מחנות געפאַלען אין בייזען קאַמף, באזיגט, צומאַלען פון דעם שווע־רען קרייץ, לויכט אָבער דעם נביא'ס צייכען נאָך אלץ אראָפּ פון הימעל און שפּיגעלט אָפּ זיין גלאַנץ אין שפּאַניען'ס טייכען.

אויף אָט דער הייסער ערד איז ער געבוירען געוואָרן, די ליידענשאַפט פון דער זונד ליגט איהם אין'ם בלוט, פילט איהם אָן מיט דעמאָנישע פאַרלאַנגען.

שוואַרץ קרייזלען זיך די לאָקען ארום דעם שטאָלצען קאָפּ. פון זיינע געזיכט־צוגען רעדט ארוים די ווידערשפּעניג־קייט, די צו־להכעים שפּראַך פון'ם רעבעל, דער ווילדער דראַנג פון דער דרייסטקייט, וואָס קיין געזעץ קאָן ניט האַלטען אין צאַם, קיין הייליגטום קאָן ניט צוטרייסלען.

פון טונקעלע אויגען שפּריצט גיהנום'שער פייער און הימעלשע גליקזעליגקייט. אָבער וועה צו דער פרוי, וועלכע איז פאַר'כשופ'ט פון'ם דאָזיגען בליק, וואָס דרינגט אריין אין

דער נשמה, שרפה׳נדיג ווי די היץ פון׳ם מדבר. דער מורא׳-דיגער פאַרלאַנג פון דער זינד שפּרינגט און טאַנצט איצט אַרום ביי איהר אין בלוט, דער קערפּער דרעהט זיך אין ווילדע פיבער-היצען, און יעדער נערוו שרייט אויס אין ברענענדען באַגעהר.

ווען ער שפּאַנט שטיל, אָהן גערויש, ווי א לעמפּערט אין דער פינסטערניש, דאַן איז די געפאַהר ביי דער האַנד. אויפ׳ן שפּיץ פון זיין שווערד טאַנצט דער טויט, און ס׳איז שרעקליך איהם אריינצוברענגען אין כעס, צו רייצען זיין צאָרן. וואו ער באַווייזט זיך, דאָרט געהט איהם נאָך דער פינסטערער שיין פון מאָרד, די אומגעצאַמטע ליידענשאַפט פון׳ם גיהנום.

די טייבעלעך אויף׳ן דאַך כאַפּט אָן א ציטער, וואָרים קיין וואַנט איז ניט צו הויך, קיין פאַרקען ניט צו שטאַרק פאַר איהם. שטאָלץ ווי דער שטן באַשטעהט ער אויף דעם פּלאַן. דער ריגעל רוקט זיך צוריק, די ווענט פאַלען איין. דאָ העלפט ניט קיין בעטען, העלפט ניט קיין וויינען. ער בלייבט ניט שטעהן אויף האַלבען וועג, און אויף זיין שליאַד פאָלגט דער טויט, די שאַנד און די קיינמאָל ניט פאַרגעהענדע יסורים פון דער פאַרצווייפלונג.

ווען ער הוליעט אָט די גאַנצע נאַכט אין קרייז פון פרעה-ליכע טרינקער; ווען דער בלוט-רויטער וויין פונקעלט איהם אנטקעגען אין בעכער, דאַן טרינקט ער הימעל-לוסט און ער-דען-גליק. וואָרים יעדער טראָפּען, וואָס געהט איהם דורך די אָדערן, וויקעלט בלויז פאַנאַנדער די פינסטערע כוחות פון זיין וועזען, וואָס איז אונטערוואָרפען זיין אייגענעם געזעץ.

אין׳ם וויין גליהט דער פייער-שטראָם פון דער וואַרהייט,

נו, הויבט ער דאן אָן צו רעזאָנירען, צו טענה'ן מיט זיך אליין. אָבער יעדע וואַרהייט איז בלויז באַרוישונג פון די חושים, און יעדע באַרוישונג איז בלויז א טרוים. אין דער באַרוישונג פאַלט אראָפּ דער שווערער יאָך פון'ם ליגען, די וואַנד וואָס די טיראַניי פון'ם פאַרשטאַנד האָט אוועקגעשטעלט, כדי איינ־צוצאַמען דאָס געוואַגטע שפּיל פון די חושים.

ווען אַזאַ גוט־ערצויגענער נאַרישער בחור טרעט אריין ווי א דרעסירטע היִנטעל אין לעבען, פאַרשטעהט ער אויף א מייסטערהאַפטען אופן צו אונטערשיידען צווישען גוט און שלעכט. עס טריפט פון איהם מיט אנשטענדיגקייט, פיינ־קייט און גוטע זיטען און ער צושפּרייט זיך ווי א פּאַווע מיט זיינע עטיק־פעדערן, וועלכע זיינען ווי אָנגעמאָסטען פאַר איהם אין פייערטעג. ער רעכענט אוים יעדע באַוועגונג, וועגט איבער יעדעם וואָרט, פאַרדעקט מיט א פרומער האַנד די נאַקעטקייטען פון'ם געפיהל און היט שטאַרק אָפּ יעדען אַלטען מנהג.

פאַר אַלצדינג האָט ער א זין און א צוועק. זאָגאַר דער זינד גיט ער איהר נאָרמע, און זינדיגט ער, איז דאָס שטענדיג מיט מאָס, כדי ער זאָל חלילה ניט ארויסגעהן פון דער ראָלע. — עס כאַפּט מיך אָן אַן עקעל, ווען איך באַטראַכט אָט די בריאה.

אָבער עס טרעפט אַמאָל, אז אַזאַ נודניק פאַרגעסט זיך און דער וויין צוטומעלט איהם, פאַרנעבעלט איהם דאָס שטי־קעלע מוח, דאַן שוויצט די תאוה'לע איהם ארוים פון אלע פאָרען. די שען פארקעמטע טוגענד פאַלט פון די פּיס, וואַל־גערט זיך ארום ווי א חזיר אין דער בלאָטע. דער דינער קאָנ־ווענציאָנעלער לאַק הויבט זיך אָן ברעכען, צום טייוועל געהט

די גוטע ערציהונג, און בלויז א הייפעלע שמוץ בלייבט אויף איהר אָרט.

אזוי גיך אָבער ווי דער רויש פון'ם וויין געהט נאָר אריי־בער, כאַפּט איהם גלייך אָן דער גאַנצער יאָמער פון דער מענשהייט. דאָס הערצעלע קלאַפּט פון חרטה. — דאָס האָט אודאי דער ניט־גוטער איהם אונטערגעשטעלט א פּיסעל. פּונקט ווי דער טייוועל וואָלט זיך געקימערט וועגען אזעלכע ברואים!

קלעגליכע מענשען, וואָס זיינען ניט דערוואַקסען צו דער העכערער קונסט פון דער גרויסער זינד. דאָס וואָס זיי רופען אָן זינד, דאָס זיינען בלויז תאוה'לעך פון שוואַכע שטונדען, וועלכע ווערן לייכט דערפילט און שנעל פארגעסן. און געהט אַזאַ „יאָלד" אַמאָל אויף פאַרבאָטענע וועגען, געטריבען דערצו פון'ם פייערל וואָס ברענט אין איהם, קוקט ער מיר אוים ווי א סרים וואָס שטאַמעלט ליעבע־ווערטער מיט א האַלבען מויל, אָהן קראַפט. זאָגאר די זינד מאַכט ער אימפּאָטענט.

פון זינד ווייסט ער ווירקליך ניט צופיל, און דער קרבן פון זיין דערלייזער וועגט ניט שווער. מ'שטיינס געזאָגט, וואָס עס וואָלט דאָ געווען צו דערלייזען ביי אזעלכע באַשע־פּענישען!

אָבער די גרויסע זינד, וואָס נעמט מ י ך געפאַנגען, וועלכע געהט דורך נאַקעט און ניט געשמינקט דורך'ן לעבען, שרעקט זיך ניט פאַר'ן גיהנום און לאַכט זיך אוים פון'ם הימעל'ס פלוכען; די זינד, וועלכע בויגט זיך ניט פאַר קיין גאָט און קוקט מיט שטאָלצער פאַראַכטונג אויף דער אָנגע־צייכענטער רעגעל פון די מענשען, — זי פיהלט זיך איינפאַך באַליידיגט, געשענדעט דורך אַזאַ לומפּ!

נאָר מעהר נאָך ווי דעם הייסען רויש פון'ם ווייַן איז ער איבערגעגעבען דעם משוגע'נעם שפּיל פון דער ליעבע. דאָ איז זיין מלוכה, דאָס שלאַכטפעלד פון זיינע מעשים. קיין מיטעל איז פאַר איהם ניט צו שלעכט, קיין רשעות ניט גרויס גענוג. ער קעמפט מיט קונצשטיק, מיט כיטרעקייט, מיט געוואַלט, כדי צו פאַרפיהרען פרויען־הערצער. אין הויפענס שטויב צופאַלט די שטאַרקסטע פעסטונג, וועלכע ווערט גע־שטורעמט פון זיין ברענענדיגער תאוה.

אָבער קוים האָט ער נאָר מיט א פאַרברעכערישער האַנט צובראָכען די פרוכט, וועלכע האָט איהם אַמאָל גערייצט, וואַרפט ער זי אוועק און לאָזט זי איבער אויפ'ן מיטען וועג. אזוי גיך ווי די תאוה איז דערפילט, ווערט איהם נמאס דער גענוס, און זיין זעלע גאַרט נאָך נייע תאוות. בלויז די ערא־בערונג רייצט איהם, ניט דער באַזיץ.

זיין אויער איז טויב פאַר ביטעס, געשרייען, געוויינען. און שרייט זיין אָפּפער אויס מיט טיפסטע יסורים, בעט זיך ביי איהם און באַשווערט איהם, אז ער זאָל באַשיצען איהר עהרע, איהר געבען די האַנט, ווי ער האָט איהר צוגעזאָגט, און אויף אַזאַ'ן אופן באַזייטיגען די שאַנד, וואָס ער האָט איהר אָנגעטאָן, דאַן פאַרציהען זיך זיינע ליפּע מיט א לייכ־טען שפּאָט, און מיט א בייסענדען חוזק־טאָן פטר'ט ער אָפּ איהר טרערען־שטראָם:

גערויבטע אומשולד, ליעב קינד, פאַרלאָרענע עהרע? גלויב מיר, דאָס איז ניט פיעל ווערט. טיף ווי דער ים איז מיין זעלע. ווי וואָלט איך זיך געקענט פאַרבינדען אויף איי־ביג מיט איינער, ווען עס זיינען פאַראַן אזויפיל ליפּען, וועלכע זיינען נאָך ניט געקושט, אזויפיל בלומען, וועלכע זיינען נאָך

ניט אָפּגעריסען! ווער עס ווייסט, ווי אָפּצושאַצען דעם געננום פון דער שטונדע, די משוגענע פריידען פון א ליעבעס־נאַכט, פאַר דעם איז די עהרע ביליג אויסלייז־געלד.

בין איך געשאַפען פאַר דעם באַנד פון הייראַט? א בונד פאַר קרעמער און פיליסטער, וועלכע ווערן געבוירן מיט די פארצווייגטע הערנער! זיי זיינען צופרידען וואָס זייער בי־סעלע פייערדיגע ליידענשאפט ווערט גערעגעלט דורך הייליגען געזעץ און טראָגט דעם שטעמפעל פון א העכערן ווילען.

א הייראַט־בעט! א גרויל געהט מיר אריבער איבער'ן לייב! ס'איז דער קבר פון דער ליעבע, דער קבר פון דער זינד! וואָרים ליעבע אָהן זינד איז אן אָפּגעשמאקטער טרונק. פאַר דעם בראַווען, עהרליכען בירגער ווערט עס א מזבח, וואו ער איז מקריב זיין קרבן, וואו ער ברענגט זיין „קטורת", זיין ווייהרויך מיט אן אויסגערעכענטען צוועק צו פארמעהרען זיין שטאַם.

וואָס איז דער וואונדער, וואָס עס זיינען פאַראַן אזויפיל שוטים אויף דער וועלט! וואָרים ווער עס ווערט געבוירן אויף אַזאַ פערענע, דעם ליגט ניט קיין צו שווערע משא אויף'ן קאָפּ, און לאַנגזאַם, נאַכלעסיג קלאַפּט איהם דאָס בלוט אין די אָדערן. ווען עס מאַכט זיך ניט פון צייט צו צייט עפּעס א צופאַל און א רויב־פויגעל פאַלט אריין אין'ם היהנער־שטאַל־כעל, כדי דעם בראַווען פאַרהייראַטען מאַן לייכטער צו מאַ־כען די ארבייט, וואָלט דאָס ביסעלע געהירן, וואָס אָט די בריאה באַזיצט, שוין לאַנג געוועזן צושמאָלצען. אזוי איז די אומטרייקייט אין דער הייראַט אייגענטליך א הילף פאַר דער ראַסע און זי ברענגט נאָך וועז ניט וועז א ניצליכען דור.

דו באַגרייפסט עס ניט, מיין קינד? וויינסט דיר די אויגען אויס און חלומ׳סט פון א פריהצייטיגען טויט? — נו יאָ, דאָס וואָלט כ׳לעבען ניט געוועזן דאָס ערגסטע וואָס קאָן פּאַסירען. ווארים ווער עס קאָן ניט אריבערטראָגען דאָס לעבען, דער דאַרף זעהן, אַז דאָס שטאַרבען זאָל זיך איהם איינגעבען. ס׳איז שלעכט ארויפצוצווינגען אויף דעם מענשען א לאַסט, וואָס ער קאָן קוים דערשלעפּען אויף זיין וועג. דערום, ווער עס האָט אין לעבען ארויסגעצויגען א פאַרלוירענעם לאָטעריי-צעטעל, פאַר דעם איז דער טויט א זיכערער געווינס.

ביזטו שוואַך צו טראָגען די הייסע לוסט פון דער זינד, טו מאַך זיך פאַרטיג פאַר אנדערע געביטען! דער קיהלער טייך, דאָס זיידענע שטריקעל, א ביסעלע גיפט זיינען גוטע דערלייזער, זיי וועלען דיר שנעל ארויסהעלפען פון דער נויט פון דער שטונדע און עפענען פאַר דיר דעם וועג ארויס פון דעם דאָזיגען יאָמער-טאָל אין יענער ליכטיגער וועלט, וועגען וועלכער דו טרוימסט.

מען דאַרף קיינמאָל ניט צוהאַלטען דעם מענשען, וועלכער שטרויכעלט. ווער עס קאָן ניט שטעהן אויף זיינע אייגענע פיס, דער מעג פאַלען! געבענשט זאָל זיין דער, ווער עס העלפט איהם פאַלען וואָס שנעלער! ווארים מיטלייד איז די ערגסטע פון אלע אויסגעלאַסענקייטען, וואָס דער מענש האָט ערפונען. עס שענדט דאָס געפיהל, פאַרדאַרבט דעם גייסט און מאַכט פון מענשען פּאַריאַס, אַרויסגעשטויסענע פון׳ם לעבען. מיטלייד איז מאַסקירטע פאַרגוואַלטיגונג, אויסגעפּוצטע, געשמינקטע טוגענד, וועלכע שפּרייט זיך אויס ווי א הור אינמיטען מאַרק, הילט איין דעם געמיינסטען עגאָאיזם אין א מאנטעל פון מענשען-ליעבע און בארעכענט אין

דער שטיל דעם פּראָפיט, וואָס עהרליכע מעשים ברייננען דעם וואָס טוט זיי.

פאר דעם שוואַכען איז עס ניט קיין הילף, עס שטופּט איהם נאָך טיפער אין דער בלאָטע. אָבער פאר יענע, וועלכע פאַרשטעהען, ווי אזוי דורך כיטרעקייט און פאלשקייט ארייג־צוקריגען געלד און כבוד, — פאר זיי איז רחמנות א באקוועם פּלאַסטערל פאר זייער אנגסט, די מורא פאר „יענער וועלט“. דער גנב וואַרפט אריין א פּאָר אָפּגעריבענע גראָשען אין א בעטלער׳ס האַנד און גלעט זיך דערמיט אויס דעם וועג ארויף אין דעם הימעל־רייך.

אז מען האָט אמאָל פארבונדען מיט איהם א געשפּרעך וועגען יענעם אַלטען, וואָס האָט געפאָרשט און געזוכט דעם גרונד פון אלצדינג, וועלכער האָט געוואָלט פארזינקען דעם בליק אין׳ם לויף פון די צייטען, דורכדרונגען פון א הייסען פאַרלאַנג צו דערגעהן די שפּור פון׳ם לעצטען אמת, — האָט ער זיך שפּאָטיש צולאכט און געזאָגט:

דו אַלטער נאַר! וואָס קימערט דיך דער זין פון׳ם לעבען, דער אָנהויב און דער סוף פון אלצדינג? דאָס לעבען גופא האָט ניט קיין ציל און קיין צוועק. ס׳איז דער מענש, וואָס קלערט אויס זין און צוועק און רעדט זיי אריין אין לעבען. פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט זיינען א פּוסטע פאַנטאַזיע. — די ערשטע אן אָפּגעפּאַלענע פּרוכט, די אנדערע א ניט גע־שריבען בוך, פאר וועלכען עס איז נאָך ביז איצט ניט ערפונען געוואָרן קיין טיטול.

וואָס אַרט עס מיך, וואָס איז געווען, וואָס וועט קומען. דאָס וואָס בלייבט ליגען אויף דער שטרעקע, וועלכע מיר

לויפען דורך, איז טויט, געשטארבען און באגראבען. דאס וואס ערוואַרט אונז, איז נאך ניט געבוירן. ס'איז ניט גוט זיך צו ראַיען אין דעם שטויב פון די קברים, נאך ווייניגער זיך נאכצויאגען נאך די זייפענבלאזען, אין וועלכע עס שי־מערירען פילפארביג די צוקונפט־וועלטען. די רייזע פיהרט אין'ם לאנד פון שאטענס און גייסטער.

פארשוואונדענע הערליכקייט איז א הויפען אלטע שמאַ־טעס, וואס איז גוט בלויז פאר מאילען און ווערים צום פרע־סען. נאר אויב דו אליין נעמסט זיך צו דער דאזיגער שפייז, דאן הויבט דער גייסט דיר אן שימלען און שפינען דרינגען אריין צו דיר אין מוח, כדי דארט אויסצושפינען זייערע דינע נעצען, אין וועלכע די געדאנקען ווערן געפאנגען מיט כיט־רעקייט.

דער פארביילויפענדער מאמענט איז פאר מיר דער בעס־טער פריינד, מיין וועלט איז דער היינט. די וועלט־געשיכטע האט זיך אנגעפאנגען אין יענעם טאג, ווען איך האב צום ערשטען מאל דערזעהן די זון; זי ענדיגט זיך, ווען דער לעצ־טער פונק פון מיין זיין וועט פארלאשען ווערן אין'ם שוים פון דער צייט.

דאס לעבען עקזיסטירט ניט, אז מען זאל עס קאמענטי־רען, פארטייטשען, זיך גריבלען איבער דעם און ווילען ענט־דעקען א זין, וועלכער איז ניטא. א פולער בעכער איז דאס לעבען פאר אונז; מען טרינקט פון איהם מיט גרויסע, פולע זופען און מיט א בארוישענדען פארלאנג. און אז דער טרונק געהט אויס און דאס שפיל פון די ליידענשאפטען איז צו ענד, דאן וויין ניט ווי א פארצויגען קינד. צוברעך דעם ליידיגען בעכער אויפ'ן שטיין!



דאָן זשואַן

דו פרעגסט, פון וואַנען מיר זיינען, וואוהין מיר געהען.
אָבער אין דער צייט וואָס דו צוברעכסט זיך דעם מוח און פייניגסט זיך די נשמה צו געפינען א גרונד פאר דעם ווילדען שפיל פון די חושים, פארלויפט די שטונדע ניט גענוצט און ניט אויפגעשלאָסען. וואָרים פון'ם גאָרנישט זיינען מיר ארויסגעקומען, און ווידער אונטערגעהן וועלען מיר אין'ם גרויסען גאָרנישט; דערום זעה, אז די קורצע צייט פון'ם לעבען זאָל דיר אויך ניט צורונען ווערן אין גאָרנישט!

דיין אויג פאָלגט נאָך די שטערן, וועלכע דרעהען זיך ארום אין'ם וועלט-רוים, און דיינע ליפען פרעגען שטום: פארוואָס? דער שטילער קלאַנג פון די ספערען קלינגט אָפּ אין דיין אויער; דו ווילסט דעם ריטם גלייך איינפאסען אין הארטע, טרוקענע ווערטער און דו יאָמערסט, ווען דאָס שפיל גיט זיך דיר ניט איין.

נאַר, הערסטו ניט דעם ריטם, וואָס ברויזט ביי דיר אין בלוט? דעם שיר השירים פון דער ליידענשאַפט און דער זינד, וואָס פאַלט אָפּ און פליסט ווידער פאָראויס ווי די כוואַליעס פון'ם ים און וועקט אויף טויזענט וואונשען אין דיין ברוסט?

אז איך קוק אריין אין א מיידעל'ס הייסע אויגען, דאן זעה איך שטערן, וועלכע האָבען פאר דיר קיינמאָל ניט געלויכטען. פאר אָט דעם שטערן-פייער שענק איך דיר אוועק דעם גאַנצען וועלט-אַל פון די אסטראָנאָמען, וואָרים דאָס זיינען שטערן, וועלכע ציטערן אין געהיים, ווי אָנגע'שכור'ט פון הייסע תאוות.

ווען בלאַנדזשענדע ליפען געפינען זיך אוים צום קוש און קערפער פרעסט זיך צו קערפער אין מורא'דיגער לוסט; ווען

צייט און וועלט פאַרשווינדען ביים האָריזאָנט פון דער זינד, דאַן פיהל איך טיף דעם אייביגען גרונד פון׳ם דאַזיין, די וויל־דע אנטפּלעקונג פון די ליידענשאַפטען.

ווען אין בעכער בלישטשעט ווי רובינען דער וויין און פאַרפיהרעריש איז דער צאַרטער קלאַנג פון די סטרונעס, וועלכער צופלאַקערט אין מיר דעם הייסען פאַרלאַנג נאָך נייע קושען, דאַן פיהל איך דעם לעבען׳ס לעצטען זין. אָבער ס׳איז נאַריש צו לעבען בלויז אין ערוואַרטונג און זיך גריבלען אי־בער דעם גרונד פון פינסטערע רעטענישען, בעת די בלומען בליהען אויף׳ן וועג און ריידען שטיל־שעפּטשענדיג וועגען דערפילונג.

אזוי פאַרשווינדען איהם די יאָהרען, געשמיסען פון שטורם. ווי א רויטער צפון־ליכט־שיין בלייבט הינטער איהם די שפור, באַדעקט מיט שטאַרבענדע, וועלכע שיקען איהם נאָך זייער פלוך אין וועה־געשרייען דורך דער לופט. און קברים הויפען זיך אָן אויף נאַקעטער ערד און דערצעהלען, וואו ער האָט אַמאָל פאַרווילט.

ווער צעהלט די וואונדען, וואָס זיין שווערד האָט גע־מאַכט, זיך באַדענדיג אזוי אָפט אין פיינד׳ס ברוסט, די פרוי־ען־הערצער, וועלכע ליגען געבראָכען און פוילען דאָרט אויף׳ן וועג הינטער איהם? דאָס וועה־געשריי פון צושטערטע לע־בענס פאָלגט נאָך זיינע שפּורען און גסיסה־זיפצען, אזוי מורא׳דיג ווי דער גלאָקען־קלאַנג ביי א לויה. מעהר ווי איין טויטע פויסט דריקט זיך צוזאמען און הויבט זיך אויף געגען זיין קאָפּ, און בלייבע ליפען קלאַגען אָן אין ווילדען שמערץ.

אָבער קיינמאָל קערט ער זיך ניט אום, ווענדט ניט אום

דעם בליק א קוק צו טאָן אויף דאָס פארגאַנגענע. דאָס וואָס ליגט הינטען, איז פארביי, געשטאָרבען, פאַרשלונגען פון דער אומבאַשרענקטער מאַכט פון די צייטען און רייצט ניט מעהר די באַגעהרען, די תאוות פון די חושים. וואָרים טויט איז טויט; דאָס וואָס איז אמאָל געווען ברענגט ניט קיין אייביג־קייט צו נייעם בליהען.

דערפאַר ווער עס גריבעלט זיך איבער אלטע קברים, ביי דעם רויבט דער הויך פון׳ם טויט אוועק די קראַפט פון טאָן. וואָרים פון חורבות, פון איינגעפאַלענע מויערן שטייגט ארויף די בלייכע מחנה פון גייסטער. דאָרט שלענגעלט זיך די חרטה צווישען קברים און ווי א גנב קריכט זי אריין אין האַרץ און מוח. און ווער עס ווערט באַפאַלען פון דער דאָזי־גער פעסט, פאר דעם איז דער חסד, די גינסטיגקייט פון׳ם מאָמענט אויף אייביג טויט.

דערפאַר זאָלען די טויטע אליין זאָרגען פאר זייערע טוי־טע. דער וואָס פארזינקט דעם בליק אין געוועזענעם, איז אליין געוועזען. א שאָטען וואָס נעהרט זיך פון די פלייש־לאָזע, ניט־ממשות׳דיגע געשטאַלטען פון׳ם אַבסטראַקט. זיין גייסט איז געגליכען צו א מאָזאָלעאום, א פראכט־קבר, וואו בלייכע שאָטען־בילדער ליגען באַהאַלטען אונטער מאַרמאָר.

פון יענע גריבער שטייגט ארויף די בענקשאפט נאָך דער־קענטעניש, די אנגסטיגע פראגע נאָך דעם גרונד פון די זאַכען. דאָ וואוינט דער גייסט, וואָס הערשט איבער קברים און וועל־כער ראָיעט זיך ווי א לייכען־רויבער אין טויטע אַש, ביז זיינע אויגען ווערן ביסלאכווייז פארנעבעלט פון׳ם רויך פון פוילקייט, אזוי אז ער זעהט מעהר ניט דאָס פיל־פאַרביגע שפיל פון דער שטונדע.

גאָר אַן אנדער גורל האָט ער פאַר זיך אויסגעקליבען. די פריידען פאַלען איהם ניט פון זיך אליין, אָהן מיה אריין אין שויס. דאָס וואָס ער געניסט אין הייסער תאוה, איז אויס־געקעמפט, אָפגעריסען פון'ם לעבען. דאָס ביינדעל וואָס דער צופאַל ווארפט איהם אַמאָל צו, רייצט איהם ניט, און וואָס ער קריגט אָהן מיה, האָט ביי איהם א קנאַפען ווערט. נאָר דאָס וואָס ער מוז געווינען פאר זיך אין קאַמף, געדראָהט פון געפאַהר און טויט, איז איהם אנגענעם. אם בעסטען פיהלט ער זיך דאָרט, וואו טויט און לעבען שוועבען ארום דעם שפּיץ פון זיין שווערד, אויף וועגען, וואו דער פוס פארלירט די גלייכגעוויכט, שטעהענדיג ביים סאַמע אָפגרונד.

די בליצען פון'ם שיקזאל צוקען ארום זיין קאָפּ, דער שטורם נעמט ארום זיין גאַנצען וועזען. ער זינדיגט אויס פרינציפּ און באַגעהט פארברעכען, ווייל עס געפעלט איהם אזוי. ווען ער שפּאַנט ווי א דעמאָן פארביי שווינדעלדיגע טיי־פענישען, ווען ער שטייגט ארויף מיט א זיכערן פוס אויף דעם שאַרפען, משופּע'דיגען ראַנד פון א באַרג, דאַן פרעהט ער זיך אָהן א שיעור מיט זיין קראַפט און לאַכט זיך אויס פון דעם שיקזאל'ס מאַכט. אין ווילדען טאַנץ בושעוועט דאס בלוט אין זיין ברוסט און זיין זעלע ברויזט אין פלאַמען־שטראָמען, וואָס גיסען זיך ארוים ווי לאַווא פון פינסטערע טיפענישען.

שטאָלץ ווי אַן אָדלער וויגט ער זיך ארום אין'ם רוים און טרינקט מיט פולע זופען דעם שאַרפען טרונק פון דער פריי־הייט. נאָר דאַן, ווען ער האָט יעדען טאָג אויסגעקעמפט פאר זיך דאָס לעבען, פיהלט ער, אז ער איז דער האַר, דער בעל

הבית פון זיין ווילען און געהט זיך זיין וועג מיט זיכערע, דרייסטע טריט. —

מיט אַמאָל פאַלט זיין בליק אויף אַ קינד פון אַ „גראַנדע", אַן אדעליגען; אַ מיידעל, וואָס שענער פון איהר האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געזעהן. פון איהרע אויגען שטראַלט ארוים דאָס בילד פון דער אומשולד, און די הערליכקייט פון איהר שטאָלצען קערפּער איז ארומגעוועבט מיט דעם צאַרטען דופט פון צניעות, פאַר וועלכען יעדער זינדיגער וואונש ווערט פאַרשטומט.

זעלטען ווען קומט זי ארוים אין דער וועלט. זי לעבט אין איהר אייגענער שטילער ספערע, וואו דעם פאָטער'ס אויג היט זי אָפּ, כדי קיין פרעמדער ווילען זאָל איבער איהר קיין שליטה ניט האָבען.

דאָס איז אַ שפּיל, וואָס איז ווערט די מיה. אויף אזא יאַגד צו געהן, איז פאַר איהם דאָס גרעסטע פאַרגעניגען. דאָס וואָס זי האָט שוין צוגעזאָגט איהר האַרץ אַן אנדערן, מאַכט איהם דעם געוואַגטען שריט נאָך אנגענעמער, פאַרשטאַרקט בלויז דעם הייסען רויש פון דער זינד. ניט בלויז די משוגענע בענקשאַפט פון דער ליעבע ווינקט איהם דאָ צו, דאָ דראָהט געפאַהר, אונטערגאַנג און טויט, פונקט דאָס, וואָס ער דאַרף, כדי צו דערפילען זיין תאוה.

מיט שווינדעל און כיטרעקייט גנב'עט ער זיך אריין אין דעם שטילען אָרט, וואו זי שושקעט זיך מיט רויזען, שפילט זיך מיט פייגעלעך און מיט אַ פאַר'חלום'טען בליק פאָלגט זי נאָך דעם שמעטערלינג, וואָס פליהט ארום אַ פאַר'שכור'טער פון בלום צו בלום.

אַט שטעהט דער שרעקליכער פאַר איהרע אויגען און מאכט, אַז איהר האַרץ זאָל פאַרגליווערט ווערן ווי א שטיק אייז. ווי צוגעשמידט, ווי איינגעוואָרצעלט שטעהט זי אויף אן אָרט. א שטילער שוידער געהט איהר אַריבער איבער'ן שלאַנקען לייב. דאַן הויבט זי שטיל־שווייגענדיג אויף די אויגען, כדי אָנצוקוקען דעם, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטען אריינצודרינגען אין איהר וועלט. ברענענדער צאָרן פלאַמט אויף אויף איהרע באַקען, און סטראשענדיג הויבט זיך אויף די האַנד צום באַפעהל.

דאָ באַגעגענט זי א בליק פון'ם מאַן'ס אויגען, און אָהן כוחות פאַלט צוריק דער שטאָלצער אָרם. פון אַט די אויגען שטראַלט ארויס א גיהנום־פייער, א הימעלשע אומבאגרע־נעצטע גליקזעליגקייט. זי פיהלט ווי די ערד וואקעלט זיך אונטער איהרע פיס. א מורא'דיג, א שוידערליך פאַר־געפיהל כאַפּט איהר אָן ביים האַרצען, און מיט אימפעט קלאפּט דאָס בלוט איהר אין די שלייפען. האַלב ווי אין חלום הערט זי דעם קלאַנג פון ווייטע ווערטער, וועלכע לאַסטשען און פאַר־כשופ'ן איהר יונגען מוח, וועלכע ריידען צו איהר פון דער ליעבע און איהרע פריידען.

פאַרצווייפעלט נעמט זי צוזאמען איהרע כוחות. אין איהרע אָדערן פליסט דעם פאָטער'ס בלוט, די עהרע פון דעם „גראנדע" הויבט זיך פלוצלינג אויף, אָפּצואוועהרען דעם מורא'דיגען דראנג פון די ליידענשאפטען. — הערט! צי איז דאָס ניט דעם פאָטער'ס שטים, וואָס דרינגט אריין צו איהר אין די אויערן?

מיט אַמאָל דערפיהלט זי ווידער יענעם שוידערליכען בליק, וועלכער פאַלט ווי א בליץ אין איהר נשמה. און הייסע

ליפּען פּרעסען זיך אַפּ אויף איהר מויל, א שטילער „זיי געזונט" קלינגט איהר אין די אויערן, און ווי א שאָטען פּארשווינדט די געשטאַלט פון איהר בליק.

א היבשע ווײַלע שטעהט זי ווי פּאַר׳כשופ׳ט אויף דעם זעלבען אָרט, דאן פּיהלט זי, ווי איהרע כוחות געהען איהר ביסלאכווייז אוים, און מיט א וועה־געשריי לאָזט זי זיך אראָפּ אויף דער מארמאָרנער באַנק. דאָס שטילע פּליוסקען פון די פאָנטאנען קלינגט אין איהרע אויערן, אזוי ווי עס וואָלט געקומען פון א ווייטער וועלט, כדי אָפּצושוואַכען דאָס ווילדע קלאַפּען פון איהר האַרץ.

דאָ דערהערט זי ווידער אַמאָל דעם פּאָטער׳ס קול. פון׳ם שאָסיי לאָזען זיך הערען שווערע מענער־טריט און הויכע ווערטער קלינגען אַפּ אין איהר צאַרטען אויער. און אָט קומט דער פּאָטער אָרם אין אָרם מיט יענעם מאַן, וועמען זיין ווילען האָט פּאַר איהר אויסגעקליבען אלס מאַן. ווי א פּיבערפּראָסט דרינגט עס אריין אין איהר האַרץ, א טעמפּער קרעכץ רייסט זיך איהר ארויס פון דער ברוסט, און איהר זעל ווערט געפּייניגט פון שטומע יסורים.

צי האָט זיך די וועלט איבערגעקערט, דער זין פון די זאַכען פּארדרעהט? אזוי פּרעמד קוקט איהר פלוצלינג אוים אָט דער מאַן, וועמען איהרע ליפּען האָבען געשוואָרען טרייהייט. און ווידער אַמאָל דערפּיהלט זי יענעם הייסען בליק, וואָס פלאַקערט ווי צונטער אין איהר נשמה, און וועלכער האָט פּאנאנדערגעעפענט פאר איהר אומבאַקאַנטע טויערן, פון וועלכע איהר נאאיוו, פּשוט האַרץ האָט קיינמאָל ניט געטרוימט.

רוהיג נעמט דער אַלטער אָן איהר צאַרטע האַנד. — פאַר׳חלום׳ט, מיין קינד? זאָגט ער מיט א לייכטען שפּאַס. נו, דאָס איז פּונקט די צייט פאַר טרוימערייען — דער יוגענד־טרוים, וואָס איז נאָך ניט באַלעסטיגט פון קיין שום פליכט!

עס ליגט א טיפער זין אין גאָט׳ס ווערק, וואָס ער האָט דעם יונגען עולם געגעבען די עלטער אלס קאָמפּאַניאָן, אלס געהילף. ווען די יוגענד לאָזט זיך אריין אין דער וועלט פון חלומות, דאַן מוז די עלטער זאָרגען דערפאַר, אז פון די חלומות זאָלען ווערן ווירקליכקייטען.

און אָט דאָס האָב איך טאַקע געטאָן, מיין קינד. נאָך איידער דער הערבסט וועט אָנקומען אין לאַנד, וועסטו שוין וואַנדלען אָרם אין אָרם מיט דיין מאַן. אזוי וועט דיין טרוים פאַרווירקליכט ווערן.

ווי טרויער־געזאַנג ביי א קבר, אזוי קלינגען איהר דעם פאָטער׳ס ווערטער. איהר האַרץ ציט זיך צוזאַמען אין טיפס־טע יסורים, אָבער ווי א געטרייע, געהאָרכזאַמע טאָכטער זאָגען איהרע ליפּען א דאַנק דעם פאָטער, וועלכער איז איבער־גליקליך, געבענדיג דעם יונגען פאָר׳ל זיין ברכה.

עס קומט דער טאָג פון דער חתונה. פון׳ם קלאָרען הי־מעל שטראַלט דער זון׳ס גילדערנע קרוין, און ליעבליך קלינגט דער גלאָקען־קלאַנג צום פרעהליכען יום טוב. ביים קאָמאַנ־דיר אין פּאַלאַץ רוישט עס פון צענדליגע געסט, וועלכע פאַר־ברענגען די צייט אין לוסטיגען שפּיל.

פון דער קליינער פאַמיליען־קירכע לאָזט זיך הערען דער קלאַנג פון אן אָרגעל, און פייערליך פאַראייניגט דער גלח דאָס איידעלע פאָר׳ל. נאָר אין דעם מאָמענט, ווען די בלייכע

האַנד פון דער שענער כלה באַריהרט די פעסטע האַנד פון איהר מאַן, און פון איהרע ליפּען קומט שטיל, קוים וואָס מען הערט, אַרוים דאָס וואָרט „יאָ", דאַן דערפיהלט זי ווידער יענעם טייוועלשען בליק, וואָס שטראָמט דורך ווי אַ פייער דורך איהר נשמה. ווי אַן אומגעריכטער בליץ נעמט זי יענער בליק דורך און דורך, און פארשווינדט שנעל אין פינסטערע טיפעניש'ען.

אין שטומען שוידער ציטערט דער שלאַנקער קערפּער; ווי אַ טויטען-פראָסט וועהט עס אַרום איהר שטערן. זי פיהלט די קללה פון'ם שיקזאַל אויף איהר קאָפּ און מיט אַ בלאַנ-דזשענדען בליק קוקט זי אַן דעם מאַן איהרען, וועלכער איז פאַר'שכור'ט, פאַרבלענדט פון זיין גליק.

דאַן קעמפט זי מיט דער גאַנצער קראַפט פון'ם שטאָלץ, זיך צו באַפרייען פון'ם כשוף וואָס פּענטעט איהר האַרץ. אין איהרע אָדערן רוישט דאָס בלוט פון'ם „גראַנדע" און העלפט איהר צו פאַרטרייבען יענע פינסטערע מאַכט, וואָס האָט זיך אַזוי פאַרברעכעריש אַריינגע'גנב'עט אין איהר וועלט.

ענדליך קומט איבער איהר די גרויסע רוה. ווי אַ קברים-קעלט לעגט עס זיך אַרום איהר האַרץ. זי פיהלט, עס איז די גרויסע רוה פאַר'ן שטורם.

שטאָלץ געהט זי געאָרעמט מיט'ן מאַן אַריין אין דעם זאַל. דער בלייכער פּנים מאַכט נאָך בולט'ער, נאָך קענטיגער איהר רייצענדע שענקייט, און אַלע אויגען ווערן ווי צוגע-שמידט צו דעם דאָזיגען בילד. דאַן הילכט דער זאַל מעכטיג אָפּ פון יובעל און פרייד, און הונדערט בעכערס הויבען זיך אויף צום פרעהליכען גרוס.

ליעבליך, מיט א ווייכען חן נייגט זי שטיל דעם קאָפּ און באגריסט די באגייסטערטע מחנה פון געסט. אומבאגרע־ניצט, אָהן אָפּהאַלט, ווערט איצט די פרייד. דער הויכער זאַל הילכט פון לוסטיגע ליעדער; עס פונקעלט דער ווייז אין פרעכטיגע באָקאַלען, און פרעהליכע ווערטער פליהען אין דער לופטען. א לייכטע בארוישונג לעגט זיך אויף הארץ און מוח, און זיסען שווינדעל וויגען זיך די פּאָרלעך, און טיפע פרייד פילט אָן יעדעס האַרץ. פון הייסע אויגען שפּריצט אַרויס פאַרבאָרגענע בענקשאַפט, די גאַנצע וועלט קוקט אויס ווי ניי־געבוירן, און יעדער פיהלט אין זיך דער יוגענד׳ס קאָ־כעדיג בלוט.

אזוי פארפליהט שעה נאָך שעה, און אויף דרויסען שפּרייט די נאכט שוין לאַנג אויס איהרע פליגלען. באַלד קומט די שטונדע, ווען חתן־כלה וועלען אין געהיים זיך צו־גרייטען צום שטילען אָפּשיד. מיט א הייסען בליק נעמט דעם מאַן׳ס אויג ארום די רייצענדע געשטאַלט פון דער יונגער פרוי און שושקעט איהר אריין געהיימע ליעבעס־ווערטער אין אויער.

א צאַרטע רויטקייט באַפאַרבט איהרע בלייכע באקען, איהר אויג זוכט אויסצומיידען דעם מאַן׳ס בליק. מיט אמאָל געהט עס דורך ווי א בליץ דורך איהר זעל, און אזוי ווי זי וואָלט געטריבען געוואָרן פון פינסטערע כוחות, הויבט זי אויף איהרע אויגען און ווי פארגליווערט בלייבט איהר בליק הענגען אויף׳ן מיטען זאַל.

אָנגעשפּאַרט אָן א מאַרמאָר־זייל, מיט צונויפגעלייגטע אָרעמס, ווי פון שטיין אויסגעהאַקט, שטעהט דער פרעמדער,

וועלכער האָט זיך דערוועגט אריינצודרינגען אין איהר הייליגטום. זיין אויג איז אָנגעשטעלט אויף איהר און נעמט זי דורך מיט א מורא׳דיגען פייער. זי פיהלט זיך ווי פאַר׳כשוף׳ט פון דעם דאָזיגען בליק; די טויערן פון גיהנום עפענען זיך פאַר איהר, און פלאַמען שיסען פון דער טיפעניש. פאַר איהרע אויגען שפריצט דאָס רויטע פייער, זי פיהלט, אז אָט, אָט וועט איהר דאָס האַרץ פלאַצען, און ציטערענדיג פרעסט זיך די האַנד אויף דער ברוסט.

איהר שאַרפער שטאָלץ איז פלוצלינג ווי אוועקגעבלאָזען, צושמאָלצען אונטער דער היץ פון יענעם בליק, וואָס זויגט איהר אוים דאָס בלוט פון טיפסטען האַרצען, וואָס שמידט איהר נשמה מיט טויזענט קייטען.

מיט אַמאָל פיהלט זי, ווי די פארגליווערונג פארשווינדט ביסלאכווייז, און א מורא׳דיגע לוסט פארדרעהט איהר דעם קאָפ. זי וואָלט גערן געוואָלט אויסשרייען, אויסרופען אין הייסען דראנג: ניט אָט דער איז עס, צו וועמען איך בין פארהייראט! ניין, יענער, וועלכער ענטבלויזט מיר די זעלע, ער איז דאָס, פאר וועמען מיין האַרץ שלאָגט!

און זי זוכט שוין מעהר ניט צו קעמפען, זיך וועהרען קעגען דעם וואָס איז איהר באַשערט. זי ווייס גאַנץ גוט, אז דאָרט שטעהט איהר שיקזאל, א פינסטערער שליח פון׳ם שטן׳ס מלוכה, וואָס ציהט זי מיט צוואנגען און לאָקט איהר זעלע מיט א מורא׳דיגען, עקשנות׳דיגען באגעהר. זי פיהלט, ווי דאָס בלוט שטראָמט איהר צום הארצען, דער אָטעם שטעלט זיך אָפ, די כוחות געהען לאנגזאם אוים. שנעלער, שנעלער אלזאָ! וואָס קווינקעלט ער זיך, וואָס טראַכט ער אזוי לאנג?

זי קאָן מעהר ניט אריבערטראָגען אָט די גסיסה, אָט די יסורים פון טויט!

אזוי ווי דער פרעמדער וואָלט געהערט איהר פיין, פאַר־לאָזט ער פלוצלינג זיין אָרט און געהט צו מיט זיכערע טריט צו איהר. מיט א לייכטען שפּאָט גליטשט זיך זיין בליק ארי־בער איבער דעם פארהייראַטען מאַן, וועמען ער בעט שטי־לערהייט איהם אויסצוהערען. פארוואונדערט, ניט פארשטע־הענדיג וואָס ער וויל, קוקט איהם דער דאָזיגער אריין אין געזיכט, דאָך צווינגט איהם אָן אינערליכע קראַפט נאָכצו־געהן יענעם ביז אין מיטען זאַל. דאָרט הערט ער ווערטער, וועלכע קאָכען אין איהם אויף דאָס בלוט. זיין האַרץ קלאַפּט מיט אימפּעט, נאָר ער האלט איין זיין שטאָלץ און ניט אויס־ריידענדיג קיין וואָרט ווייזט ער דעם געוואַגטען בחור די טיר.

אָבער יענער קוקט איהם אָן מיט אומבאַשרייבליכען שפּאָט און שליידערט איהם א וואָרט פון אויסלאַכעריי אין פּנים אריין. אָט בליצען שוין די שווערד'ען אין דער לופטען, און שאַרף קלינגט אָפּ דער האַרטער שטאָהל פון די קלינגען. אין דעם גרויסען זאַל הערשט א טויטענשטילקייט, אזוי ווי דער שרעק וואָלט פּאַראַליזירט יעדעם האַרץ. און אלע אוי־גען זיינען אָנגעשטעלט אויף דעם שוידערליכען שפּיל, אין וועלכען דאָס לעבען קעמפּט מיט דעם טויט.

א וועה־געשריי רייסט זיך ארויס פון דעם מיט יסורים פאַרצוויגענעם מויל. געטראָפען אין האַרצען פאַלט דער פאַר־הייראַטער מאַן אנידער, און יענער קוקט מיט א פינסטערן בליק אויף דעם פיינד, וועמען ער האָט אומגעבראַכט אין פו־

לער יוגענד-קראַפט. דאַן געהט ער זיך רוהיג דורך דורך'ן שטומען זאַל און דורך דער ברייטער טיר שפּאַנט ער ארויס אין דער נאַכט.

בלייך ווי א שטיינערנע סטאַטוע זיצט די איידעלע דאָנא און קוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען אויף דעם שטילען מאַן, וועלכער פּראוועט אצונד די חתונה זיינע, זיך באָדענדיג אין זיין בלוט. פאר איהר בליק עפענט זיך פאַנאַנדער די טיפעניש פון'ם אָפּגרונד, זי פיהלט דאָס אומבאקאנטע רייך פון'ם טויט, פיהלט, ווי איהר יונג האַרץ ווערט פאַרגליווערט אין אייז.

ביסלאכווייז פאַרגעהט דער קאלטער צויבער פון שרעק, וואָס האָט פּאַראַליזירט דאָס גאנצע לעבען ארום אין זאַל. מען הערט געשריי, טומעל, ווילדע קולות, און דאָס וואָס די בלייכע מורא האָט פריהער געהאט פארטריבען אינעווייניג אין הארצען, קומט אצונד פּלוצלינג ארויס מיט אימפּעט, מיט גרעסערער מאַכט.

מיט אַמאָל קומט אריין אין זאַל דער גרייז-גרויער פאָטער, וועלכער האָט זיך געהאַט צוריקגעצויגען פון דער פרעהליכקייט און אין א שטילען ווינקעל-צימער געווארט אויף זיינע קינדער, כדי זיי פּאר'ן אָפּשיד צוצודריקען צו זיין הארצען. דאָס וועה-געשריי פון דער מאַסע האָט איהם צוריקגעבראכט אהער. ער באמערקט דער טאָכטער'ס שרעקליכען בליק, זעהט דעם טויטען, וועלכער ליגט דאָרט פארגליווערט אויף'ן דיל און קוקט מיט פוסטע אויגען ארויף צו דער סטעליע, און פון אפּגעריסענע ווערטער דערוויסט ער זיך וואָס עס איז געשעהן.

דאָ לאָזט זיך דער אלטער מיט אימפּעט ארוים אין דער שטילער נאַכט, כדי אָנצוזאָגען דעם פאַרברעכער, וואָס האָט געשענדעט זיין הויז און אָהן רחמנות צושמעטערט זיין גליק אין שטיקער. נאָך איהם לויפען נאָך א פּאָר פריינט זיינע פון׳ם פארזאמעלטען עולם, און דורך די ענגע גאסען געהט אָן די ווילדע יאַגד.

אויף א שטילען פּלאַץ, וואָס איז באשטראלט פון דער לבנה, דערזעהען זיי דעם פרעמדען׳ס פינסטערע געשטאלט.— שטעה, דו פייגלינג! — שרייט אוים דער קאָמאנדיר מיט א דונערענדער שטים. — ציה דיין שווערד, כדי איך זאָל זיך קענען נוקם זיין פאר דער שמאך, וואָס דו האָסט געבראכט איבער מיין הויז!

א פייגלינג — איך? אלטער, דו ביזט אפנים ניט ביים זינען! זאָגט דער אנדערער מיט שפּאָט. ס׳וואָלט שוין בע־סער געווען פאר דיר, ווען דו זיצסט רוהיג אויף אן אָרט. דיין אָרם איז ניט שטארק גענוג צו באפרידיגען דיין נקמה־געפיהל. כ׳לעבען, עס פּאַסט ניט פאר דער עלטער צו מאכען דעם אָנשטעל און זיך בלאָזען ווי אן אינדיק!

דאָ פליהט דעם אלטען׳ס שווערד ארוים פון דער שייד; אצונד מוז אויך דער שפּאָטער ציהען זיין שווערד. אין׳ם ליכט פון דער לבנה שלאָגען זיך אָן די קלינגען איינע אָן די אנדערע, און בלויע פונקען שפּריצען פון׳ם הייסען שטאָהל. דער אלטער פארשטעהט גאנץ גוט, ווי צו קעמפּען מיט׳ן שווערד, דער שרעקליכער האָט קען איהם ניט פארבלענדען די אויגען. אָבער ארום דעם פרעמדען׳ס קלינג בושעוועט דער טויט, און ער איז אומבאזיגבאר ווי דער טייוועל.

א פאַרדריקטער געשריי, פון׳ם אלטען׳ס האנד פאלט

ארוים דער שווערד. און בשעת די פריינט מיהען זיך ארום איהם, פארשווינדט דער פארברעכער שנעל אין דער נאכט.—

עס פליהען די חדשים. זעלטען ווען מען רעדט נאָך וועגען יענעם חתונה־יום טוב פון׳ם טויט. א נייע מצבה באצירט דעם בית עולם פון סעווילא, געקרוינט פון׳ם קאָמאנדיר׳ס מאַרמאָרנע סטאַטוע. דאָרט שטעהט ער א בלייכער, די האנד ביים שווערד־גארטעל, די אויגען געווענדט צום הימעל. פון אויבען שיינט אראָפּ דער בלאַסער שיין פון דער לבנה און ציטערט שטיל איבער אלטע קברים. גייסטערהאפט שטראַלט דאָס מאַרמאָר־בילד פון דעם קאָמאַנדיר, נאָך שאַרפער, בימטרער זיינען די שטרענגע קנייטשען פון׳ם מויל. ווי א סימבאָל פון נקמה שטעהט ער דאָרט, א שליח פון די שאָטענס פון א שטומער וועלט.

מיט אמאָל קלינגען אָפּ לייכטע טריט פון׳ם וועג. פון׳ם טונקעלען שאָטען קומט שנעל ארויס דער פרעמדער און קוקט מיט פינסטערן שפאָט אויף׳ן בילד פון זיין קרבן.

נו, אַלטיטשקער, ווי געהט עס? זאָגט ער מיט א שפאָטישען, חוצפה׳דיגען טאָן. לאַנגווייליגט מען זיך דאָרט אין דער וועלט פון די גייסטער? פליסט דאָרט ניט קיין וויין, איז דאָרט ניטאָ קיין ליפּען צו קושען, און הערט מען דאָרט ניט ביים טרינקען פון סטרונעס דעם זיסען קלאנג?

ס׳טוט מיר לייד פאַר דיר, אָבער ס׳איז ניט געווען מיין שולד. דיין אייפער האָט מיך געשטופּט צום קאַמף. נאר פאַרפאַלען, דאָס וואָס איז געשעהן, קען ניט געענדערט ווערן, און עס וואָלט געווען ארויסגעוואָרפן צו טראַכטען און זיך גריבלען וועגען דעם. פונדעסטוועגען כדי דו זאָלסט זעהן,

אַז איך האָב גאָרנישט צו דיר, לאַד איך דיך איין מאָרגען ביי־נאַכט צו דער הוליאַנקע ביי מיר אין הויז. אַ גוט־געגרייטער טיש, מיט דעם בעסטען וויין און שענע ליפּען צום קושען. האַרצעלע מיינס, וואָס נאָך ווינשסטו! דאָס איז גענוג צו ריהרען אפילו אַ מאַרמאָר־בילד. — דו קומסט? נעמסט אָן מיין איינלאַדונג?

מיט אמאָל הויבט דער קאַלטער שטיין אָן זיך ריהרען, זיך אויסשטרעקען, און סטראַשענדיג שטראַלט אָפּ אַ ליכט פון'ם ווייסען שטערן. די ווייסע ליפּען ציטערן שטיל, און ווי פון די טיפענישען פון קברים קלינגט עס דעם פאַרברעכער אין די אויערן:

איך וועל קומען. זיי גרייט!

ער שטעהט אַ צומישטער, רייבט זיך אויס די אויגען.— וואָס איז דאָס געווען? האָט מען ניט גערעדט צו מיר? נאַרט מיך דער רויש פון'ם וויין, די פאַרבלענדעניש פון די חושים? מיר דוכט, דער טויטער האָט אָנגענומען די איינלאַדונג. — דאָס וואָלט ווירקליך געווען אַ שפּאַס! אַ גאַסט פון מאַרמאָר־שטיין צו דער הוליאַנקע! — זאָל זיין אַזוי, איך בין גרייט איהם אויפצונעמען!

העל באַלויכטען איז דער זאַל, אָנגעפילט מיט דעם זיסען קלאַנג פון כשופ'דיגע סטרונעס. דער טיש איז געדעקט, אָבער עס פעהלען נאָך די געסט. וואָר'ים אויף דרויסען ברויזט דער שטורם מיט אומגעהייערער מאַכט. פון'ם שוואַר־צען הימעל שפּריצען טויזענט בליצען, און קראַכענדיג הילכט אָפּ דער דונער דורך'ן צימער. אַזוי ווי די נאַטור־עלעמענ־טען וואָלטען זיך פאַרשוואָרן. די לופט איז שווער, דריקענ־

דיג און ווי מיט היץ אָנגעלאָדען. ווי פייער לעגט עס זיך ארום האַרץ און מוח.

דער פרעמדער פרעסט צו דעם שטערן צו די שויבען, ארומגעפלאַקערט פון'ם שרייענדען שיין פון די בליצען, און קוועלט אָן פון דער נאַטור'ס משוגענע מעשים. ווי א וואַק־כאַנאַליע פון דער זינד קוקט איהם אוים דאָס דאַזיגע שפיל, דאָס וויסטע, פינסטערע בושעווען פון די עלעמענטען, און שנעלער קלאַפּט דאָס האַרץ אין זיין ברוסט.

אזוי פארשווינדט בישלאַכוויז שעה נאָך שעה, און אלץ שטאַרקער און צאָרנדיגער ברויזט דער שטורם. ס'איז שוין באַלד האַלבע נאַכט, אָבער ליידיג בלייבט היינט דער זאַל. קיין גאַסט קומט ניט צו דער יום טוב'דיגער סעודה.

דאָ זעצט ער זיך אליין אוועק ביים ליידיגען טיש און גיט א וואונק דעם דינער איהם צו דערלאַנגען די מאָלצייט. — אומזיסטע מיה! אין אָט דעם וועטער וועט קיין גאַסט ניט אריבערטרעטען מיין שוועל. אָבער דאָס וואָס איז ניט היינט, וועט זיין מאָרגען. נו, בין איך מיר דאָ מיין אייגענער גאַסט ביי דער דאָזיגער סעודה. „לחיים", ברודערל, „לחיים"! אָט דאָס ערשטע גלעזעל טרינק איך פאר דער פרייהייט און פאר דער זינד!

אָבער אין דער רגע וואָס ער נעמט דעם בעכער צו די ליפּען, שלאָגט דער זייגער צוועלף. האַלבע נאַכט. פּלוצלינג דערהערען זיך שווערע טריט דורך דעם מורא'דיגען שטורם, און מיט גערויש עפענט זיך דער הויז־טויער. איצט הילכען די טריט אָפּ דורך די קאָרידאָרען, און א שווערע האַנד קלאַפּט אָן אין דער טיר.

דער דינער שטעהט ביים טיש, פארגליווערט ווי א שטיין,

און קוקט מיט שטומען שרעק צו דער טיר. דאָ מוז שוין דער בעל הבית אליין זיך מטריח זיין, אויפצונעמען דעם שפּעטען גאַסט צו דער סעודה. מיט פעסטער האַנד עפענט ער די טיר, און אויף׳ן שוועל שטעהט די שטיינערנע סטאַטוע פון דעם קאָמאַנדיר.

איינגעלאַדען האָסטו מיך, זאָגט ער מיט א קבר־שטימע. נו, בין איך דאָ. געהט דיר אריבער א גרויל ביי דעם באַזוך? נעמט די חרטה דורך דאָס פאַלשע הארץ דיינס? די טויטע ברעכען קיינמאָל ניט זייער וואָרט.

זייט מיר ווילקאָמען, איידעלער האַר! ס׳איז פאַר מיר א גאַנץ באַזונדערער כבוד אייך מיט ווירדע אויפצונעמען ביי מיר אין הויז. זעצט זיך צום טיש! אבער גיט אַכטונג, דער שטול איז ניט געמאַכט פאַר אזעלכע געסט. מעג איך אנגיר סען? דער וויין איז גוט. א טראָפּען, וואָס בעסער פון איהם טרעפט מען אין ערגעץ ניט!

ניט צו פאַרברענגען, צו לעבען מיט דיר א גוטען טאָג בין איך דאָ, זאָגט דער גאַסט, און די ווערטער קלינגען איהם אָפּ פון די ליפּען, פונקט ווי זיי וואָלטען ארויסגעקומען פון קברים. דער וואָס איז אריין אין דער וועלט פון די שאָ־טענס, האָט מעהר ניט קיין פאַרלאַנג נאָך עסען און טרינקען. געקומען בין איך, צו קעמפען קעגען דיין פאַרברעכען, א נקמה־נעמער פאַר גאָט, וועמען דו האָסט חוצפה׳דיג אויס־געלאַכט.

זעהסטו דאָס ווילדע בושעווען פון דער נאַטור, דעם הי־מעל׳ס בליצען, וועלכע שניידען דורך די לופט ארום דיין

הויז? הערסטו דאָס קראַכען פון'ם דונער איבער אונז? עס איז דעם בורא'ס צאָרן, וועלכער פאָדערט דין וחשבון פאר די פאַרברעכען אָהן א צאָהל, וואָס דו האָסט אין ווילדער אוים-געלאסענקייט אָנגעלאָדען אויף דיין קאָפּ.

פון יעדען ריס, וואָס דער ווינט גיט, קלינגט דער פלוך פון די קרבנות, די וועה-געשרייען, די גסיסה-קרעכצען פון די, וועמען דיין פוס האָט צוטראָטען. פאַרראַטענע ליעבע באַווייזט דיין שולד, געבראָכענע הערצער קלאָגען דיך אָן פאר גאָט. די שטונדען פון דיין לעבען זיינען געצעהלט. טאָ ניץ אוים די פאַרביי-לויפענדע סעקונדען צו ראַטעווען דיין נשמה. טו תשובה, זינדער! גיב צו דיין שולד! זאָל דיין האַרץ דורכדרונגען ווערן פון טיפער חרטה, כדי דו זאָלסט געפינען גנאָד נאָך דיין טויט!

פאר א מאַרמאָר-בילד איז דאָס ניט שלעכט גערעדט, פאַלט איהם דער אנדערער אומפאַרשעמט אריין אין די רייד, אָט אפנים מען וויים ווי אָפּצושאַצען רעטאָריק דאָרט אין דער וועלט, וואו עס האַלטען זיך אויף די שאָטענס. אבער איהר האָט ניט געטראָפען דעם אָרט. איך שטעה ניט א געבויגענער, א צובראָכענער פאר מיינע מעשים, און איך בין גרייט צו באַצאָלען דעם פולען פרייז פאר יעדער שטונדע פון הייסער זינדען-לוסט. דערפאר האָב איך פאַרפאַקט יעדע קומענדע אָפּרעכענונג און איך לאַך פון יעדער קללה, וואָס פאַלט אויף מיין קאָפּ!

הא, ווען עס וואָלט נאָר אמת געוועזן, אז עס וועט אמאָל וואַרטען אויף מיר א ריכטער, כדי צו פאָדערן פון מיר דין וחשבון פאר מיינע מעשים! איך וואָלט אָהן מורא איהם

אריינגעקוקט אין די אויגען און וואָלט געשפּאָט פון דער אַל־מעכטיגקייט פון זיין צאָרן. איז ער דער גרויסער בורא, דער באַשאַפער פון אלץ וואָס עקזיסטירט, דאַן איז די זינד זיין ווערק. און איז דאָס וואָס איך טו דעם בורא ניט צום האַר־צען, דאַן איז די גאַנצע שעפּפונג דער קאַפּריז פון א קאַליקע. פון'ם ווערק מוז מען אורטיילען איבער דעם מייסטער.

אַמאָל, ווען גאָט האָט פון ערד געמאכט מענשען, האָט ער אריינגעבלאָזען לעבען אין דער טויטער מאַסע און עס איז איהם בשעת מעשה ניט ארויפגעקומען אויף'ן זינען, אז לע־בען איז גייסט. און גייסט איז נשמה, אייגען געזעץ. זיין וואָרט, דאָס וואָרט פון'ם בורא, באהערשט דעם ערד־הויפען, אָבער קיינמאָל ניט דעם גייסט, וואָס ער האָט באַשאַפען. דעם קערפּער פארטיליגט ער מיט דער קאָסע פון'ם טויט, אָבער דער גייסט לעבט ווייטער אין קבר און לאָזט איבער זיין ירושה פאר די קומענדע דורות.

ס'איז מ י י ן גייסט, וועלכער רעבעלירט געגען איהם. ער קען מיך צושמעטערן אין בלינדען צאָרן, אָבער ער קען קיינמאָל ניט צאַמען מיין גייסט. פארניכטען קען ער, אונ־טעריאָכען ניט! דער גייסט איז דער באַשעפער פון זיין אייגענעם רייך און לאַכט זיך אוים פון יעדער געטליכער געוואַלט. ביים קבר נאָך ציהט ער אויף די פאָהן פון רע־וואָלט!

האַלט איין, דו העזה'ניק! רופט אוים דער טויטער באַסט. אצונד זעה איך קלאָר, אז אפילו דער גיהנום וואָלט ניט געקענט ברעכען דיין ווידערשפעניגקייט. גאָט וואָלט געקענט דיך צוטרעטען ווי א וואָרים, אָבער די גאַל פון דיין

שפּאָט וואָלט נאָך פון די העלישע אָפּגרונדען ארויפגעשפּריצט צום הימעל. דיין תליון אָבער מוז ווערן די צייט. ווען דיין לעבענס-קראַפט וועט בּיסלאכוויז אויסגעטריקענט ווערן און גייסט און קערפּער וועלען פון דער לאַסט פון די יאָהרען אַלט און שוואַך ווערן, דאַן וועט דיין רשעות לאַנגזאַם פארשווינ־דען. דאָס לעבען, וואָס דו נעמסט היינט אזוי הייס ארום, וועט אמאָל זיין דער נקמה-נעמער פאר דיינע מעשים.

ביז דעמאָלט איז נאָך דאָ א היבשע ווייל, זאָגט דער אנדערער מיט שפּאָט. איידער דער שניי פון דער עלטער וועט באַדעקען מיין קאָפּ, וועט א שווערד מיר דורכלעכערן דאָס האַרץ. אָבער די יאָהרען אפילו וואָלטען ניט געקענט ברעכען מיין ווידערשפּעניגקייט.

ניין, דו וועסט לעבען, זאָגט דער בלייכער גאַסט. קיין שווערד וועט דיר ניט פאַרקירצען די ערד-רייזע, וואָרים ווי א פּאַנצער וועט דאָס שיקזאל באשירעמען דיין ברוסט. טאָ לעב אַלזאָ, ביז די צייט וועט זיך דערפילען און עס וועט קומען פאר דיר די שווערע שעה! —

מיט שווערע טריט פארלאָזט דער בייזער גאסט דאָס הויז. ווילד וואָיעט דער שטורם, רייסט אוים בוימער און צוברעכט זיי אין שפּענער, אָבער דאָס מאַרמאָר-בילד געהט זיך זיין וועג דורך נאכט און שרעק, ארומגענומען פון׳ם גייסטערהאפטען שיין פון די בליצען, ביז דער קלאַנג פון זיינע טריט שטאַרבט אָפּ אין דער ווייטקייט.

יאָהר נאָך יאָהר פארגעהט אין׳ם לויף פון די צייטען.

נאָך׳ן גרויען ווינטער קומט דעם פריהלינג׳ס פּראַכט, דעם זומער׳ס היצען שוואַכט אָפּ דער קיהלער הערבסט.

פונקט ווי דער שטורם־וואָלקען, פון וועלכען עס פלאַמען אויף די בליצען, געהט דער וואנדערער דרייסט אויף׳ן וועג פון זיין שיקזאַל. עס זעהט כמעט אויס, אז די יאָהרען האָבען פארשטאָהלט, האַרטער געמאַכט זיין ווילען און דאָס פייער פון זיינע ליידענשאפטען נאָך ווילדער צופלאַקערט. ווי א דעמאָן שוועבט ער פארביי אָפּגרונד־טיפעֶנישען, אבער קיין קאָפּ־שווינדעל שטעלט ניט אָפּ דעם טריט פון זיינע פיס. ווי א ווילדער לויפט ער פון לוסט צו לוסט אין משוגענער ליידענשאפט, ציהט אויף דרייסט די פון שטורם צודרעהטע פאָהן פון דער זינד, און נאָך איהם קומען איבעראל טויט און גיהנום׳שע יסורים.

נו, האָט ער ווידער אמאָל פארפיהרט א פרויען־האַרץ און אין א שטילער נאַכט לאָזט ער זיך געהן צו זיין ליבלינג אין איהר גוט־באַשיצטען ווינקעל־צימער. אין גאָרטען זינגט די נאַכטיגאל שלוכצענדיג איהר ליעד, און שווערע דופטען דרינגען אריין דורך׳ן פענסטער. בארוישענדיג איז די מילדע זומער־נאַכט, אָנגעלאָדען מיט דעם פיבער־פייער פון הייסע קושען. ווילד פרעסט זיך דער פרוי׳ס בוזים צו זיין ברוסט, און סאָפּענדיג טרינקט זי זיינע הייסע קושען. אָ ליעבעס־נאַכט, פול מיט געהיימע זינד, אָ נאַכט פון ליידענשאפט און זיסע תאוות, — אך, ווען דו וואָלסט קיינמאָל, קיינמאָל ניט פארגאַנגען!

די שטונדען פארשווינדען שנעל אין זיסער פאַר׳שכור׳ט־קייט, אָט באוויזט זיך שוין דאָרט אין מזרח דאָס בלייכע

ליכט פון׳ם אויפגעהענדען טאָג. דאָ הויבט ער זיך אויף פון׳ם
ווייכען בעט און נעמט ארום מיט א פינסטערן בליק די שענע
פרוי, וועלכע ליגט אצונד פאר איהם, פארזונקען אין טיפען
טרוים.

שלאָף דו נאָר, שלאָף רוהיג, זאָגט ער מיט מיט שטילען
שפאָט. שווער וועט זיין די שעה, ווען דו וועסט זיך אויפכאַ־
פען. ס׳איז דערום בעסער, אז איך זאָל זיך אָפטראָגען, אזוי
לאַנג ווי דער שלאָף האַלט נאָך דיינע אויגען געשלאָסען. ס׳איז
דאָך שטענדיג דאָס זעלביגע אלטע לידעל, מכח די נאָגענדע
געדאנקען פון טיפער חרטה, שטראָמען הייסע טרערען פון
ביטערער שאַנד.

נאָר ווען ער לאָזט זיך שנעל צו צום פענסטער, דערזעהט
ער פלוצלינג זיין בילד אין שפיגעל. ער שמייכעלט פאר פאר־
געניגען, נעמט אראָפּ דאָס היטעלע פון קאָפּ; דאָ געהט איהם
מיט אמאָל אריבער א שוידער איבער׳ן לייב, וואָרים אין דער
טונקעלער פראַכט פון זיינע לאָקען דערזעהט זיין בליק דאָס
ערשטע ווייסע האָר.

א ווייס האָר, דער שליח פון דער נאָהנטער עלטער. ווי
פינסטערע שאָטענס לאָזט עס זיך אראָפּ אין זיין ברוסט. ער
פיהלט דאָס שטילע קלאפּען פון דער צייט׳ס פליגלען, אָבער
שנעל רייסט ער זיך אוועק פון׳ם בילד און לייכט און זיכער
טראָגט ער זיך אָפּ פון׳ם באלקאָן.

אָבער דער געדאנק לאָזט איהם שוין מעהר ניט אָפּ. ער
בוערט זיך טיף אריין אין׳ם גרונד פון זיין נשמה און לוערט
שטום אין דעם אָפּגרונד פון׳ם געפיהל. ווי א געשפּענסט
שטעהט ער ביי איהם אין מוח, און ווען די ערינערונג פארלאָזט

איהם אויף א ווײלע, דאַן הערט ער, ווי עס קלאַפּט שטיל אין דער דינער וואַנט.

אומזיסט סטאַרעט ער זיך צו פאַרטרייבען דעם שרעקענס־גייסט. נאַר, זאָגט ער צו זיך אליין, וואָס קימערט דיך וועגען זאכען, וועלכע זיינען נאָך פאַרבאָרגען אין דער צייט? די געגענוואַרט, דאָס איז דער נאָמען פון דיין וועלט, די „חיי שעה“, די גינסטיגקייט פון דער שטונדע, דער שטערן פון דיין שיקזאל!

נאָך רופט דער קלאַנג פון סטרונעס, דער וויין, די ליעבע. ווילסטו דעם פריהלינג, טראַכט ניט וועגען דעם הערבסט! א רגע צעהלט מעהר ווי טויזענט יאָהר! א פייגלינג איז דער, וואָס כאַפּט ניט אריין די שעה!

אָבער די ערינערונג וויל בשום אופן ניט פאַרשווינדען; ער קען פון איהר ניט פטור ווערן. ווען ער פאַרברענגט אין קרייז פון פרעהליכע טרינקער, מיט דעם פולען בעכער צו די ליפּען, דאַן דערמאָנט ער זיך פלוצלינג אָן דאָס ווייסע האָר. ער זעהט דעם שניי פון דער עלטער אויף זיין קאָפּ, דעם פאַרטרערטען בליק פון פאַרלאָשענע אויגען — און אין באָקאל פאַרוואַנדעלט זיך דער וויין אין גאַל.

ווען ער נעמט אין הייסער תאוה ארום דעם קערפּער פון א פרוי און דריקט מיט ווילדען פייער אָפּ זיינע קושען אויף פייכטע ליפּען, דאַן לויפט איהם דורך דער געדאַנק דורך׳ן מוח און פאַרלעשט יעדע ליידענשאַפט, יעדען הייסען באַגעהר.

קלינגט פאַר איהם דאָס שפּיל פון סטרונעס צום לוסטיגען טאַנץ, דאַן גנב׳עט זיך אריין די ערינערונג צו איהם אין האַרצען און טרויער־קלאַנגען פילען אָן זיינע אויערן. א

טרויער־מאַרש, זאָגט ער דאָן צו זיך אליין, און א טויטען פיהרט מען שטיל צום קבר. מיר דוכט, עס איז מיין אייגענע לויה, איך אליין געה נאָך נאָך מיין ארון. —

זאָל זיין אזוי! דער גרויסער הערבסט איז נאָהנט. ס׳קען זיין, אז די עלטער וועט דעם רויש, די פרייד פון לעבען פאַרביטערן, אָבער מיין ווידערשפעניגקייט וועט קיין שום הערבסט ניט איינצאַמען.

אזוי געהט ער זיך שטענדיג זיין שיקזאַל־וועג דורך ווייטע לענדער, איבער ווייטע ים׳ען, ביז ער דערזעהט דעם לעצטען גרעניץ פאר זיך. —

* *

*

גרוי איז דער הימעל. עס געניצט דער מדבר.

אויסגעשטרעקט אין׳ם ברוינעם מדבר־זאַמד ליגט א ספינקס פון שוואַרצען מאַרמאָר־שטיין, דער בליק פאַרזונקען אין׳ם רייך פון וויסטע ווייטקייטען.

ניט האַס, ניט ליעבע שטראַלט אַרויס פון׳ם דאָזיגען בליק. דאָס אויג איז פאַרשלייערט פון טיפען טרוים, און אויף דער קאַלטער פראַכט פון די שטומע ליפען שוועבט שטיל־שמייכלענדיג די שטילסטע אייביגקייט.

דער צווייטער וואנדערער קוקט אריין דער ספינקס אין די אויגען, נאָר איהרע רעטענישען קען ער ניט כאַפּען, און שטום, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט, לאָזט ער זיך אראָפּ אין דעם שטויב פון׳ם מדבר.

דער דריטער וועג

דער קאַלטער פֿראָסט פֿון׳ם צפֿון נעמט אַרום די ערד מיט זיינע לאַפּעס. ווי אַ שאָטענ־בילד שטייגט אויף דער נעבעל פֿון׳ם ים און שפּרייט זיך אויס איבער׳ן לאַנד. די נאַכט איז שווער און פֿול מיט ערוואַרטונג. דער אַלטער שלאָס קוקט אויס ווי פֿאַרשלייערט, ווי געדיכט אַרומגעשפּונען פֿון די פֿעדים פֿון׳ם שיקזאַל, און זיינע ווענט שטעהען ווי איינגעגראָבען אין זיך, פֿאַרזונקען אין מחשבות איבער אַ גרויסער שולד.

קיין שטערן־שיין דרינגט ניט דורך דעם קאַלטען רויס, אויפֿצואוועקען אין דער ברוסט פֿון׳ם מענשען אַ שטילע בענקשאַפֿט און צויבערהאַפֿטע, ערד־וויטע טרוימען.

מיט אייזערנע טריט געהט זיך דאָס שיקזאל זיין וועג, קאַלט, מורא׳דיג ווי דער בייזער טויט, וועלכער שאַרט זיך דורך די וויסטע קאָרידאָרען און קוקט אויס אויף נאָנטע, נייע קרבנות.

אויף ווייכע זוילען פֿאַר׳גנב׳עט זיך דער שרעק אַרום דעם שלאָס און קלאַפּט מיט לייכטע פֿינגער אין געהיימע טי־רען. און דאָס דאָזיגע קלאַפּען הילכט אָפּ אין מענשען־הער־צער און רופֿט אַרויס די בלייכע מחנה פֿון גייסטער.

און קאַלטע הענט נעמען אָן דאָס האַרץ פון׳ם קעניג, וועלכער קרעכצט פון יסורים און וואַרפט זיך ארום אין שלאָף. אָבער ער קאָן ניט אויסמיידען די געזיכטער,וועלכע שטעהען איהם אימה׳דיג פאר די אויגען, קוקען מיט הוילע בליקען איהם אין פנים אריין און צילען שטום מיט די פינגער צו איהם אין האַרצען.

א פאַרדריקטער כאָרכעל רייסט זיך אָפּ פון די בלאסע, פון אַנגסט פאַרצערטע ליפּען, וועלכע ציטערן אין שלאָף, אזוי ווי זיי וואָלטען געפיהלט דעם וואנזין׳ם הייסען קוש.

גייסטער גליטשען זיך ארום איבער׳ן פינסטערן צימער, פון פאַרבאָרגענע ווינקלען הערט זיך זייער שטילער שפּאָ־טישער געלעכטער, און זיי לעגען דעם שלאָפער שטיינער אויף׳ן האַרצען. ווי דער שוידער פון טויט נעמט עס איהם דורך די נשמה, אָפּגעגאָסען מיט שוויים זיינען זיינע גלידער, ביז ער כאַפּט זיך אויף מיט א מורא׳דיגען געשריי.

א פאַרציטערטע שפּרינגט די פרוי אויף און איז באַלד ביי זיין זייט. מיט בלאַנדזשענדע בליקען קוקט זי אריין אין דער פינסטערניש, וועלכע ציטערט ווי א מענשען־האַרץ אין אַנגסטען. א קאַלטער שוידער געהט איהר אריבער איבער׳ן שלאַנקען לייב. אין איהרע געדאַנקען זעהט זי דאָס שפּיל פון בלייכע הענט, וועלכע שטרעקען זיך אוים סטראַשענדיג צו איהר האַרץ, און פאר פחד שטעלען זיך איהר די האָר דיבאָם.

מיט אַמאָל פאַרשווינדט דאָס שרעקענס־בילד, און אָהן כוחות לאָזען זיי זיך ביידע אראָפּ אויף׳ן קישען און קוקען שטום אין דער פינסטערניש, אזוי ווי זיי וואָלטען זיך צוגע־הערט צו דעם שטילען גערויש פון׳ם וועב־שטול, אויף וועלכען דאָס שיקזאַל שפּינט זיינע פעדים.

אין יענעם שלאָס איז ער געבוירן געוואָרן, א קעניג׳ס זוהן, א פירסט פון איידעלען בלוט. א בלאַסער פרינץ — כמעט בלוטלאָז קוקט אוים דער בלייכער שטערן. אבער הינ־טער דעם דאָזיגען שטערן האַלטען זיך אויף אָפגרונד־טיפע און רעטעניש־שווערע געדאנקען, וועלכע דרעהען זיך ארום גריבלענדיג אין זייערע שטילע קרייזען.

פון טונקעלע אויגען סטאַרטשען ארוים שרעקעדיגע בליקען און באַטראַכטען פרעגענדיג מענשען, וועלט און זאַ־כען, אזוי ווי זיי וואָלטען וועלען דערגעהן דעם טיפסטען גרונד פון׳ם לעבען.

ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם פאָטער׳ס פלוצ־לינגען טויט, איז ער שנעל צוריקגעקומען פון׳ם ווייטען לאַנד, אָבער ער האָט געפונען די היים פרעמד און פוסט, ניט פעהיג מעהר צו וועקען דאָס שטילע גליק, וואָס קייטעלט צו די מענ־שען צו דער אַלטער ערד און דערוועקט אין זיי זיסע, צאַרטע ערינערונגען.

ער האָט געפונען די מוטער פארהייראַט צו דעם מאַן, וועלכער פאַכעט אצונד מיט זיין סצעפּטער איבער די קרייזען פון׳ם צפון־לאַנד. דאָס האָט איהם דורכגעשניטען ווי א בליץ דורך דער נשמה. ער קאָן ניט באגרייפען די שנעלע פאר־וואנדלונג, ער קאָן ניט פארשטעהן, ווי אזוי נאָך׳ן טרויער האָט אין עטליכע חדשים געקאָנט קומען א חתונה־צערע־מאָניע.

דער גאַנצער יאָמער פון׳ם לעבען נעמט איהם ארום. געמיין און נישטיג קוקט איהם אוים יעדער צוועק פון׳ם דא־זיין און זינלאָז ווי די משוגענע קאַפּריזען פון דעם צופאַל. ער זעהט די קליינליכקייטען, די גיריגקייט און נויט פון די מענ־

שען, די פאָזע, וועלכע מוז פאַרדעקען זייער שוואַכקייט, און ער מאַכט חוזק פון זייערע קליינע מאַסקעראַדען.

ווי א ריזיגער יאַריד קוקט איהם אויס אָט די וועלט, אָנגעפילט מיט פאַרביגע פליטערלעך און פוסטע זאַכען, — ווי א ריזיגער יאַריד, וואָס רייצט נאָר די פאַרביילויפענדע רגע און פאַרשווינדט אזוי גיך ווי ער קומט.

מיידט ער אלזאָ מיט א כיוון אויס דעם ברייטען וועג און וואַנדעלט אויף שטעגען, וועלכע קיין אַנדערער געהט ניט, כדי אויסצופאָרשען, נאָכשפּירען די אידעען, וועלכע ווערן אין שטילע שטונדען געבוירן אין זיין מוח.

ווי פרעמדע וואַנדערער אויף א פרעמדער ערד ציהט די געדאַנקען־מחנה דורך ביי איהם אין מוח און לאָזט איהם צייטענווייז פיהלען די שפּור פון א רעטעניש. פון טונקעלע שאַכטען פאָרמירען זיך שרעקעדיגע און אנגסטיגע באַגריפען, וועלכע קאָנען שווער פאַרטראָגען דאָס ליכט פון טאָג און בלישטשען מאָדנע איבער אָפּגרונד־טיפענישען.

די אַנדערע באַמערקען גוט וואָס מיט דעם פרינץ קומט פאָר און שושקען זיך אריין געהיימע ווערטער אין די אויערן, אז עפּעס איז ניט אלצדינג אין אָרדנונג ביי איהם. א מאָדנער בחור, וואָס געהט נאָך זיינע פינסטערע מחשבות, באַגרייפט ניט דעם גערא‏ַדען גאַנג פון׳ם לעבען און לאָזט זיך פיהרען פון זיינע קאַפּריזען, פון זיינע שטימונגען.

די מוטער פיהלט זיך כסדר דערשלאָגען אין זיין אָנוועזענהייט, און ווען זיין בליק דרינגט פאָרשענדיג אריין צו איהר אין דער נשמה, דערשפּירט זי דעם טעמפּען ווייטאָג פון חרטה אין האַרצען.

דעם קעניג אָבער קוקט דעם פרינץ׳ס באַנעמונג אויס

פאַרדעכטיג; דער דאָרן פון חשד בויערט זיך טיף אריין אין זיין ברוסט. — צי פיהלט אקאָרשט יענער ניט דאָס, וואָס ליגט פאַרבאָרגען אין טיפסטען גרונד פון זיין זעל? די שווע־רע שולד, וועלכע ער האָט גענומען אויף זיך, און פון וועל־כער קיינער ווייסט ניט אזוי גוט ווי די מחנה פון בייזע טײ־וואָלים, וועלכע באַווייזען זיך צו איהם ביינאכט אין שווערע חלומות און פילען אָן זיין נשמה מיט שרעק?

איין נאכט, ווען אלע אין שלאָס זיינען שוין לאנג פאַר־זונקען אין שלאָף, קאָן דער פרינץ ניט איינרוהען און עס טרייבט איהם ארויף אויף די אַלטע מויערן, וועלכע הויבען זיך אויף שטום און פינסטער צום הימעל. אין׳ם ווייטען רוים הערשט א טיף שטיל־שווייגען, וואָס ווערט ניט איבערגע־שלאָגען פון דעם קלענסטען געראויש. איהם דוכט זיך אוים, אזוי ווי יעדער הויך וואָלט אָפּגעשטאָרבען און דאָס גאנצע לעבען וואָלט פּלוצלינג פאַרטיליגט געוואָרן פון׳ם טויט. — דאָ באַווייזט זיך פאַר זיינע אויגען א בלייכער שיין, און פון׳ם נעבעל קומט ארויס דעם פאָטער׳ס בילד.

דערשרעק זיך ניט, מיין זוהן! קלינגט עס אָפּ טעמפּ און שווער. פון אן אנדער וועלט קום איך צו דיר, כדי דיר צו אנטפּלעקען א מורא׳דיגען פאַרברעכען. געשטאָרבען בין איך ניט, ווי אנדערע שטאַרבען, מיך האָט געטראָפען א מער־דער׳ס האַנד. דער אייגענער ברודער האָט דעם אַקט באַגאַנ־גען, האָט אויסגעשטרעקט די האַנד נאָך מיין לעבען, ווי קין פאַרגאָסען זיין ברודער׳ס בלוט.

ניין, ערגער נאָך ווי קין, וואָרים דער דאָזיגער האָט זיך בלויז געלאָזט פאַרפיהרען פון זיין צאָרן, ווייל ער האָט גע־

מיינט, אַז דער בורא האָט איהם פיינט. אָבער יענער איז געקראָכען ווי א שלאַנג אויף׳ן בויך און האָט מיר ווי א פייגלינג אין שלאָף געגעבען דעם טויטליכען ביס. דער מאַן, וואָס טראָגט מיין קרוין און האָט זיך אויסגעקליבען דיין מוטער אלס פרוי, — דאָס האָט ער שענדליך, הינטען ארום מיך דער׳הרג׳עט.

אין דיינע אָדערן קאָכט דעם פאָטער׳ס בלוט. פון מיין זאמען ביזטו געקומען אויף דער וועלט. דערום גיב איך אי־בער צו דיר אין האַנד די אויספיהרונג פון מיין נקמה. דיין פאָטער׳ס שטים רעדט צו דיר און רופט דיך צו דער טאַט, כדי איך זאָל געפינען רוה אין דער שאָטען־וועלט.

אין׳ם נעבעל פארשווינדט דאָס בילד פון׳ם גייסט. ווי איינגעוואָרצעלט שטעהט דער פרינץ אויף דעם זעלבען אָרט, אזוי ווי ער וואָלט ניט געקאָנט באגרייפען דאָס מורא׳דיגע, וואָס ער האָט געזעהן און געהערט. אָבער דאָ קאָן דאָך קיין שום ספק ניט זיין. ס׳איז געווען דעם פאָטער׳ס בילד, דעם פאָטער׳ס שטים. אין גאַל ווערט פארוואנדעלט דאָס בלוט ביי איהם אין דער ברוסט, און פון דער טיפעניש רופט עס, שרייט עס נאָך ראַכע.

ער זעהט, ווי דער מערדער פאר׳גנב׳עט זיך צו זיין קרבן, וועלכער האָט זיך פרידליך אויסגעשטרעקט צו רוהען און איז פארזונקען אין דעם טיפסטען שלאָף; ער זעהט, ווי יענער טריפט איהם אריין גיפט אין אויער, כדי קיין פארדאכט פון מענשען זאָל ניט דערוועקען קיין צווייפעל איבער דעם פלוצ־לינגען טויט.

צו מורא׳דיג איז געווען די טאַט, צו פאַרברעכעריש, אז

זי זאָל קאָנען בלייבען אומבאצאָלט. א מאָרד, אזוי שענדליך, ווי די וועלט האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן! — דער פאָטער טויט, דער׳הרג׳עט פון א מערדער־האַנד! די אייגענע מוטער אין דעם מערדער׳ס ארעמס! דאָס איז א פארברעכען, וואָס שרייט צום הימעל! דאָ ווערט די נקמה א הייליג געזעץ, אויסגלייכענדע גערעכטיגקייט אויף דער ערד.

א קאַלטער שוידער באַפאַלט דעם פרינץ. ער פיהלט, ווי דער וואַנזין יוירט, וואַקסט ביי איהם אין בלוט און צורייסט יעדען באַנד, וואָס האָט איהם ביז אהער נאָך פארבונדען מיט די מענשען און מיט דער מענשהייט. צו שוידערליך איז דאס פינסטערע בילד פון דער ווארהייט, וואָרים דאָס וואָס ער האָט געזעהן, האָט נאָך קיין שטערבליכער ניט געזעהן.

זיי רוהיג, בלייכער שאָטען, זאָגט ער שטיל. דו וועסט מעהר ניט וואַנדערן אומרוהיג אין דער וועלט, עס וועט דער זוהן דיר העלפען, דיר געבען די פארדינטע רוה. איך וועל זיין דער הענקער פון דיין ראָצע, און נקמה וועל איך נעמען פאר דער מורא׳דיגער שולד!

צום שווערד כאפט זיך די האַנד פון׳ם בלייכען פרינץ, אָבער עס ציטערט איהם דער אָרם, ער האָט קיין כוח ניט, און אָהן מוט לאָזט ער צוריק אראָפּ די פויסט. צו אומגע־ריכט איז געקומען דעם פאָטער׳ס וואָרט, און די דערקענטע־ניש האָט פאַראַליזירט זיינע כוחות. — אָבער בלויז אָפּגע־לעגט, ניט אויפגעגעבען. דאָס וואָס אָט דער טאָג האָט ניט געקאָנט דורכפיהרען, וועט אויפטאָן דער אייפער, דער חשק פון אן אנדער שעה.

אומזיסטע מיה! יעדען טאָג זעהט ער דעם מערדער׳ס

ברוסט פאַר זיינע אויגען, אזוי ווי דאָס שיקזאל וואָלט איהם צוגעפיהרט דעם ציל צו דער האַנד. אָבער אין דער לעצטער רגע באַפאַלט איהם א מורא; ער קווייטשעלט און איבערלעגט זיך, קומט קיינמאָל ניט צו קיין באשלוס. אמת, אז ער טרעפט איהם אָפט מיט א פינסטער וואָרט, אָבער קיינמאָל ניט מיט דעם שווערד׳ס קאַלטען שטאָהל.

אזוי פאַרשווינדט טאָג נאָך טאָג, אָבער קיינמאָל קומט איהם ניט די טאַט. שווער ליגט דעם פאָטער׳ס וואונש איהם אויף דער נשמה; אָפט טוט זיך די האַנד שנעל א לאָז צום שווערד, אָבער קיינמאָל שלאָגט פאַר איהם ניט די שטונדע פון ענטשלוס, וואָס זאָל איהם שטאַרקען דעם ווילען און ארויסציהען די קלינג פון׳ם שייד.

אזוי ווי דאָס וויסען וואָלט זיין קראַפט פאַר׳כשופ׳ט. דאָס וואָס קיינער האָט זיך קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט, האָט ער געקראָגען צו וויסען. אבער די דערקענטעניש שוואכט אָפּ דעם מוט צו טאָן, פאַרצעהרט דעם ווילען, וועלכער שרייט נאָך מעשים, נאָך טאַטען.

אומזיסט שלאָגט אין איהם דעם פאָטער׳ס בלוט. ער גריבעלט זיך, קאָן זיך אליין ניט פאַרשטעהן, באשולדיגט זיך אין פייגהייט, שעלט זיך און רופט זיך מיאוס׳ער מענש, אָבער עס העלפט ניט; קיין פאָרוואורף שטאַרקט איהם ניט דעם שוואכען אָרם.

נו, זוכט ער טרייסט אין דער וועלט פון אידעען. דורך שלוסען פון טרוקענער לאָגיק פילט ער אוים דעם ליידיגען פלאַץ פון דער טאַט, כדי צו פאַרשרייען יענע אינערליכע שטים, וועלכע מאָנט און רעדט וועגען שטענדיגען אָפּלעגען, וועגען פאַרשפּעטיגטען האַנדלען. אין אומבאַקאַנטע טיפע־

נישען גראָבט זיך זיין מוח אויף'ן שטייגער פון די חכמים און די פילאָזאָפען, וועלכע טייטשען זיך אוים דאָם לעבען לויט זייער באַדערפעניש. אָבער ווען דער מוח ליגט און פוילענצט אין אָפגרונד־טיפענישען, דאן האָט די האַנד קיין צייט ניט צום שנעלען טאָן.

וואָם איז דער צוועק פון'ם לעבען? פרעגט ער זיך. מיר דוכט, די לייזונג איז גאָר ניט אזוי שווער. דער צוועק פון'ם לעבען איז בלויז דער טויט, וואָרים אלצדינג, וואָם ענט־שטעהט אויף דער דאָזיגער וועלט, ווערט פון'ם הויך פון די צייטען פארוועהט, אוועקגעבלאָזען ווי שטויב; דאָם שטאַר־בען איז דער גאנצער צוועק פון'ם משא ומתן. אָבער צוועק און זין זיינען שטענדיג פון'ם זעלביגען שטאַם, און אויב דאָס לעבען האָט ניט קיין אנדער צוועק, דאַן קומט פון'ם דאָזיגען צוועק אויך דער זין פון'ם לעבען.

ביי דעם מענשען אין די אויגען קוקט דאָם לעבען אוים צו זיין דאָם העכסטע גוט, אָבער בעסער וואָלט געווען, ווען ער וואָלט עם קיינמאָל ניט געזעהן. דאָם וואָם ערשיינט פאר אונז אין פארלויף פון'ם געשעהן, פאַרשווינדט ווידער ווי א הויך אין'ם שטורם. אזוי שנעל ווי עם פארגעהט די שפור אין מדבר, אזוי פארטיליגט די צייט אויך די שפורען פון אונ־זער עקזיסטענץ, פונקט ווי אונזער פום וואָלט קיינמאָל ניט באַריהרט די ערד.

אָבער דאָם וואָם דערגרייכט זיין צוועק אין גרויסען, איז אין קליינעם ווייט ניט קיין געווינס. אויב דער טויט דער־פילט דעם צוועק פון'ם לעבען, ווערט אָבער דאָם שטאַרבען דעם מענשען קיינמאָל ניט זיין צום הארצען. וואָרים דאָם

וואָס דינט אין כלל, אין גאַנצען א געוויסען צוועק, האָט אין פּרט, אין באַזונדערן ניט קיין צוועק און ניט קיין זין. מחמת דעם איז דאָס לעבען פאר אונז א פּוסטער שיין. מיר ווערן מיטגעריסען פון׳ם וויכער און דרעהען זיך ארום ווי פּאַר־וויאַנעטע בלעטער אין׳ם ווינט, ביז מיר פאַלען אראָפּ אויף דער ערד, ווערן ווידער ערד.

האָט אַלזאָ דאָס לעבען ניט קיין זין און קיין צוועק, דאַן איז זיין ווערט פאר אונז א פּוסטער קלאַנג. מיר דוכט, אז אָט דער אמת איז אומבאַשטרייטבאר; די לאָגיק פאַרטראָגט ניט קיין ווידערשפּרוך. אבער אויב דאָס לעבען האָט ניט קיין ווערט פאר אונז, דאַן איז דער טויט דעם מענשען׳ס בעסטער פריינד, ווייל ער מאכט א סוף צו דעם נאַרישען שפּיל.

יאָ, ווען מיר וואָלטען געהאַט אומשטערבליכקייט און מיר וואָלטען ניט געווען געבונדען אָן דעם לויף פון די ציי־טען, דאַן וואָלט מעגליך געווען צו באַנעמען דעם ווערט פון׳ם לעבען. וואָרים וואו עס איז פאַראַן אומשטערבליכקייט, דאָרט איז דער גרויסער אויסגלייך פון אלעס וואָס עקזיסטירט, אלצאיינס צי מיר רופען עס זינד אָדער טוגענד.

אין׳ם אייביגען איז פאַראַן יעדער זין, און ווען דער אַפּפּלוס האָט איבערגעלאָזט אויף׳ן זאַמד, דעם פיהרט דער קומענדער צופלוס ארויף צו נייע הויכען. אין׳ם אייביגען ווערט דערפילט יעדער חלום, און יעדע בענקשאַפט געפינט איהר צייט. דאָרט לעבט דער שטענדיגער אויסטויש פון אלע ווערטען, און יעדער נומער מוז ארויסציהען א „זכה בגורל“, א טרעפער, ווייל קיינער איז ניט געבונדען אָן דער צייט.

אָבער א ו נ ז ע ר לעבען מאכט, בנאמנות, דעם איינ־דרוק, ווי עס וואָלט געווען א שלעכטער וויץ פון א גאָט. אָן



האַמלעט

אומענדליכער באַנקראָט, א שטענדיג זוכען, א דראַנג צו כאַ־
פּען דאָס אומבאגרענעצטע, אָן אומאויפהערליך, אומרוהיג
האָפּען, איילען און דעריאָגען, וואָס געפינט שנעל זיין סוף
אין׳ם שטראָם פון דער צייט און דערפיהרט קיינמאָל ניט צו
קיין ציל.

דאָ דערמאָנט דעם פאָטער׳ס שטים ווידער אמאָל דעם
בלייכען טרוימער אָן דער ערנסטקייט פון דער טאָט. ער
פיהלט ארום זיך די נאָנטקייט פון דעם בלאַסען שאָטען, פיהלט
זיין אויסגעלאָשענעם בליק ביי זיך אין הארצען און קאָן זיך
פונדעסטוועגען דאָך ניט ענטשליסען צו האַנדלען.

ער שפּרינגט אויף אין ווילדען וויטאָג, יעדעס מאָל וואָס
זיין אויער פאַרנעמט דעם קלאַנג פון דער שטים. דער גאַנ־
צער בנין פון געדאנקען, וואָס זיין שארפע לאָגיק האָט מיט
מיה אויפגעשטעלט, צופאַלט ווי א קאָרטען־שטיבעל פון א
קינד׳ס בלאָז. ער דענקט פון נקמה, אָפּרעכענונג, שנעלע
האַנדלונג, אָבער קוים נעמט ער נאָר דעם שווערד אין דער
האנד, געהט איהם אריבער דער אלטער ציטער איבער די
גלידער, און אָהן מוט לעגט ער איהם צוריק אריין אין שייד.

אומזיסט קאָכט ער זיך קעגען זיין שוואכקייט, אבער ער
קאָן די שטונדע פון ענטשיידונג ניט באצווינגען. — ביז ער
פאַלט ווידער אריין אין דעם אלטען צושטאַנד, פארשווענדט
זיין צייט אין שטומען טראכטען און גריבלען, און אָנשטאָט
טאָטען בויט ער טעאָריעס, כדי צו שאַפען א גרונד, א תירוץ
פאר זיין שוואַכקייט.

א מאָדנע בריאה, דער מענש אין זיין איינבילדונג!
הויבט ער ווידער אָן צו רעזאָנירען, צו טענה׳ן מיט זיך אליין.

ער שטאָלצירט אזוי מיט זיין ברעקעלע, מיט זיין פונקעלע גייסט, אזוי ווי ער וואָלט געהאט צו שאפען איבער גאנצע וועלטען. און ער איז דאָך ניט מעהר ווי א שוואָך, וואקעל־דיג בריאה'לע, וואָס ווערט אוועקגעטראָגען ווי א שטרוי פון'ם שטורם. ער רעדט מיט ענטציקונג וועגען דעם צוועק פון זיין עקזיסטענץ און פארבייט דאן דעם טייטש, די ערקלע־רונג, וועלכע זיין מוח האָט אויסגעשפונען, מיט דעם מורא'־דיגען געשעהן פון אונזער לעבען, וואָס געהט זיך אויטאָקראַ־טיש זיינע אייגענע וועגען, ניט קימערענדיג זיך וועגען אלע קאָמענטאַרען און טייטשען.

פון גרויסע טאַטען טרוימט ער, וועלט־באַצווינגונג, קלערט זיך אויס וואָס פאַר עס איז מיסיע, מיינט, אז ער איז ספעציעל בעשאַפען געוואָרן פאַר איהר, און שפרייט זיך אויס, פיהלט זיך היימיש ווי א פראָש אין זומפּ. ער שרייט, באַ־וועגט זיך, האַנדעלט, ליארעמט און לעסטערט און מערקט ניט, ווי דאָס וואַסער, וואָס זיין דראַנג האָט אָקאָרשט צו־פלוישקעט און אין שוים צוקלאַפט, ווערט באַלד ווידער אויס־געגליכען און גלאַט.

מען קאָן שיער פלאַצען פאַר געלעכטער, ווען מען באַ־טראַכט דעם נאַרישען בחור, וואָס האַלט דעם צעפטער און פיהרט איצט די מלוכה. מיט וואָס פאַר א וויכטיגקייט ער באַטאָנט עס יעדעס וואָרט, וואָס קומט ארויס פון זיין ליגנע־רישען מויל! ער פוצט זיך אויס ווי א פאַווע און פאַראַדירט ווי א גאַסען־זינגער אויף'ן אָפּענעם מאַרק. געוויס גלויבט ער, אז יעדע נאַרישקייט, וואָס ער באַגעהט, איז ניצליך פאַר דעם וואוילזיין פון זיין רייך. — וואָרים ביי די קעניגע איז אלצדינג גרויס, זאָגאר דער שטולגאַנג ווערט ביי זיי א קעניג־

ליכער אַקט, וואָס בלייבט ניט אָהן אווירקונג אויף די געשעע־
העניששען פון דער וועלט.

דריקען איהם די געדערים חלילה ניט אין דער געוועהנ־
ליכער שעה, דאן קאָן א זיג זיך פאַרוואַנדלען אין א מפּלה—,
א גאַנצע מלוכה קאָן אויף אַזאַ'ן אופן צופאַלען אין שטיקער.
עס וואָלט זיך כ'לעבען געלוינט אויסצופאָרשען די וועלטגע־
שיכטע אויף דעם שטולגאַנג פון די מאָנאַרכען. מען וואָלט
ביי דעם דאָזיגען סטודיום זיך דערוואוסט זאכען, וואָס אונזער
וויסענשאַפט האָט ביז אהער ניט געקאָנט דערגעהן.

ווי ווירדיג מיין הערר אָנקעל זעהט עס אויס, און דאָך
ליגט איהם דער פּחד, די שוידערליכע מורא אין בלוט און עס
ציטערט אויף איהם די הויט, ווי א פאַרברעכער, וועמען מען
פיהרט צום עשאַפאָט.

די שולד, וועלכע ער האָט אָנגעלאָדען אויף זיין קאָפּ,
בעת זיין עהרגייץ האָט איהם אונטערגעשטעלט א פאַסטקע,
דערדריקט איהם שיער ניט צום טויט; די האָר שטעלען זיך
איהם קאַפּויר, ווען ער הערט זיין ברודער'ס קללות אין חלום.
א הייפעלע שמוץ איז די גאַנצע מאַיעסטעט, וועלכע שימעלט
אונטער א הערמעלין־פּוטער.

דאָ געפעלט מיר שוין, כ'לעבען, בעסער דער קעניג וואָ־
רים! דער האָט גאַנץ אנדערע אייגענשאַפטען, גאַנץ אנדע־
רע הערשער־קוואַליטעטען ווי אזא ציטערדיגער בחור, וועע־
מען די שוידערליכע מורא נאָגט כסדר אין הארצען.

דער וואָרים איז קעניג פון אלע קעניגע, מחמת קיינער
קאָן זיך ניט אויסדרעהען פון'ם מס, פון'ם צינז, וואָס ער פאָ־
דערט, הגם ער האָט ניט ניט קיין פערד און ניט קיין רייטער,
כדי דורכצופיהרען זיין ווילען. דער וואָרים איז אומבאשטעכ־

ליך, מען קאָן איהם ניט אונטערקויפען מיט שוחד; ער איז אָהן פּעהלערן, א ריטער אָהן מורא און טאדעל. ער האנ־דעלט שטענדיג לויט זיין אייגענעם אורטייל, אן אמת'ער קעניג, וועלכער בויגט זיך ניט פאר קיין שום איינפלוס און רעגירט זיין וועלט נאָך זיין אייגענעם ווילען.

דער וואָרים פרעסט אלעמען — קעניגע און בעטלער, און דער זשעני איז ביי איהם ניט קיין גרעסער'ער יחסן ווי יעדער דומקאָפּ. אין זיין האנדלונג שאנעוועט ער ניט קיין אלטע און קיין יונגע, האָט ניט קיין זין פאר געשלעכט און עלטער און איז פריי פון יעדער חניפה, פון יעדער היפּאָקריטסטווא.

ער איז דער גרויסער אויסגלייכער פון דער גאנצער מענשען־עקזיסטענץ; פאר זיין ריכט־שטול גילט ניט קיין ראַנג און קיין טיטעל. קיין דענקער קאָן זיך ניט בארימען, אַז ער האָט א פּאָרצוג ביי איהם, ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער אליין האָט פיליכט עפּעס פון'ם דענקער.

דער מענש אין זיין גאוה פיהלט זיך הויך איבער יעדער באַשעפעניש און גלויבט, אז אלצדינג איז געשאַפען בלויז פאר איהם. אזוי האָט ער זיך איינגעאָרדענט די וועלט און באַשטימט א זין און א צוועק פאר אלצדינג. אָבער עס קומט איהם, פארשטעהט זיך, קיינמאָל ניט ארויף אויף'ן זינען, אז אנדערע וועזענס באזיצען פיליכט אויך זיין קונסט פון לאָגיק און פון דעדוקציע.

און אויב דאָס איז דער פאַל, דאַן איז קלאָר, אז זייער באַזונדערער סאָרט דענקען איז אָנגעמאָסטען פאר דער ספע־רע פון זייער לעבען, אין וועלכער עס ליגט די פאָרשטעלונג פון דער עקזיסטענץ.

סוף כל סוף איז דאָך דאָס אָפּהענגיג פון דער פּרעמיסע,

פון'ם פאדערזאץ וואס פיהרט צום לאגישען שלום; ווארים אז מען איז זיך גארנישט משער, אז מען נעמט גארנישט אן, דאן קאן גארנישט ווערן. לעגט מען אוועק דעם יסוד, דעם ערשטען גרונד פון דער פרעמיסע, פארמירט זיך פון זיך גופא דער צוועק פון'ם לעבען. דאס וואס מען האט פארויסגע־זעצט איז דאס קערנדעל, דער עיקר פון'ם דענקען, די בריק, וועלכע פיהרט צו יעדער לעבענס־חכמה.

אבער די פרעמיסען, וועלכע דער מוח טראכט אויס, זייי־נען שטענדיג געבונדען אן באדינגונגען; באדינגונגען גיבען דעם שכל פארם און מאניער. אנגענומען אלזא דעם פאל, אז דער ווארים איז א פילאזאף, דאן איז זיין דענקען צוגעפאסט צו זיין וועזען און זיין אומגעבונג. און אזוי ווי זיין לעבען פאלגט נאך אנדערע געזעצען, זיינען אויך די אידעען, וועלכע ער פארמירט, אונטערווארפען דער לאגיק פון ז י י ן ווע־זען, וועלכע פארמירט זיך איהר אייגענעם צוועק און זין פון דער עקזיסטענץ.

א גלענצענדער איינפאל, בנאמנות! דער וויץ איז אויס־געצייכענט, ניט צום באצאלען! דער ווארים א פילאזאף, א טיפער דענקער, אנגעלאדען מיט די טיפסטע שלוסען פון דער חכמה! איך זעה שוין דאס בילד פאר מיינע אויגען: דער ווארים אין דעם ערנסטען קרייז פון זיינע ברידער, וועלכע שטעהען געשפאנט און קוקען איהם אין מויל אריין, צו געני־סען מיט דארשט דעם טיפסטען זין פון'ם אמת.

ווי שען, ווי הערליך איז די וועלט איינגעארדענט! קיין ברעקעלע ערד ריהרט זיך ניט פון ארט אהן דעם ווילען פון אונזער בורא. אזוי האט ער אריינגעגעבען א זין אין אלצ־

דינג, און זיין ליעבע נעמט ארום יעדע באשעפעניש. אבער דער עיקר הערשט זיין חסד איבער אונז, וואס מיר זיינען דער „בחיר היצורים“, די קרוין פון זיין שעפפונג.

צוערשט האט גאט באשאפען דעם הימעל און די ערד, די מענשען, פלאנצען, זשוקעס און אזוי ווייטער, ביז ער האט באשאפען זיין ליבלינגס־קינד, דעם ווארים. וואס פאר א זין וואלט דען געהאט די גאנצע שעפפונג, ווען עס וואלט, לויט דעם היילינען ווילען פון אונזער בורא, ניט אויסגעקליבען גע־ווארען א וועזען, וואס איז באשטימט צו ערקלערען דאס גרויסע ווערק פון׳ם מייסטער, צו ענטדעקען דעם צוועק און זין פון דער עקזיסטענץ און אייביג לויבען און גרויסען זיין ליעבען נאמען?

צוליעב דעם ווארים עקזיסטירט דער גאנצער וועלט־אל. עס לעבט די חיה, די פלאנצע אויף דער וועלט, כדי עס זאל ביי דעם מענשען וואקסען דער בויך, וועלכער וועט אונז אמאל דינען אלס נאשעריי. אזוי לעבט דער מענש, כדי אנ־צושטאפען, פעט צו מאכען די ווערים. אה, קלוג איז אייג־געארדענט דאס לעבען; קלאר ווי די נאכט זעהט מיר אויס דעם בורא׳ס ווילען, די אומבאגרענעצטע ליעבע פון זיינע מעשים.

אזוי רעדט דער ווארים, ווען די מאלצייטען זיינען איהם געראטען. ווארים אזא באלייבטער, פעטט־געבויטער בחור, וואס קאן קוים דערשלעפען זיין פעטען גוף דורך׳ן לעבען, איז געטער־שפייז פאר דעם בורא׳ס קינדער און אנטפלעקט דעם טיפען זין פון׳ם לעבען.

אבער ווען פון אויבען קומט מאגערע שפייז, א דאר

שניידערל, דערשלאָגען פון טויט, וואָס האָט אפילו ניט קיין אונץ פעט אויף׳ן גוף, און וועמעס פלייש איז נאָך הארטער, נאָך אויסגעטריקענטער ווי דאָס האָלץ פון׳ם ארון, אין וועלכען ער ליגט, דאן פארשווינדט אויך דעם וואָרים׳ס גוטע שטימונג, די זעלבסט-צופרידענקייט פון דער בריאה. ער געפינט, אז עס זיינען פאראן זאַכען אָהן א צוועק, קריטיקירט דעם בורא׳ם הייליג ווערק און צווייפעלט אין דער חכמה פון דער דאָזיגער וועלט.

די לאָגיק איז אומבאַדינגט אויף זיין זייט, וואָרים וואָס פאר א זין און צוועק האָט עס, כ׳לעבען, אז עס שטאַרבט אזא קבצן׳יוק, וואָס האָט גאָרנישט אוועקצוגעבען, נאָר הויט און ביינער? אזא חברה-מאַן וואָלט געדארפט לעבען אייביג; ער שענדעט בלויז דעם טויט דורך זיין טויטען קערפער, דערוועקט דעם צווייפעל אין דעם צוועק פון דער עקזיסטענץ.

איז דאָס דער שכר, די באַלוינונג פאר אונזער טרייען גלויבען? זאָגט דער וואָרים, פאר דעם גאנצען לויב, וואָס מיר האָבען תמיד אָפּגעגעבען דעם בורא פון דער פולער ברוסט און פון טיפען, דאַנקבאַרען הארצען? האָט ער פארגעסען אָן דער נויט פון זיינע קינדער? זאָרגט ער שוין מעהר ניט, ווי ער האָט עס פריהער געטאָן, אז די מענשען זאָלען זיין פעט, כדי די ווערים זאָלען קאָנען פראַווען גרויסע, יום טוב׳דיגע סעודות? — מען קאָן דאָך — ניט שטראָף מיך גאָט פאר די זינדיגע רייד! — מען קאָן דאָך חלילה ווערן אן אפיקורס, אן אטעאיסט און צווייפלען אין דעם גאנצען זין פון דער שעפּפונג! —

נאָר ווען די מאָלצייטען ווערן ווידער רייכער, דאן געפינט אויך דער וואָרים צוריק דעם וועג צו גאָט. און מיט

חשק גיט ער אָפּ דעם בורא זיין לויב, וואַרנט זיינע קינדער פאר דעם שטן׳ס ליסטיגקייט און לויבט און גרויסט דעם טי־פען זין פון דער אייביגער חכמה.

וואָס איז דאָס? רעדט דאָ ניט ווידער דעם פאָטער׳ס שטים, וועלכע מאָנט שטילערהייט און דרינגט אריין צו איהם אין הארצען? פאר זיינע אויגען שטעהט דאָס בילד פון׳ם אָפּפער, וואָס לאָזט אריין דעם טויטען בליק טיף אין זיין נשמה און ווייזט אָן מיט דער האַנד אויף׳ן שווערד ביי דער זייט.

עס געהט איהם אריבער א גרויל פאר אָט דעם בליק, פאר דעם קלאַנג פון אָט דער שטימע, וואָס טרייבט איהם ארויף דאָס בלוט צום הארצען און צומישט איהם דעם מוח. אָבער ער פיהלט, ווי אלע זיינע גלידער זיינען אָנגעפילט מיט בליי, אזוי אז ער קאָן ניט א ריהר געבען מיט דער האנד עפּעס צו טאָן.

א צושראָקענער וואנדעלט ער אויף וועלט־פארלאָזענע וועגען, וואַרים יעדער בליק פון די מענשען, וואָס ער באגע־גענט, קוקט איהם אוים פול מיט פאָרוואורף און שווער ווי דאָס שיקזאַל.

ווען ער האָט אמאָל פארלאָזען די היים, איז איהם דאָ איבערגעבליבען א מיידעל פון אידעלען בלוט, אין וועמעס הארץ עס האָט געברענט דאָס פייער פון דער ליעבע. אָבער ער האָט אויסגעמידען זיך צו באגעגענען מיט איהר, זינט ער איז צוריקגעקומען פון׳ם ווייטען לאַנד. ביז זי האָט שוין מעהר ניט געקאָנט באהערשען די שטים פון איהר הארצען. זי שפּירט איהם נאָך אויף זיינע שטומע וועגען, וואו ער

פארברענגט זיינע טעג אין גריבלעריי, און איין טאָג שטעלט זי זיך אָפּ נעבען איהם.

זי קוקט איהם אָן מיט א פאַרזאָרגטען, טרויעריגען בליק, און שטיל ציטערט דאָס האַרץ ביי איהר אין ברוסט. ס'איז אלזאָ אמת, וואָס מען דערצעהלט וועגען איהם? זיין האַרץ איז קראַנק, דער מוח איז איהם פארפינסטערט, און די געדאנקען דרעהען זיך כסדר ארום זאַכען, וועלכע אנדערע מענשען מיידען אוים מיט שרעק, כדי די פינסטערע כוחות זאָלען איבער זיי קיין שליטה ניט האָבען.

אך, ווי וואָלט די ליעבע געקאָנט באלויכטען זיין לעבען, איהם באפרייען פון דער מאכט פון'ם פינסטערן דראנג, וואָס ליגט איהם ווי א שטיין אויף'ן האַרצען און פאַראַליזירט זיין נשמה!

ער בלייבט שטעהן, ווען ער דערזעהט דאָס מיידעל פאר זיך, און קוקט זי אָן מיט א בליק, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט מיט זיין אויג דערגרייכען דעם טיפסטען גרונד פון דער זעלע. דאַן פאַרציהען זיך די בלייכע ליפּען מיט א לייכטען, כיטרען שמייכעל, און מיט א שאַרפען שפּאָט זאָגט ער צו איהר:

נו, ליעב מיידעלע, וואָס מאכט די ליעבע? דער פריהלינג קומט, עס שטייגט דער זאַפט אין ראָהר. ווי זאָל עס ביים מענשען אנדערש זיין! זיין גאנץ לעבען דרעהט זיך דאך ארום דאָס ביסעלע היץ, וואָס די נאַטור האָט איהם געגעבען אלם נדן, כדי אָפּצונארען דאָס פייער פון זיינע נארישע ליידענשאַפטען. די תאוה פארבלענדט איהם די שוואכע אויגען, מאכט איהם פאַרגעסען, אז ער איז בלויז דעם טויט'ס קנעכט, ווען ער וואָרקעט ווי א טויב פון ליעבע און טרייבט פוסטע שפּאַסען.

דער טויט איז א זולל וסובא, א מורא׳דיגער פרעסער. אין יעדען קבר עפענט ער דעם פיסק, כדי גיריג צו פארשלינגען זיין קרבן. ס׳איז די ליעבע, וועלכע שטאָפּט איהם כסדר אָן דעם מויל. ווען ניט די ליעבע, וואָלט ער שוין לאנג געווען קאפּוט. זאָגאר דער גרעסטער נאַר קאָן פארשטעהן, אז יעדע וויג ווערט בלויז אויפגעקלאַפּט, כדי שפּעטער צו מאכען דערפון א טויטען־קאַסטען.

די ליעבע איז דאָס אָפּיום פון׳ם געשלעכט. דאָס מיטעל איז זיכער און העלפט אויף יעדען פאַל. פאר׳שכור׳ט פון זיין ליידענשאפט, פון זיין תאוה׳דיגער היץ, פארגעסט דער מענש, אז ער באטריגט זיך אליין.

די ליעבע ווייזט איהם זאכען, וועלכע זיינען ניטאָ; ער זעהט בלויז דעם אָנהויב, אָבער קיינמאָל ניט דעם סוף. בייסט זיי די הויט, שפּרינגען זיי איינס צום אנדערן, כדי צו באפרידיגען דאָס ביסעלע ליידענשאפט, די תאווה׳לע זייערע.

מיט הנאה רייבען זיי די פעלען איינס אָן אנדערן און שאָפען בלויז שפּייז פאר׳ן טויט. איהם דינען זיי, וואָרים דאָס וואָס זיי רופען לעבען, איז בלויז אן אינטערמעצאָ פאר דעם קבר.

זאָגט אקאָרשט, ווערט אייך ניט איבעל, איידעלע דאָנא? באליידיגט מיין רעדע אייער צניעות׳דיגען אויער? — איהר שווייגט, עס געהט אייך אריבער א שוידער פאר מיינע ווערטער און איהר קוקט מיך אָן מיט א מורא׳דיגען בליק. דאָס איז ניט ריכטיג פון אייך, מיין שען קינד. ניט תמיד געפינט מען דעם אמת אויף׳ן וועג, אז מען דארף זיך בלויז איינבויגען, כדי איהם צו קריגען.

איהר זיינט אַ פיין קינד, און די ראָלע, וואָס מען האָט אייך אויסגעלערענט, שפּילט איהר גאָר ניש'קשה'דיג. — זעהט נאָר די פרישע פראַכט פון די צארטע בעקעלעך, דאָס נעזעל אביסעל עזות'דיג און זעלבסטבאוואוסט, דער רויטער מויל ווי צום קושען געשאפען, און צײנדעלעך שענער ווי צוויי שורות פערל. דאָס וואָלט אפילו מענשען פון מיין גלייכען געקאָנט הײם מאַכען.

און דאָך איז אַלצדינג ליגען, וואָס מען זעהט אויף דיר. דו ביזט ניט מעהר ווי אַ מאַסקע וואָס פאַרבאָרגט אויף אַ כיט־רען אופן דאָס וואָס איז באַהאַלטען אונטער איהר. — דער שענער שטערן, די ווייכע רויטקייט פון די ליפען, ווירקליך ענטציקט און פארפיהרט צו ווערן! אָבער אונטער דעם אַלעם באַהאַלט זיך בלויז אַ שאַרבען, אַ טויטען־קאָפּ, וואָס מאכט שפּאָטישע גרימאסען און לאַכט זיך אויס פון אונזער דומ־הייט.

די פולע ברוסט, די יונגע פרישקייט פון'ם לייב, דאָס באַדעקט בלויז אַ סקעלעט, וואָס האָט זיך אויף אַ קורצער צייט אויסגעבאָרגט דעם לעבען'ס פאַנטאַסטיש קלייד, כדי אויך אנוועזענד צו זיין ביים גרויסען מאַסקען־באַל.

די נאַרישסטע קאָמעדיע, וואָס מען האָט ווען עס איז אויסגעטראַכט! אָבער זי ציהט, ברענגט יעדען טאָג „פולע הייזער". דאָס ליעב פובליקום קוועלט פאר נחת און ווערט קיינמאָל ניט זאט פון'ם אומזיניגען שפּיל.

באָך שטעהסטו יונג און טוי־פריש אין דער זון און טראַכטסט ניט וועגען דער צוקונפט, וועלכע וואַרט אויף דיר. אָבער שנעל פאַרגעהט די צייט, וועלכע איז דיר באשערט,

באַלד וועט דיין קערפּער אַראָפּ אין גרוב. דאַן פאַרשווינדט שנעל די צאַרטע פּראַכט פון׳ם לייב, אויב די עלטער האָט זי שוין פריהער ניט פאַרצעהרט.

דו ביזט בלויז שפּייז פאַר׳ן וואָרים, ניט מעהר. וואָרים אַלע פּלענער, וועלכע די יוגענד שפּינט, זיינען נאָר אַן אומ־זיסטער פאַרזוך צו פאַרשלייערן דעם עיקר פון׳ם לעבען. מען מאַכט צו די אויגען פאַר דער ווירקליכקייט און מען בויט זיך איין אין פאָרמולעס און סיסטעמען, מען ווינשט זיך זאַ־כען, וועלכע ווערן קיינמאָל אין לעבען ניט דערפילט, און מען יאָגט זיך נאָך געשטאַלטען, וועלכע פאַרשווינדען שנעל אין׳ם נעבעל.

ווערט מען ענטוישט פון אַן אַלטען בנין, וואָס דער גע־דאַנק האָט מיט מיה אויפגעבויט, קוואַרטירט מען זיך גלייך איין ערגעץ אַנדערש. די אַלטע פירמע בייט איהר נאָמען, אָבער דאָס געשעפט געהט זיך ווייטער זיין גאַנג.

ס׳איז באמת אַ מאָדנע זאַך, וואָס ליגט פאַרבאָרגען הינ־טער אַ מענשען׳ס שטערן. דאָס קעמערל פון אַ מכשף, אין וועלכען אַלע זאַכען שפּיגלען זיך אָפּ אַנדערש, ווי זיי זיינען. וואָרים הויבט דער מענש אָן, וואָס ער רופט, צו דענקען, דאַן פאַרלירט די ווירקליכקייט איהר רעכט. דאָס לעבען ווערט אַ פּורים־שפּיל, אַ משוגענער מאַסקעראַד, וואָס פאַרדעקט בלויז די נאַקעטקייטען פון דער עקזיסטענץ.

נו, שען קינד, כ׳מיין, דו האָסט גענוג. אין דיין מוח׳ל איז געווים ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַלצדינג. ווען דער וואָרים וועט אַמאָל אַרומקריכען ביי דיר אין דעם געוועלב פון דיין שאַרבען, כדי צו דערגרונטעווען וואָס דאָרט איז פאַרבאָרגען,

וועט ער דאָרט, כ׳לעבען, ווינציג וואָס געפינען. צו וועניג כמעט, אז עס זאָל זיין כדאי נייגיריג צו זיין.

זיי זשע מיר געזונט! און באגעגען זיך מעהר ניט מיט מיר. די וועלט איז גרוים און אזוי פול מיט פוסטע שוטים, אַז דו וועסט מסתמא לאנג ניט דאַרפען בלייבען קיין בתולה. די צאָהל פון די שופטען דאָ איז גרוים, אומגעהייער גרוים, און פאר דער פארמעהרונג פון׳ם מענשליכען מין איז דער שופט דאָס רוב שטענדיג גרייט צו ברענגען זיין קרבן, כדי די ראַסע זאָל בלייבען ריין.

א צוטומעלטע, מיט א בלאָנדזשענדען בליק, פארלאָזט דאס מיידעל דעם אָרט. צושמעטערט איז דער חלום, וואָס זי האָט גע׳חלום׳ט, און פארוועלקט די בלומען, וועלכע די ליע־בע האָט רייף געמאכט. דאָס איז געווען צופיל פאר איהר צאַרטען געמיט. דער וואנזין דרינגט אריין אין איהר מידען הארץ. אויסגעטאָן פון׳ם לעבען, הערט זי געהיימע שטימען, וועלכע שעפטשען שטיל פון פארבאָרגענע וועלטען. זיי רו־פען, ציהען, שטופען זי מיט א מילדען צוואַנג. אין איהר גע־דאַנק זעהט זי, ווי הענט ווינקען צערטליך צו איהר. — דאָ נעמט זי דער טייך אויף אין זיין פייכטען שוים, און פון די וואַסערן פיהרט דער וועג אראָפּ אין קבר.

די טעג ציהען זיך לאנגזאם, שווער און אנגסטיג, אזוי ווי די צייט וואָלט ביסלאכווייז אויסגעגאנגען, אויסגעטרי־קענט. דעם קעניג שרעקט יעדע נאַכט דערזעלביגער חלום, און א טיפער שוידער נעמט דורך זיין פאַלש הארץ. צו טייער איז די קרוין, וועלכע ער טראָגט, כמעט שווערער ווי די שולד, וועלכע ליגט אויף זיין קאָפּ.

די קעניגין ווערט פאַרגליווערט אין שטילען וויטאָג; די מורא׳דיגע זאָרג ליגט אויסגעשפּרייט אויף דעם בלייכען שטערן. קיין שמייכעל באַווייזט זיך מעהר ניט אויף די שטרענגע ליפּען; א פינסטער פאַר־געפיהל געהט איהר דורך דורך דער נשמה. זי פיהלט דעם פלוך, וואָס ליגט אויף די מויערן און דערשטיקט שטילערהייט דאָס גאַנצע לעבען אין׳ם שלאָס.

איעדער טאָג איז כמעט גלייך צו דעם אנדערן. עס קע־רען זיך כסדר אום דיזעלביגע ווערטער, און יעדע מיענע, יעדער זשעסט ווערט א טויטער מנהג.

ווי א שפּיל פון מאַריאָנעטען קוקט אויס דאס לעבען, וואָס געהט אָן אין די פינסטערע, אומעטיגע צימערן. מע־כאַניש שפּילט זיך יעדער אַקט אָפּ פון זיך אליין, פּונקט ווי דאָס פאַלען פון די זעמדעלעך אין׳ם גלעזערנעם זאַמד־זייגער. עס קומט־פאָר, אזוי ווי די האַנדלענדע פיגורען וואָלטען אויפ־געצויגען געוואָרן פון אן אומבאַקאַנטער האַנד, און זיי דרע־הען זיך אצונד כסדר אין דעם זעלבען קרייז.

נאָר דער בלייכער פּרינץ אליין זעהט דאָס שפּיל דורך און דורך, זינט יענער נאַכט, ווען דעם טויטען פאָטער׳ס גייסט איז צום ערשטען מאָל ערשינען פאַר איהם און איהם אנט־פּלעקט פאַרבאָרגענע זאַכען.

אָבער די ערינערונג אין יענער שטונדע האָט זיך איינ־געגראָבען מיט טיפע קריצען אין זיין האַרץ. ער קאָן זיך קיינמאָל מעהר ניט באַפרייען פון איהר; פון יעדען שטיין דרינגט צו איהם ארויס דעם טויטען׳ס שטימע און דערמאָנט איהם פינסטער אָן דער בייזער טאַט.

אומזיסט סטאַרעט ער זיך צוצורייסען דעם כשוף, אין

וועלכען די דערקענטעניש האט איהם פעסט איינגעשמידט. ער שטעלט אויף געדאנקען נאך געדאנקען, געפינט אוים אלץ נייע און נייע גרינדען, וועלכע די שארפסטע לאגיק גיט איהם אריין אין מוח, כדי צו פאריאגען די טייוואלים, וועלכע ליגען באהאלטען אין די שאכטען פון זיין נשמה.

אומזיסט! זיך אליין קאן ער ניט אפנארען, ווארים א שוידערליכע שולד באצאלט מען ניט מיט קיין ווערטער.

צו גרוים איז געווען די דערקענטעניש, וועלכע איז איבער איהם געקומען, האט זי אלזא געמוזט דערשטיקען דעם דראנג צו דער טאט. דא העלפט ניט קיין וויטאג, קיין אינערליכע פייניגונג; דעם טויטען'ם מאהנען שטארקט איהם ניט דעם ווילען. ער טרוימט פון מעשים, פון טאטען, און ברענגען ברענגט ער ארוים בלויז אידעען. —

וואס איז די נקמה? פרעגט ער מיט לייכטען שפאט. באצאלט זי ווירקליך פאר א באגאנגענעם פארברעכען? אפרעכענונג וואלט עם געווען, ווען איך זאל קאנען באצווינגען דאס פארגאנגענע, עם ארויספיהרען אויף אנדערע וועגען. אבער דערצו האב איך קיין כוחות ניט.

אנגענומען דעם פאל, אז איך האב שוין געצויגען דעם שווערד און אריינגעשטאכען די שטאהלענע קלינג אין דעם מערדער'ם ברוסט — וואס וואלט געווען דער רעזולטאט פון מיין טאן?

די ערד וואלט פארדעקט זיין קערפער; מיט זיין פלייש וואלט זיך דער ווארים געקוויקט. דער•ווארים קימערט זיך ווינציג וואס איבער דער עפענטליכער מיינונג; ער פרעסט דעם מערדער ווי דעם דזשענטעלמאן. עטישע קוואליטעטען

זיינען איהם פרעמד און קאָנען איהם דעם אפעטיט ניט פאַר־קלענערן.

אָבער אָנגענומען דעם פאַל, אז איך קווינקעל זיך, אז איך האַלט זיך צוריק פון איבעררייסען דעם פאָדים פון זיין לעבען, אז איך וועל ניט זיין מלאך המות צוליב דער נקמה. וואָס וואָלט דאן געווען דער סוף פון דעם ליעד?

נו פאַרשטעהט זיך, דאַן וועט ער דעם פוילען גוף זיינעם שלעפען נאָך א פאָר יאָהר דורך'ן לעבען און שטאַרבען, אזוי ווי אלע שטאַרבען. מיט פאָמפ, מיט פראכט און גלאַנץ וועט מען איהם באַגראָבען און זיין נאָמען וועט מען עהרען דורך א מאָנומענט, ווי עס געשיקט זיך פאר מענער פון זיין מין.

אָבער די פרעסער דאָרט אין'ם שוים פון דער ערד קאָן מען ניט פאַרבלענדען מיט פוסטע צערעמאָניעס. זיי וועלען מיט דעם זעלבען שטילען חשק נאָגען זיין טויטען קערפער, אזוי ווי ער וואָלט געווען אן אומשולדיג לעמעלע, א נעביכל, ביז פון איהם וועט איבערבלייבען ניט מעהר ווי א הייפעלע ביינער, וואָס וועט בילאכוויז אויך פאַרוואַנדעלט ווערן אין ערד.

נאָר אויב דער רעזולטאַט איז דערזעלבער, איז דאָך דאָס איין שוואַרץ יאָהר, און מיין נקמה האָט ניט קיין שום צוועק. פון דער גירינגקייט פון די ווערים וועט ער זיך ניט אויסדרע־העז, צי ער וועט שטאַרבען אויף זיין ווייכען בעט, צי איך וועל איהם שנעל אריבערשיקען אין קבר. פאר דעם וואָרים וועט ער אלץ קומען פריה גענוג.

מען דאַרף אויך לומפען קיינמאָל ניט פאַרקירצען דאס לעבען, וואָרים א שנעלער טויט איז פאר זיי נאָר א געווינס,

ווייל ער דערלייזט זיי פון׳ם שאָטען פון זייערע מעשים. אחוץ דעם פאַסט אונז גאָר ניט אזוי שטאַרק צו זיין נקמה־נעמער, וואָרים עס ליגט דאָך ביי אונז אלעמען עפּעס פון׳ם לומפּ אין׳ם בלוט. אז איך באַרעכען זיך גוט, דאַן איז די לומפּעריי פון דער וועלט פונקט אזוי נייטיג ווי דאָס שטיקעלע ברויט. ווי וואָלט מען אָהן דעם געקאָנט לעבען אויף דער וועלט? געמיינזהייט באַפליגעלט דאָס לעבען, מאַכט עס לייכט, און וואָלט דער שופט ניט געלעגען פאַרבאָרגען אין אונז, וואָלט אונז די לאַסט פון דער עקזיסטענץ דערדריקט.

אָבער אַפּנים, אז גייסטער קאָן מען ניט קאָרמענען מיט גרינדען, וואָרים זיי באַשטעהען איינגע׳עקשן׳ט אויף זייערס און האָבען ניט קיין פאַרשטאַנד פאַר לאָגיק און געזעץ.

שוין ווידער קלינגט די שטימע אין מיינע אויערן, רעדט פון פאָטער־רעכט, פון קינדער־פליכט און רייצט מיך אויף צום בייזען נקמה־אַקט, וואָס איז מיר שרעקליך דערווידער און פאַרגרעסערט בלויז אין מיר דעם פלוך פון צוויספּאַלטיגקייט, וועלכער פאַרוואונדעט מיין זעל צום טויט.

טו העלף מיר ווייטער, לאָגיק, דו שטן׳ס ווייב, כדי איך זאָל זיך קאָנען וועהרען קעגען די געדאַנקען, וועלכע זויגען מיר אויס דאָס האַרץ־בלוט פון די אָדערן!

די פליכט פון די קינדער! האַ, האַ, א שען וואָרט, געהייליגט דורך טראַדיציע פון קדמונים, פון דור־דורות אָן! — ער איז דיין פאָטער —; זי איז דיין מוטער. נו, איז וואָס? דערפאַר וואָס ער איז דיין פאָטער, ביזטו אויף אייביג פאַרקויפט צו איהם, מוזטו דיין ווילען תמיד בויגען פאַר זיינעם, טאָרסט קיינמאָל ניט געהן דיין אייגענעם וועג. ער איז דיין

פאַטער, ער האָט דיר געשענקט דאָס לעבען, דערפאַר ביזטו איהם אייביג שולדיג, ביזט אייביג פארפליכטעט צו איהם.

זאָגט דאָך יענעס עהרווירדיגע בוך, פון וועלכען די מענשען שעפּען די העכסטע חכמה:

דו זאָלסט עהרען דיין פאָטער און דיין מוטער, כדי דו זאָלסט לעבען לאַנג אויף דער ערד, וואָס דער האַר, דיין גאָט גיט דיר.

א קלוג בוך, כ׳לעבען, א כיטרע געזעץ! אזוי ריכטיג געמאכט, צו פאַרטונקלען די אויגען פון די שוטים; אָבער עס זאָגט גאָרנישט דעם קלאָרען, פרייען גייסט, וועלכער פאַרטיפט זיך קריטיש אין יעדען וואָרט.

לאָמיך אַקאָרשט זעהן, וואָס איז דער זין פון די ווערטער! ער איז דיין פאָטער —; זי איז דיין מוטער. — אין א שווערער, דריקענד הייסער נאַכט — די הירשען האָבען געשריען — דאָ האָט אויך דער פאָטער דערפיהלט אזא הייםדריקענדע שווערקייט אין בלוט, אז ער האָט ליידענשאפטליך ארומגענומען די פרוי, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן מיין מוטער, און וועלכע האָט פייערדיג אויפגענומען זיינע הייסע קושען.

דער רעזולטאט בין איך געווען. האָט ווער פון זיי געטראַכט דערפון אין יענער נאַכט, ווען דאָס פייער פון ליידענשאַפט האָט זיי פארצעהרט? אין יענער נאַכט איז זיי ביידען געווען אלצאיינס. זיי האָבען געזוכט בלויז זייער אייגענעם פארגעניגען, און דער רעזולטאַט איז זיי אין זינען ניט געלעגען.

האָט אימעצער מיך געפרעגט, צי איך וויל אראָפּקומען אלס גאַסט אויף דער דאָזיגער ערד? איז דער פאָטער אדער

די מוטער געוועזן באַוואוסטזיניג, ווען איך בין אריינגעשליי-דערט געוואָרן אין אַט דער נאַרישער וועלט, בלויז כדי אי-בערצונעמען די ירושה, וועלכע ליגט ווי א קללה אויף אונ-זערע קעפּ, און פון וועלכער דער מענש קאָן זיך ניט באַפרייען ביז׳ן טויט?

ווער האָט זיי געגעבען דאָס רעכט, מיר צו העלפען צום לעבען? א גאָט, א שטן, וואָס פרעהט זיך מיט מיינע יסורים, און וועלכער האָט פּארזייט לעבען, כדי צו זעטיגען זיין תאוה?

דאַן זיינען די באַשעפער פון מיין לייב צו מיר פּאַר-פליכטעט, ביז צום ראַנד פון קבר זיינען זיי מיר שולדיג. דאָס רעכט פון די קינדער איז די עלטערן׳ס פליכט.

שטער מיר אלזאָ מעהר ניט מיין רוה, בלייכער שאָטען! מיט וואָס פאר א רעכט פאָדערסטו פון מיר, אז איך זאָל זיין דער נקמה-נעמער פאר דיין טויט?

דער ברודער, וועלכער האָט דיך אין א פינסטערער שעה דערשלאָגען מיט א מערדערישער האַנד, איז באַגאַנגען בלויז איין מאָרד אין זיין לעבען. מיך אָבער האָסטו טויזענט מאָל געמאָרדעט, ווען דו האָסט מיך ברוטאל צום לעבען דער-וועקט. די לאַנגע פּיין, צו וועלכער דו האָסט מיך פאַראור-טיילט, איז ערגער ווי דער שנעלער קלאַפּ פון׳ם מאָרד.

דו האָסט קיין רעכט ניט אויף דעם זעץ פון מיין שווערד. נאָך מעהר, דו האָסט אפילו קיין רעכט ניט צו פאַרפאָלגען דעם מערדער, וועלכער האָט דיך ווי א פייגלינג הינטען ארום דער׳הרג׳עט, ווען זיין בלינדער עהרגייץ האָט איהם געטריבען דערצו, איבערצונעמען דיין שטעל, זיך בייטען ראָלען מיט דיר.

א ראָלען־אויסטויש אין דעם פאַרם פון׳ם לעבען! צו וואָס זשע טויג דער ליאַרם, די פייערליכע זשעסטען? מיר איז דאָס לעבען אזוי אויך שווער געגוג צו טראָגען. ווען איך האָב די קראַפט, וואָלט איך שוין לאַנג געמאכט א סוף צו דעם שפיל, אָבער דאָס וויסען האָט מיר פּאַראַליזירט דעם מוט. מוז איך ווייטער שפּילען די קאָמעדיע, ביז אן אנדער האַנד וועט אראָפּלאָזען דעם פאָרהאַנג.

ער פארלאָזט דעם שלאָס, וואנדעלט גריבלענדיג זיין וועג דורך פרעמדע לענדער, איבער פרעמדע ים׳ען, ביז אויך ער דערגרייכט דעם לעצטען גרעניץ.

*　*
*

גרוי איז דער הימעל. עס געניצט דער מדבר.

אויסגעשטרעקט אין׳ם ברוינעם מדבר־זאַמד ליגט א ספינקס פון שווארצען מאַרמאָר־שטיין, דער בליק פארזונקען אין׳ם רייך פון וויסטע ווייטקייטען.

ניט שנאה און ניט ליבשאַפט שטראַלט ארויס פון׳ם דאָזיגען בליק. דאָס אויג איז פארשלייערט פון א טיפען טרוים, און אויף דער קאַלטער פראַכט פון די שטומע ליפען שוועבט שטיל־שמייכלענדיג די שטילסטע אייביגקייט.

דער דריטער וואנדערער קוקט אריין דער ספינקס אין די אויגען, נאָר איהרע רעטעניישען קאָן ער קיינמאָל ניט ערפאַרען, און שטום, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט, לאָזט ער זיך אראָפּ אין דעם שטויב פון׳ם מדבר.

דער פערטער וועג

די זון לאַכט, עס שטראַלט דער בלויער הימעל, און פרעהליך קלינגט דער יובעל־געזאַנג פון דער לערכע. די אלטע דעמבעם רוישען שטיל, שאָקלען פריינדליך צו מיט די קרוינען און דערצעהלען זיך שענע, ליבע מעשה׳לעך.

אין טאָל מורמעלט לוסטיג די כוואליע פון׳ם טייכעל; שטיל, און זיך לאַכענדיג שפרינגט זי איבער גלאַטע שטיינדלעך און רייסט זיך מיט א מורא׳דיגען דראַנג צו בלויע ווייטקייטען. קיין זאַך קאָן זי ניט צובינדען צו דעם זעלביגען אָרט; אין׳ם שטענדיגען לויפען פאַרפליסט פון איהר דאָס בילד פון׳ם לעבען, יעדע פעסטע עקזיסטענץ.

א מילד ווינטעלע באוועגט די גרינע לאָנקעס, און גראָז און בלומען באָדען זיך אין׳ם מאָרגען־טוי, וועלכער שפיגעלט אָפּ וואונדער פון מיליאָנען טראָפּענס, ווי די שטילע פראַכט פון א צויבער־מעשה׳לע.

הונדערטער שמעטערלינגען וויגען זיך אויף צאַרטע בלומען־בעכערלעך און מיט שטילען, טיפען פאַרגעניגען ציהען זיי אריין די זיסע נעץ פון דער שענקייט. צו רייך כמעט איז די שפע, וואָס ליגט אויסגעשפרייט פאר זיי; פליהען זיי

ארום פאַרשנאַשקעטע פון בעכערל צו בעכערל און נעהרען זייער קורצען לעבען מיט בלומען־דופט און פאַר׳שכור׳ענדע באַגעהרען.

די בינען זומען אין דער לעבליכער לופט, עס טרעלערט, סווישטשעט, קוויטשעט פון בוים און קוסט, און אין׳ם גאָלד פון דער זון טאַנצט פרעהליך ארום א מחנה פליגען.

אין שאָטען גליטשען זיך פלינק יאַשטשערקעס ארום אלטע שטיינער, און צוויבערליך בלישטשעט די פראַכט פון זייערע לייבער, ווען א פאַרבלאַנדזשעטער שטראַל פאַר׳גנב׳עט זיך דורך די בלעטער און שפיגעלט זיך אָפּ טאַנצענדיג אויף דער ערד.

פון׳ם נאָהנטען דאָרף הילכען אָפּ די שטאַרקע קלעפּ פון׳ם האַמער, באַגלייט פון דעם אַלטען שמיד׳ס געזאַנג. מיט חשק שטעהט ער שוין ביי דער ארבייט, הויבט די שטאַרקע אָרעמס ארויסצוקריגען ביים הארטען שטאָהל זיין פאַרבאָרגענעם קלאַנג. א לייכטער רויך הויבט זיך אויף צום הימעל, פאַרלירט זיך אין דער בלויער לופט און פארשווינדט ווי דאָס בילד פון א גייסט ביים קלאַנג פון א צויבער־וואָרט.

די גאַנצע וועלט קוקט אוים אזוי שען און פריי פון זאָרגען, א בילד פון פרייד, פון אומגעשטערטער לוסט. די זון לאַכט, עס לאַכט דער גאַנצער רוים, און רייצענדיג כיכעט עס פון יעדען קוסט, אזוי ווי עס וואָלט פאַרשוואונדען יעדע ערד־שווערקייט, וועלכע שלעפּט דעם גייסט כסדר אראָפּ אין דער טיפעניש, כדי ער זאָל ניט קאָנען אויפשטעהן קיין תחית המתים.

די גאַנצע מאַנטשאַ גלאַנצט אין׳ם יום טוב׳דיגען קלייד און זאָגט אָן דער וועלט די פרעהליכע בשורה, אז איינער פון

איהרע זיהן האָט זיך ארויסגעלאָזט, אויסצולייזען די מענשען פון פאַרערבטע, גע'ירש'ענטע יסורים.

אסך האָבען שוין פאר איהם זיך אַוועקגעלאָזט אין מרחקים און זיך אויסגעלאכט פון'ם טויט און פון דער שווע־רער נויט, אויסצוגעפינען דאָס „דאָראדאָ", דאָס אָנציהענדע גאָלדענע לאַנד, אין וועמעס טיר קיין מענש האָט נאָך ניט אָנגעקלאַפט, כדי עס זאָל דערפילט ווערן די צייט פון'ם גרוי־סען גליק, וואָס טויזענטער זינגער האָבען וועגען איהר קומען געטרוימט.

אין ווייטע ווייטקייטען, אונטער'ן האָריזאָנט, וואו עס געפינט זיך דער לעצטער ציל פון אונזער גרויסער בענק־שאפט, דאָרט ליגט א פארלאָרענער גן עדן, ארומגעוועבט פון רויטען זונען־גאָלד, א טאָל פון לעבען און פון טיפסטער לוסט, וואו יעדער וואונש ווערט דערפילט און יעדע פרייד ווערט רייף.

א גרינער אינזעל איז עס אין אן אומבאַקאַנטען ים, וואָס לאַקט און ציהט מאָדנע פון בלויע, גלענצענדע ווייטקייטען, און וועמעס בילד עס דרינגט אריין ווי א זיסער חלום אין יסורים־פולע מענשען־הערצער, א חלום וואָס לאָזט אויפ־שפראָצען טויזענט בונטע בליהונגען און טרייבט ארויף העל־דען אויף דעם שטורמדיגען וועג פון קאמף.

עס זיינען די אויסדערוויילטע, וועלכע די ווייטקייט ציהט צו, הייליגע היטער פון'ם אידעאל און ריטער אָהן מורא, וועלכע געהען פאַרטראַכט, פאַר'חלום'ט זייער וועג, צו דעם רייך פון די שטערן, צום וואונדערלאנד.

אָבער קיינער איז קיינמאָל ניט צוריקגעקומען אין דער

אַלטער היים. זיי וואַנדערן, וואנדערן, ביז די אויגען ווערן פאַרפינסטערט, ביז עס טריקענען אויס די לעצטע כוחות פון'ם לעבען, און זיי שטאַרבען ניט באוויינט אויף פרעמדער ערד, ווייט פון דער היים און פון'ם וואונדער צוגלייך.

אין'ם הייסען מדבר־זאַמד פאַרדאַרט זייער געביין, אין פינסטערע וועלדער פוילען זייערע קערפּערס, אין טיפע אַפּגרונדען פאַרשליידערט זיי דער טויט, וועלכער געהט זיי נאָך ווי א שאָטען אויף זייער וועג.

אָבער אנדערע לאָזען זיך ארויס, פאָלגען נאָך די פאַרשאָטענע שפּור, קוקען ניט אויף קיין געפאַהר און לאַכען זיך אויס פון'ם אייביגען שיקזאַל. וואָרים טיפע קלאַנגען דרינגען שטיל אריין צו זיי אין די אויערן, און זייערע אויגען זעהען א ווייטע וואונדער־וועלט. דאָס מאַניעט און ציהט און ווינקט; ווי דאָס געזאַנג פון ים־נימפען אַזוי נעמט עס ארום זייערע געדאַנקען און געפיהלען, ביז זיי קאָנען זיך מעהר ניט אויפהאַלטען אין זיכערן האַפען און לאָזען זיך ארויס צו אומבאַקאַנטע וועלטען, וועלכע ווינקען פאַר'חלום'ט צו זיי פון דער בלויער ווייטקייט.

נו, איז אויפגעשטאַנען א נייער העלד, וואָס האָט לענגער ניט געקאָנט איינזיצען אין זיין דאָרף, און וועלכער האָט זיך ארויסגעלאָזט אין וועג, א באַשירמער פון די אונטערדריקטע, א באַשיצער פון דער טוגענד און גערעכטיגקייט, וואָס איידעלער פון איהם האָט די וועלט קיינמאָל ניט געזעהן. מיט א שטאַרקער האַנד וויל ער באַשיצען די אומשולד און באַקעמפען געמיינע מוטוויליגקייט און טיראַניי, כדי די וועלט זאָל זיך פרעהען מיט איהר לעבען.

דערפאר גלאנצט די מאנטשא היינט אין׳ם יום טוב׳דיגען קלייד און שמייכעלט ליבליך, ווי א שענע כלה, וואָס גרייט זיך צו דער פרעהליכער חתונה און עס קוקט איהר אוים, ווי דער הימעל וואָלט געווען באהאַנגען מיט פידלען.

ארום גרינע בערגלעך שלענגעלט זיך דער וועג אראָפּ אין טאָל און איבער דער לענג פון׳ם טייכעל פיהרט ער צום פעלד פון מאַנטיעל, וואו דאָס אויג קאָן קוקען פריי, אָהן א שום שטערונג, גלייך צום האָריזאָנט.

עס באווייזען זיך צוויי מאָדנע געשטאלטען; זיי רייטען לאַנגזאַם, אָהן איילעניש, אראָפּ אין טאָל. איינער לאנג און דאַר, א בילד פון׳ם הונגער, מיט באַקען וואָס זיינען אזוי איינגעפאלען און אויסגעדארט, ווי זיי וואָלטען זיך אינעווייניג אין׳ם אייגענעם מויל געוואָלט פאראייניגען צום קוש. א יאָמערליך בילד, וואָס רופט ארוים רחמנות, אָבער אין דער־זעלבער צייט רייצט עס אויך צום לאַכען.

אַן אַלטער פּאַנצער באַשיצט דעם אויסגעמאָרעטען קער־פּער, די דאַרע גלידער זיינען באַדעקט פון אייזערנע שינעס, און אויף׳ן קאָפּ טראָגט ער א שיסעל, וואָס מוז איהם דינען אַנשטאָט דעם אייזערנעם היטעל. א לאַנגער שווערד הענגט איהם ביי דער זייט און אין דער רעכטער האַנד טראָגט ער א שפּיז, וואָס קוקט אוים ווי אן אלטע ריטערישע פּיקע.

דער אלטער ריטער זיצט אויף א שקאפּע, וואָס יעדער ריפּ שטעהט איהר אָפּ פון׳ם קערפּער, אזוי אויסגעדארט און אָפּגעליזעוועט, פּונקט ווי דער אייגענער בעל הבית איהרער וואָלט זי געבראַכט אויף דער וועלט.

אן עזעל שפּאַנט געמיטליך ביי זיין זייט, קיילעכדיג, דיק

און אָפּגעפּרעסען, און אויף׳ן זאַטעל זיצט מיט צושפּרייטע פיס א נידעריגער ברייט־פּלייציגער בחור. מיט חשק, צופרי־דען מיט זיך אליין, גריזשעט ער א ביינדעל פון א הון, פּאַס־מאקעוועט זיך, קלאפּט הויך מיט די גראָבע ליפּען, אקוראט ווי די וועלט וואָלט איהם גאר קיין בעסערס דערפון ניט גע־קאָנט געבען.

דער ריטער קוקט פאר׳חלום׳ט אויף׳ן הימעל צו די וויי־סע וואָלקענדלעך, וועלכע ציהען שטיל אין דער ווייטענס. א טיפער זיפץ רייסט זיך איהם ארויס פון דער ברוסט, וואָרים אין זיין הארץ ברענט א גרויסע ליעבע, וועלכע ער דער־נעהרט מיט זיין אייגען בלוט, כדי זי זאָל אייביג בליהען און אייביג לעבען, ווי דאָס פייער פון דער געטין וועסטאַ, וואָס ווערט קיינמאָל ניט פארלאָשען.

זיין געטריי הארץ איז ביי דער איידעלער דאַמע, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבען פאר א הערשערין, צוליב וועמען ער האָט פארלאָזען זיין הויז, כדי אָנצופילען די וועלט מיט זיינע טאַטען.

אין דער צייט באַטראַכט דער דיקער בחור קריטיש זיין ביין, צי איז אקאָרשט ניט געבליבען דאָרט א פּעדימעל, וואָס ער וואָלט נאָך געקאָנט אָפּגריזשען. דאַן וואַרפט ער איהם אוועק אויף׳ן פעלד, ווישט זיך אָפּ מיט א ברייטער האנד די פעטע ליפּען און גרעפּצט אָפּ ווי א פּויער, וועמען די אָרע־מע מאָלצייט איז וואויל באַקומען.

אזוי רייטען זיי זיך באקוועם אויף זייער וועג, צוויי מענשען, וועלכע האָבען גאָרנישט צו פאַרזאַמען,ביים צופאַל אין די הענט, וואָס די שעה וועט ברענגען. איצט זיינען זיי איבערגעקומען דאָס לעצטע בערגעל, און וויים שיינט אָפּ

דאס פעלד פון מאַנטיעל, איינגעטונקט אין בלומען־דופט און זונענשיין.

אצונד שטעלט דער ריטער אָפּ זיין פערד, באדעקט זיך דאָס שאַרפע אויג מיט דער לינקער האַנד, כדי צו קאָנען ארויסקוקען אין דער ווייטקייט, וועלכע ציהט זיך אוים ווי א גרינער שטראָם פאר זיינע בליקען.

מיט אמאָל פארשטייפט זיך יעדער מוסקעל אין דעם אויסגעדארטען קערפער, און פעסטער דריקט זיך די פויסט צונויף ארום דעם שפיז. א דרייסט פייערל בליצט ארוים פון זיינע אויגען, און יעדער נערוו איז אנגעצויגען, גרייט צום קאמף.

מיין זוהן, דו זעהסט די ריזען דאָרט אין פעלד? ווענדט ער זיך מיט היץ צו דעם דיקען בחור. דאָ איז מיר, ווייזט אוים, באשערט אן אַוואַנטיורע, א געוואגטער צוזאמענ־שטויס. זעה נאָר, ווי זיי שטרעקען אוים די לאַנגע אָרעמס און ווייזען מיר סטראַשענדיג די שווערע פויסטען! די שוטים מיינען, אז זיי וועלען מיך פאַרטומלען, מיך דערשרעקען, און זיי האָבען קיין אהנונג ניט, ווי שטאַרק איך בענק נאָך טאַ־טען. — היט זיך אקאָרשט, איהר גאָט־פאַרדאַמטע, איהר גנבים־באַנדע! איין איינציגער ריטער וואָגט עס זיך צו שטע־לען אנטקעגען אייך, גרייט אָנצוטרינקען דאָס פעלד מיט איי־ער בלוט!

רוהיג, מיין איידעלער האַר! פאַלט איהם דער דיקער אריין אין די רייד. מיר דוכט זיך אז איהר זיינט ניט איינ־גאַנצען ביים זינען. ניט קיין ריזען זיינען עס, וועלכע איהר זעהט דאָרטען —, דאָס זיינען ווינט־מיהלען, וועלכע דרעהען

זייערע פליגלען. שטעלט אקאַרשט אַן די אויערן, וועט איהר הערען דעם געריוויש!

וואָס פלאַפּעלסטו? מאַכט דער לאנגער מיט א בייזען טאָן. די מורא האָט דיר פארשלייערט, פאַרנעבעלט דעם מוח און שפּיגעלט פאַלש אָפּ די וועלט ביי דיר אין קאָפּ. אָבער גענוג! צו לאַנג שוין האָב איך זיך געקווינקעלט צו באפריידיגען מיין ריטער־עהרע. פאָרויס, מיין איידעל פערד, צו דער דרייסטער טאַט! אָה, איידעלע דאַמע, קעניגין פון מיין האַרצען, זעה ווי דיין ריטער לאַכט זיך אויס פון אלע שרעקען, כדי ווערט צו זיין דיין ליעבע, דיין שטאָלצע נשמה!

ער שטעלט אָן די פּיקע, און גיט א דריק דער שקאַפּע מיט די שאַרפע שפּאָרען אין דעם דאַרען לייב. דאָס פערדעל, וואָס איז ניט געוואוינט געווען צו אזעלכע שטיק, טוט זיך א לאָז מיט א ווילדען אימפּעט איבער'ן פעלד, ווי דער ביט גוטער וואָלט אין איהם אריין. — — — ס־ס־ס־ט! מאכט די מיהל. די פּיקע צוברעכט זיך אין צווייען, און פערד און רייטער ליגען אויף'ן פעלד, די גלידער צושעדיגט, דער אויסגעדאַרטער קערפּער צושלאָגען.

דאָ יאָגט דער דיקער בחור אָן מיט זיין עזעל און פילט אָן די לופט מיט א קלעגליכען געשריי:

וואָס האָב איך אייך געזאָגט, מיין אָרעמער האַר? אצונד זעהט איהר שוין אליין, אַז דאָס זיינען ניט קיין ריזען, נאָר מיהלען, וועלכער דער ווינט לאָזט אוועק אין שוואונג. ווי אזוי האָט איהר דאָס ניט געקאָנט באַגרייפען? א בלינדער קאָן עס דאָך מיט די הענט אָנטאַפּען. בלויז אייער דראַנג צו טאַטען האָט אייך אָפּגעטאָן דעם שפּיצעל.

ס'איז אייער אייגענע שולד, מיין האַר! איהר קאָנט עס נים אָפּלייקענען. זאָל אונז גאָט וויטער באַשיצען פאַר אַזעלכע טאַטען, אניט קאָן קומען א שנעלער סוף צו אונזער רייזע.

מיין זוהן, קרעכצט דער ריטער אונטער שמערצען, דו זעהסט די זאַכען, אזוי ווי דו מוזט, מחמת גאָט האָט דיר ניט געגעבען דעם טיפערן בליק. ניט יעדער איינער האָט גע־קריגען פון הימעל די מתנה צו זעהן די זאַכען אין דעם ריכ־טיגען ליכט. דערום זיי צופרידען מיט דעם גורל, וואָס איז פאַר דיר באשטימט, וואָרים לייכט וועט פאַר דיר פליסען דער לעבענס-קוואַל. ווער עס איז ניט באַלעסטיגט מיט אַזאַ גאָט'ס מתנה, דער פיהלט אויך קיינמאָל ניט די פליכט, וועל־כע ליגט אויף א ו נ ז, די טיפע ליידען און דאָס אומגליק פון דער עקזיסטענץ.

דיין איינפאַך געמיט קען בלויז די נויט פון דער שטונדע, און קוים זיינען נאָר דיינע קליינע זאָרגען איינגעשטילט, דאַן ווערט די גאַנצע וועלט פאַר דיר א גן עדן. פון מאָגען און געדערים שטראָמט ארוים פאַר דיר די אידעע. דער הונגער איז דער פיהרער פון דיינע מעשים, פון דיין טאָן. דערפאַר האָט פאַר דיר קיין אָנציהונג ניט דאָס שטילע פונקלען פון די שטערן, דער טיפער רייץ פון פאָעטישע געפיהלען, וועלכע זעהען וועלט און מענש מיט גאָר אנדערע אויגען.

דאָ האָט איהר טאַקע ריכטיג געטראָפען, ליבער האַר, זאָגט דער דיקער. ווען עס בורטשעט מיר דער מאָגען, דאַן פאַרשווינדט מיין גוטע שטימונג. די שענסטע פאָעזיע קאָן דאַן ניט העלפען, און א שטיק חזיר-פלייש וועגט שווערער ווי די שטערן-פינקלעריי, וואָס ברענגט אייך אריין אין אזא

התפעלות און אין אַזאַ היץ. אמת טאַקע, אז איך בין ניט מעהר ווי א פשוט׳ער פויער, פונדעסטוועגען האָט מיין ביי־כעל גאַנץ מאָדנע באַגעהרן און קאָן זיך, כ׳לעבען, פאַרמעס־טען מיט יעדען אריסטאָקראַט.

א געבראָטען הינדעלע שמעקט אויסגעצייכענט, און א געגזעל איז אויך ניט אוועקצומאַכען מיט דער האַנד. אז די לעדערנע פלאַש איז מיר דערצו נאָך גוט אָנגעפילט, דאַן פיהל איך טיף דעם גאַנצען רייץ פון׳ם לעבען.

בנאמנות, ס׳איז ניטאָ קיין גרעסער פאַרגעניגען דאַן, ווי ווען מען פיהלט, ווי דער מאָגען פילט זיך אָן, ווי דאָס בייכעל ווערט אַלץ קיילעכדיגער און קיילעכדיגער. דאָס איז באמת א קריסטליך געפיהל, וואָרים גלויבט מיר, קיינמאָל פיהל איך זיך ניט אזוי געניגט מוחל צו זיין דעם ליבען מיט־מענשען אויף אלצדינג, ארומצונעמען די גאַנצע וועלט מיט ליעבע, ווי דאַן, ווען איך בין פול, ווען איך מוז גרעפּצען פאַר זאַטקייט און איך קאָן מיט פאַרגעניגען אויסציהען די גלי־דער.

נאָר אויב עס איז קיין אנדער ברירה ניטאָ, נעם איך אויך ברויט און זאַלץ אָן פאר ליעב. דערצו נאָך א ציבעל־קעלע, וואָס מאַכט לופּט, דאַן איז דאָס לעבען נאָך אלץ צו דערליידען.

סוף כל סוף געהט דאָך דאָס אזוי מיט אלע מענשען. זאָגאַר מיין עזעלע קאָן אייך וועגען דעם עפּעס דערצעהלען. גלויבט מיר, די חיה איז גאָר ניט אזוי נאַריש, ווי מען האלט זי. מיין עזעל איז פאַרשטענדיג ווי א מענש און ער ווייסט גענוי, וואו דער שוך קוועטשט איהם. אנו, פּרוּוט אקאָרשט איהם אויפהענגען די קאָרעטע אביסעל צו הויך, דאַן ווערט

ער נידערטרעכטיג ווי א מענש. מען זעהט עס און מען שטוינט און מען קאָן קוים באגרייפען, ווי אזא חיה פיהלט און דענקט אזוי מענשליך. ער טרייסעלט זיך און שפּרינגט, קלאַפּט מיט די פיס און ווערט געמיין, ווי נאָר א מענש קאָן עס זיין.

און אז ער האָט עס ענדליך געבראכט אזוי ווייט, אז איך וועל שיער ניט צופּלאצט פאר צאָרן און איך גיס אויס מיין כעס אין א שטראָם פון ווילדע קללות, דאַן לאַכט איהם די רשעות ארויס פוןביידע אויגען. ער פרעהט זיך ווי א גנב, וועמען ס'האָט זיך איינגעגעבען א שטיקעל ארבייט — פּונקט ווי א מענש, כ'זאָג עס נאָך אמאָל.

אָבער שטעלט איהם נאָר אוועק א פולע קאָרעטע, לאָזט איהם קייען געשמאַק אויף ביידע באקען, דאַן ווערט זיין פאַלש הארץ אַזוי ווייך ווי וואקס. די טיפסטע, די ריינסטע ליעבע פאר'ן צווייטען שטראַלט ארויס פון זיין בליק. קיין מלאך איז ניט אזוי פול מיט אומשולד ווי ער. איך זאָג אייך, מיין האַר, א מענש, א גאנצער מענש.

אַז דער דונער זאָל דיך —, צושרייט זיך אויף איהם דער ריטער. וואָס פּלוידערסטו דאָ אָהן א זין און אָהן א צוועק? לאָזט זיך דיין פלינקע צונג אוועק אין גאַלאָפּ, קאָן זי דער שנעלסטער רייטער ניט אָניאָגען. איך האָב גערעדט פון איין זאַך, דו פאַלסט אריין מיט דיין עזעל. וואָס האָט דיין עזעל צו טאָן מיט די חברה לייט דאָרט, וועלכע זיינען מיר גאנץ דייטליך געשטאנען פאר די אויגען?

די פראַגע שטעל איך אייך, מיין איידעלער האַר. איהר האָט געזעהן ריזען, וואו עס זיינען געווען בלויז מיהלען.

דערנאָך זיינט איהר געקומען מיט אייער שטערן־פינקלען, וואָס קיין געזונטער קריסטען־מענש פאַרשטעהט ניט. וואָס פאַר א שייכות האָט דאָס פינקלען מיט די מיהלען דאָרט?

אצונד, מיין זוהן, זעה איך קלאָר, אז דו פאַרשטעהסט מיך ניט און ביזט נאָך אלץ מיט דער פאַלשער מיינונג, אז יענע מיהלען זיינען ניט קיין ריזען.

און איהר, הער ריטער, גלויבט נאָך אלץ ניט, אז מיהלען זיינען מיהלען און ניט קיין ריזען? געוויס האָט אייך דאָס אַראָפּפאַלען פון פערד צוטומעלט דעם מוח, אניט וואָלט איהר ניט געקאָנט ריידען אזעלכע ווערטער.

זאָג איך דאָך, אז דו פאַרשטעהסט מיך ניט. טו פּאַס אויף, ביז די זאַך וועט דיר ווערן קלאָר. די מיהלען, וועלכע דו זעהסט דאָ אין פעלד און...

איהר גיט אלזאָ אליין צו, אז עס זיינען נאַר מיהלען! פאַלט איהם דער דיקער בחור האַסטיג אריין אין די רייד.

שוויינ שטיל און הער וואָס איך זאָג. קאָנסטו ניט איינ־האַלטען דיין לויזע צונג כאָטש אויף איין רגע? — אלזאָ נאָך אַמאָל, אָבער שלאָג מיר ניט איבער. די מיהלען, וועלכע דו זעהסט דאָ אין פעלד, זיינען באמת מיהלען, אָהן צווייפעל. דאָך שווער איך דיר ביי קריסטוס'עס הייליג בלוט, אז דאָס זיינען ווירקליך געוועזן ריזען, וועלכע האָבען זיך ערשט איצט פאַרוואַנדעלט אין מיהלען.

ווען איך האָב זיי צוערשט דערזעהן אין פעלד, האָבען זיי באַוואויגען זייערע רויע, אומגעהובעלטע קערפּערס אהין און אהער און מיר געסטראַשעט מיט משונה'דיגע, בייזע העוויות, כדי צו צוטרייסלען מיין ווילענס־קראַפט. כ'האָב

גאַנץ דייטליך געזעהן, ווי זיי האָבען צונויפגעדריקט די פוים־טען, און פון דער ווייטענס האָט אָפּגעהילכט זייער געשריי, וואָס האָט געקלונגען ווי דאָס רעווען פון ווילדע חיות.

מיין איידעלער האַר, באַטראַכט פּאָרט וואָס איהר רעדט, קאָן זיך שוין דער דיקער מעהר ניט איינהאַלטען. איך האָב די מיהלען געזעהן אין דער זעלבער צייט ווי איהר און איך שווער, אַז דאָס זיינען ניט געווען קיין ריזען. מיינע אויערן האָבען אויך ניט פאַרנומען קיין שום געשריי, נאָר פון דער ווייטען האָב איך געהערט אַ לייכטען גערויש.

דאָס איז עס דאָך, וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגען, זוכט דער ריטער איהם ווידער צו איבערצייגען. אַז דו האָסט געזעהן בלויז מיהלען, ניט קיין ריזען, דאָס קוקט מיר אַצונד אוים צו זיין קלאָר און גוט באַגרינדעט, מחמת אַ כשוף האָט דיר די אויגען פאַרשטעלט. אָבער איך האָב געזעהן דייטליך, אַז דאָס זיינען געווען ריזען, קיין כשוף האָט מיר די אויגען ניט געקאָנט פאַרבלענדען.

און ווען די קאַמף־לוסטיגקייט האָט זיך אין מיר צו־ברענט און איך האָב דעם איידעלען פערד אַ דריק געטאָן מיט די שפּאָרען אין דעם ווייכען לייב, כדי אויסצופּרואווען מיין קראַפט אויף יענע רשעים, וועלכע איך האָב פאַר מיר געזעהן, דאַן האָט אַ „נעקראָמאַנט“, אַ גייסטער־באַשווערער שנעל פאַרוואַנדעלט די ריזען אין מיהלען, כדי איך זאָל זיך ניט קאָנען ריהמען מיט'ן זיג. — אצונד פאַרשטעהסטו, מיין זוהן, וואָס מיט מיר איז געשעהן?

פאַרשטעהן קאָן איך עס ניט, אָבער איך מוז אייך שוין גלויבען. איך האָף נאָר, אַז אַזאַ „קאָמאַנדאַנט“ וועט זיך ניט צו אָפּט באַגעגענען מיט אונז, אַניט וועט מיר דאָס לעבען

קיינמאָל ניט איינגעהן. צום טייוועל מיט אזעלכע פארשטע־לענישען, וואָס קיין געזונטער מוח קאָן ניט באגרייפען!

מיט „אָך" און „וועה" זעצט זיך דער ריטער אצונד ווי־דער ארויף אויף זיין פערד. דער דיקער בחור האלט איהם דערביי צו דעם צוים און העלפט דעם פאַרוואונדעטען ארויף אויף'ן זאָטעל. אזוי רייטען זיי לאַנגזאַם און רוהיג ווייטער אויף זייער וועג. דער ריטער קוקט ווי תמיד ארום אין דער ווייטענס, בעת דער דיקער ווארפט זיינע בליקען בלויז אויף דער נאָהנטער שטרעקע ארום איהם, צי איז אויף'ן וועג ניטאָ עפּעס צו קריגען, וואָס זאָל איהם קאָנען שפּעטער דערקווי־קען דעם גומען.

אזוי פארגעהען לאַנגזאַם די שטונדען פון טאָג, און ווען די זון לאָזט זיך אראָפּ אין מערב זייט, ווארפענדיג איהרע רויטע שטראַלען אויף די ווייטע וואָלקענס, דערזעהט דער דיקער בחור א שענק אויף'ן וועג, און עס קומט איהם גלייך ארויף אויף'ן זינען, אז דאָ וואָלט געווען זעהר גוט איבערצו־נעכטיגען.

מיט אמאָל הילכט אָפּ דער קלאַנג פון א טרומייט אין דער לופט. א חזיר־פאַסטוך בלאָזט מיט מאַכט אין האָרן, כדי צו פאַרנאַרען אין שטאַל די חזירים, וועלכע ראַיען זיך אין בלאָטע. — דעם ריטער'ס אויערן פאַרנעמען דעם קלאַנג פון'ם האָרן, וואָס וועקט איהם אויף פון זיינע טרוימען. זיין אויג פאַלט אויף דער אָרעמער געביידע, וועלכע מאָלט זיך גלייך אויס ווי א שלאָס ביי איהם אין קאָפּ.

מיין זוהן, האָסטו געהערט דעם טרומייטען־קלאַנג? פרעגט ער דעם דיקען קנעכט ביי זיין זייט. דעם וועכטער'ס

אויג האָט אונז שוין דערזעהן. מיר דוכט, מען האָט שוין אַרונטערגעלאָזט די בריק, כדי מיר זאָלען קאָנען פריי אריינגעהן אין דעם שלאָס-הויף. אין אָט דעם שלאָס וועט מען אונז גערן אויפנעמען לויט דעם אלטען שטייגער פון די ריטער.

דער דיקער קוקט ערשטוינט, גלאָצט מיט די אויגען ארום זיך, אָבער ער קאָן ניט זעהן ניט קיין שלאָס און ניט קיין בריק, פון וועלכע זיין בעל הבית האָט גערעדט אזוי זיכער, פונקט ווי אלעם וואָלט געלעגען פאר זיינע אויגען.

איהר מיינט דעם שענק דאָרט? פרעגט ער פול מיט ערוואַרטונג. מיט מיין בעסטען ווילען קאָן איך דאָ קיין שום אנדער זאך ניט זעהן, כאָטש די אויגען קריכען מיר ארויס קוקענדיג.

דאָס איז א שלאָס, איעדער קאָן עס זעהן. אָן דאָרט קומט שוין דער „קאסטעלאַן“ (שלאָס-פאַרוואַלטער) אונז אנטקעגען, כדי אונז אויפצונעמען מיט כבוד, ווי עס פאַסט זיך פאַר מענשען פון אונזער שטאַנד.

אויב דאָס איז א שלאָס, דאַן מוז איך ווירקליך זאָגען, אז עס איז שווער צו אונטערשיידען צווישען איהם און א שענק, זאָגט דער דיקער בחור און טוט זיך דערביי א קניפּ אין לינקען אויער. און יענער דאָרט קוקט מיר אויס צו זיין א חזירים-פאַסטוך. ווי א „קאַפּלאַן“ (הויז-גייסטליכער) זעהט ער געוויס ניט אויס. צי שטעקט ניט אקאָרשט אויך דאָ הינטער דעם דער „קאָמאנדאנט“, וועלכער האָט אונז פריהער אָפּגעשפּילט דעם קונץ מיט די מיהלען!

דער דיקער חברה מאַן געהט פאָרזיכטיג ארונטער פון׳ם

עזעל און העלפֿט דעם דאַרען ריטער אראָפּגעהן פֿון׳ם פֿערד. דערנאָך געהען זיי ביידע אריין אין שענק און זעצען זיך באַקוועם אַנידער ביי א קיילעכדיגען טיש.

דער דיקער פֿאַרלאַנגט שנעל עפּעס צו שטארקען דעם מאָגען און ער שאַרפֿט באלד די ציינער אויף א שאַפּענעם ריפּ, אין דער צייט וואָס זיין בעל הבית קוויקט זיך מיט א קעזעל.

די נאַכט פֿאַרברענגען זיי אין א שייער, וואָס קוקט אוים ביי אונזער ריטער אין די אויגען ווי א סאַלאָן. דער דיקער מאַכט זיך באקוועם, ציהט אויס זיינע גלידער, און באַלד כראָפּעט ער אזוי שטאַרק, אז אלע ווענט ציטערן. אָבער דער ריטער ליגט אין ווייכען היי און טראַכט וועגען זיין דאַמע דאָרט אין דער ווייטען, וועלכע זיין אייגענע פֿאַנטאַזיע האָט געשאַפֿען, ביז וואַנען דער שלאָף שליסט אויך איהם צו די אויגען.

אויף מאָרגען פֿריה זיינען זיי ביידע ווידער אויף׳ן וועג. דער ריטער קוקט אוים נאָך נייע אויסערגעוועהנליכע געשעהענישען, נייע געוואַגטע צוזאַמענשטויסען, וועלכע זאָלען פֿאַרמעהרען זיינע בארימטע מעשים און אויסקלינגען זיין העלדענטום איבער דער גאַנצער אָפּגעלאָזענער וועלט. אזוי ציהען ביידע דורך דאָס ווייטע לאַנד, וואוהין דער צופֿאַל פֿיהרט זיי און וואו גרויסע טאַטען ערוואַרטען אונזער ריטער.

מעהר ווי איין הארטען, שווערן קאַמף האָט אונזער ריטער דורכצומאַכען; עס דערצעהלט אונז וועגען דעם זיין פֿארוואונדעטער קערפּער, אויף וועלכען ס׳איז ניטאָ קיין איין גאַנצע געזונטע שטעל. אָבער פֿעסט, ניט צוטרייסעלט בלייבט זיין דראַנג צו דער טאַט. שטענדיג ליגט זיין האַנד אויף

דעם קנאָפּ פון זיין שווערד. ער קווייקעלט זיך קיינמאָל ניט, טראַכט ניט איבער קיין רגע, ווען די שטונדע שלאָגט פאַר איהם.

אמת, אַז די טאַטען לאָזען זיך פאַר איהם דאָס רוב אוים צום שלעכטען און ברענגען איהם ווייטאָגען, אומגליק און פיין. אָבער אומבאזיגט בלייבט זיין ווילענס קראַפט, קיין זאַך קאָן איהם ניט אראָפּשלאָגען פון מוט, און אָהן אויפהער לעכצט ער נאָך נייע מעשים.

אין׳ם אייגענעם ליכט קומט איהם פאָר יעדע זאַך; ער שאַפט זיך א וועלט נאָך זיין בילד, וועלכע איז אזוי ווייט פון דער וועלט, אין וועלכער ער וואנדעלט, אז ער קומט כסדר אין ווידערשפּרוך מיט איהר, אָבער גיט זיך קיינמאָל צו איהר ניט אונטער.

ער איז א באַשעפער, וועלכער טראָגט ביי זיך אין דער ברוסט זיין אייגען גרוים וואונדער, וואָס מאכט פון טרוימען ווירקליכקייטען און שאפט אָאַזיסען פון וויסטען מדבר־לאַנד.

די מענשען לויפען איהם נאָך מיט שפּאָט און גלויבען, אַז ביי איהם אין קאָפּ איז עפּעס ניט אלעס אין אָרדנונג. צייטענווייז קלייבען זיי נחת פון איהם; זיין מאָדנע אויפפיהרונג פאַרשאַפט זיי פארגעניגען און זיי שטאָלצירען מיט זייערע אייגענע מעשים, וועלכע וואקסען אוים אין זייערע אויגען, קריגען מעהר ווערט, ווען מען מעסט זיי לויט די משוגע׳נע איינבילדונגען פון יענעם שוטה.

אָבער מייסטענס שטעהט ער זיין צייט אין וועג. עס שטערט די אנדערע דאָס, וואָס ער זוכט שטענדיג אראָפּצופיהרען פון׳ם דרך הישר, פון דעם אלטען אויסגעטראָטענעם וועג די זאַכען, וועלכע זיינען געהייליגט דורך דער טראַדיציע

און טראָגען אין זיך די ירושה פון גרייז־גרויע עלטער־זיידעס.

ווער עס רעוואָלטירט קעגען אַלטע מנהגים און אַלטע רעכטען, ווער עס וואַנדערט ניט תמיד צוזאַמען מיט די אַנ־דערע אויף דעם זעלבען שאָסיי, וואָס די טאַטעס האָבען אויס־געלעגט און אויסגעטראָטען, דער פּאַסט זיך ניט אַריין אין דער וועלט פון דער נאַקעטער ווירקליכקייט, וואו די אַלטע רעדער פּאַסען זיך שטענדיג אַריין איינע אין די אַנדערע, צו רעגולירען דעם אַלטען גאַנג פון דער געוואוינהייט.

ניטאָ מעהר קיין וואונדער אין דער דאָזיגער וועלט. דאָ איז די מלוכה פון ניכטערע געדאַנקען, וועלכע האָבען שוין לאַנג פאַרגעסען וואָס עס הייסט אַזוינס זיך וואונדערן, טיף שטוינען, און וועלכע באַטראַכטען וועלט און זאַכען אין פּשוט׳ע, וואָכעדיגע ארבייטס־קליידער. ס׳מאַכט גאָרנישט אויס וואָס דער בגד איז פּאַרפלעקט, צוריסען און צושליסען און די פאַרב אָפּגעקראָכען, אָפּגעבליאַקעוועט פון דער זון, עס שטערט פונדעסטוועגען קיינמאָל ניט דעם ריטם פון די אַלט־געוואוינטע מעשים און רופט ניט אַרויס אין מוח קיין פראַגען, וועלכע זיינען איהם נאָך אומבאַקאַנט און געהיימ־ניספול פרעמד.

אביסעלע פּאָעזיע איז, אמת, ניט אוועקצומאַכען מיט דער האַנד, בתנאי, אַז מען זאָל ניט פאַרגעסען דעם גרעניץ, וואו פאַנטאַזיע און ווירקליכקייט צושיידען זיך, כדי דער חלום זאָל זיך ניט אויסגעבען אַלס לעבען און די ניכטערע איבערלעגונג זאָל ניט געשטערט ווערן.

אַז מען האָט דערפילט די שווערע פליכט פון טאָג און מען וויל אין אָוונט געניסען די כשר־פאַרדינטע רוה, דאַן איז די פּאָעזיע א ברכה פון גאָט און זי העלפט לאַנגזאַם צו דער

דאָן קיכאָט

פּאַרדייאונג. מען לייענט וועגען שטערן־טרוימען, צויבער־נעכט, וועגען שענע, ליבע וואלד־געטינס, קארליקעס, שדים און רוחות; מען הערט, ווי אויף'ן אייוועז זידען שטיל די וואורשטלעך, אזוי אז טרוים און ווירקליכקייט פאַרבינדען זיך. דאָן ווערט דאָס גלייכגעוויכט פון דער זעלע קיינמאָל ניט געשטערט און עס שאדט גאָרנישט צום געזונט.

אָבער ווער עס קאָן ניט געפינען דעם גרעניץ, וואו עס צושיידט זיך דעם חלום'ס לאנד פון'ם לעבען, דער איז א נאַר, וואָס זעהט נאָר שטוינענדע וואונדער און געהט אין וועגען, וועלכע זיינען פרעמד פאַר'ן פאַרשטאַנד.

באגייסטערטע טרוימער זיינען דאָס, וועלכע וואנדערן אויף וואונדער'ס וועגען, פאַרבלאָנדזשעטע נשמות, וועלכע פאַראַכטען די פיהרונג פון די פאָטערס און שליידערן אריין זייערע פאַקעלן אין דעם בית המקדש, אין דעם הייליגטום, וואָס דער פיליסטער האָט מיט בינען־פּליים אויפגעבויט.

רעבעלען זיינען עס, וועלכע בונטעווען זיך קעגען אלטע מנהגים און צורייסען דעם הייליגען באַנד פון דער געוואוינ־הייט, וואָס פאַרקניפּט אזוי ענג די יאָהרהונדערטע דורך טראַדיציע און פרומע, אומאויפהערליכע רעפּעטיציעס. זיי לאַכען זיך אויס פון יעדער נאָרמע, צוברעכען לייכטזיניג די אַלטע לוחות, די טאָוולען פון די געזעצען און יעדען צוים, וואָס האלט די וועלט צוזאמען, אזוי אז דער גייסט פאַרלירט זיך אין א ים וואָס האָט ניט קיין ברעג.

א חלום איז פאַר זיי דער זין און צוועק פון דער עקזיס־טענץ. זיי פאָרמירען זיך די וועלט לויט זייער אייגענעם וואונש און געהען אונטער, ווערן פאַרצעהרט פון זייער איי־גענער משוגע'נער איינבילדונג.

דער איידעלער ריטער איז פון יענעם שטאַם. ווי א גאָט קיניגט ער אין דער מלוכה פון די טרוימען, וועלכע זיין פאַנ־טאַזיע אליין האָט אויסגעוועבט. אָט די מלוכה, אָט די טרוי־מען־וועלט ווערט פאר איהם אן אינערליכע איבערלעבעניש. ער פיהלט ניט, אז די וועלט, אין וועלכער ער לעבט, איז אין שטענדיגען קאַמף מיט זיין וועלט, זעהט ניט דעם אָפּגרונד, וואָס צושיידט איהם פון רוים און צייט.

קיין אינערליכע צוויספּאַלטיגקייט שטערט איהם ניט, לעגט איהם ניט קיין שטיינער אויף זיין וועג; דערפאר איז ער תמיד גרייט צו דער שנעלער טאַט. קיינמאָל קומט איהם ניט ארויף קיין געדאנק, וואָס זאָל וואָרענען, אָפּהאלטען זיין אָרם, ווען ער ציהט דעם שווערד אין דרייסטען קאַמף. ער ווייסט ניט וואָס עס הייסט קוויינקלען זיך, די וואקעלדיגקייט פון'ם אייגענעם האַרצען איז איהם פרעמד; זיין וועזען איז אינגאנצען ווי פון איין שטיק אויסגעגאָסען. מחמת דעם פלאגען איהם קיינמאָל ניט די שטומע יסורים פון צווייפעל.

ער האַנדעלט, ווייל די טאַט באַפעהלט עס איהם, ער פיהלט זיך אלס באַשיצער פון דער גערעכטיגקייט, וואָס מוז דערפילען א צוועק אין לעבען, פאר וועלכען דאָס שיקזאל האָט איהם באשטימט פאר דער צייט. מיט דעם גאנצען פייער פון זיין נשמה גלויבט ער אין דער ראָלע, וועלכע איז איהם אָנגעטרויט געוואָרן, און פיהלט זיך ווי א באנייער פון'ם רעכט.

אָבער די וועלט באגרייפט ניט זיין חלום, וויל ניט מקריב זיין דאָס עקזיסטירענדע פאַר דער פאַנטאַזיע, וועלכע איז טאַקע אזוי שען, וועלכע פונקעלט לוסטיג אין בונטע פאַר־בען, דאָך קאָן זי קיינמאָל ניט פארנעמען דעם פלאַץ פון דער

ווירקליכקייט. אזוי דאַנקט איהם קיינער ניט פאר זיינע דרינגענדע מעשים, אפילו די „דערלייזטע" גופא מאכט ער זיך פאר שונאים, ווען ער וויל זיי צווינגען צו געהן אויף א נייעם וועג, וואָס איז באַלויכטען בלויז פון דעם שטערן־שיין פון׳ם אידעאל.

איינמאָל, ווען האַר און דינער זיינען געריטען אויף זייער וועג, האָבען זיי אין דער וויטענס דערזעהן א מחנה מענשען, וועלכע זיינען מיט שווערע טריט צוגעקומען אלץ נענטער צו זיי. צוועלף מענער זיינען עס, געשמידט אין אייזען, מיט שווערע קייטען אויף הענט און פיס. זיי געהען אלע אין דערזעלבער שורה און טראָגען א קייט ארום האַלז, וואָס טשעפעט צו זייערע קעפ איינעם צום אנדערן ווי ריזיגע פערל פון א רויזען־קראַנץ.

הינטער דער דאָזיגער שורה קומען פיער וועכטער, צוויי צופוס און צוויי אויף פערד. זיי טרייבען אָן די געפאנגענע און שפּאַנען לאנגזאם און נאכלעסיג אנטקעגען זייער ציל.

דו זעהסט די מענער, וועלכע קומען דאָרט אנטקעגען אונז? פרעגט דער ריטער ערנסט ביי זיין דיקען קנעכט. מיר דוכט, אז עס איז מיר דאָ ווידער באַשערט אן אַוואַנטיורע, כדי אויסצופּרואוון די שטארקייט פון מיין אָרם.

גיט אקאָרשט אַכטונג, פאַלט איהם דער דיקער שנעל אריין אין די רייד. צאַמט איין אביסעל אייער אומגעדולד, וועלכע האָט אונז שוין מעהר ווי איין מאָל אריינגעבראכט אין א שווערער צרה. אויב איך האָב קיין טעות ניט, זיינען דאָס רודער־קנעכט, וועלכע ווערן אויף דעם קעניג׳ס באפעהל געפיהרט צו דער שטראָף־שיף, כדי אָפּצוקומען פאר זייערע זינד.

פאַרשטעה איך דאָס ריכטיג, דאַן צווינגט מען, הייסט עס, אַט די מענשען צו געהן אין אַן אָרט, וואָס איז זיי ניט צום האַרצען. אויב אַזוי בין איך פונקט געקומען אין דער רעכטער צייט, כדי צו העלפען די פאַרשקלאַפּטע און זיי דער־לייזען פון'ם יאָך. איז עס ניט מיין פליכט זיך דאָ אריינצו־מישען און באַפרייען אַט די מענשען, וועלכע זיינען אליין צו שוואַך זיך ארויסצורייסען פון'ם פרעמדען צוואַנג?

געדענקט, אַז דאָס זיינען דעם קעניג'ס שקלאַפען, וואָרנט איהם ווידער אַמאָל דער אנדערער. פאַרברעכער זיינען עס, וועלכע איהר ווילט באַשיצען; פאַרברעכער וואָס די הייליגע אינקוויזיציע האָט דערטאַפּט, און וועלכע דאַרפען איצט קריגען דעם שכר פאַר זייערע מעשים, ווי עס פאַדערט יאָס געזעץ פון לאַנד.

ווער האָט עס געגעבען דעם קעניג דאָס רעכט, איינצו־שפּאַנען די מענשען דאָרט אין דעם שקלאַפען־יאָך? דער קעניג דאַרף באַשיצען זיינע אונטערטאַנען, אָנשטאָט ארויפ־צולעגען אויף זיי א צוואַנג און זיי איבערגעבען אין די הענט פון דער ברוטאַלער טיראַניי. — האַלט דיין עצה פאַר זיך, מיין זוהן, איך ווייס אַליין וואָס איך האָב צו טאָן, וואָס עס איז אין איינקלאַנג מיט דער אידעלער פליכט פון דער ריטערשאַפט.

דערווייל איז די פרעמדע מחנה, אָנגעלאָדען מיט די שווערע קייטען, צוגעקומען צו זיי. דער ריטער שטעלט זיך זיי אין וועג און פרעגט העפליך דעם ערשטען שומר, ווער ער איז און פאַרוואָס ער פיהרט די לייט, וועלכע זיינען אַזוי געשמידט און אין יאָך געטריבען.

דער וועכטער קוקט פאַרוואונדערט אויף דעם מאַן, וועל־כער קומט איהם פאַר אזוי פרעמד און מאָדנע. דאַן זאָגט ער מיט א גוט־געשטימטען טאָן:

מיין הויך געשעצטער האַר, אויב עס איז ניט צו שווער פאַר אייך, טו פרעגט זיך נאָך ביי די חברה לייט אליין אויף זייערע מעשים. זיי וועלען פון אייך ניט פארהוילען דעם אמת און גערן צופרידענשטעלען אייער נייגעריגקייט.

דער ריטער פרעגט דעם ערשטען אויף דער קייט, פאַר־וואָס ער ווערט פאַרשיקט אויף דער שטראָף־שיף. —

די ליעבע האָט מיך אריינגעבראכט אין אומגליק, איי־דעלער האַר, זאָגט דער דאָזיגער, פינטלענדיג כיטרע מיט די אויגען. איך בין געווען פארליבט, נו, בין איך איצט גע־שמידט אין קייטען.

זינט ווען פארשיקט מען דאָס פאַרליבטע אויף דער שטראָף־שיף? פרעגט איהם דער ריטער מיט פאַרוואונדע־רונג. אזוינס האָב איך נאָך קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געהערט.

אך, ניט דאָס, מיין האַר, ענטפערט איהם דער בחור. ס'איז ניט געווען קיין פרוי, וועמען איך האָב מיין האַרץ געשענקט. מען האָט מיך געפאקט דערביי, ווען איך האָב אומאַרעמט א בינטעל וועש, וואָס האָט היים איינגעשלאָסען מיין ליעבע אין האַרצען.

און איהר? ווענדט זיך אצונד דער ריטער צו זיין שכן. פאר וועלכע מעשים טראָגט איהר אָט די קייט?

ער איז א זינגער, פאַלט דאָ שנעל א דריטער אריין אין די רייד. דאָס הייסט, ער געהט מיט אונז, ווייל ער האָט

אזוי וואונדערליך געזונגען, ווען עס איז פארשטעהט זיך, בעסער געווען צו שווייגען.

איהר מיינט צו זאָגען, פרעגט דער ריטער זעהר ער־שטוינט, אז מען האָט אָט דעם מאַן געשמידט אין קייטען, ווייל ער האָט געזונגען פון ליעבע און פון גרויסע טאַטען?

גאַנץ ריכטיג, מיין האַר, ער האָט געזונגען פון גרויסע טאַטען, ווען דער הענקער האָט איהם געפייניגט מיט די פינ־גער־שרויפען. ער האָט אויסגעזונגען אלע לידער, וואָס ער האָט געקענט. דערפאר פארשיקט מען איהם אצונד אויף דער שטראָף־שיף.

אזוי פרעגט דער ריטער יעדען איינעם פון דער מחנה און הערט פון יעדען א נייע געשיכטע, פון וועלכער ער פאר־שטעהט בלויז דעם האַלבען זין. ווען דער לעצטער האָט פאר איהם געעפענט זיין הארץ, נעמט ער אָן די פיקע פעסטער אין דער האַנד און הויך אויף׳ן קול זאָגט ער צו די שקלאַ־פען:

אזוי ווייט ווי איך האָב געקאָנט ארויסנעמען פון אייערע ווערטער, געהט קיינער פון אייך ניט גערן צו דעם אָרט, וואָס איז פאר אייך באַשטימט. דאָס שיקזאל איז געווען גרויזאַם מיט אייך. איהר האָט ניט געפונען ניט קיין ליעבע, ניט קיין רחמנות. קיין ריכטער האָט אייך ניט געשאָנקען יענעם רעכט, אויף וואָס יעדער מענש, אויך דער געפאלענער, איז בארעכטיגט. דערום מוז איך אלזאָ אליין אייך פאַרשאַפען רעכט, ווי עס באַפעהלט מיר מיין ריטער־פליכט.

דאן ווענדט ער זיך מיט אן איידעלער מיענע צו דעם ערשטען וועכטער און זאָגט:

איהר, גוטער מאַן, האָט אַלזאָ געהערט, וואָס איך האָב געזאָגט. נעמט אַלזאָ אַראָפּ די קייטען פון די געפיינינגטע, כדי יעדער איינער זאָל זיך קאָנען געהן פריי זיין וועג. נאָר גאָט אין הימעל איז דער ריכטער איבער זייערע מעשים, ניט איהר, וואָס איהר קאָנט ניט לייענען אין מענשען־הערצער. איך גופא האָבען אָט די אומגליקליכע גאָרנישט געטאָן, און עס פּאַסט ניט פאַר א מאַן מיט עהרע צו שפּילען דעם הענקער איבער זיין גלייכען.

נאָר וועט אימיצער פון אייך זיין אזוי פארבלענדט, אז ער וועט זיך שטעלען קעגען מיין ווילען, דאַן וועט מיין גוטער שווערד מיר פאַרשאַפען רעכט און ברענגען הילף פאַר דער פאַרפאָלגטער אומשולד.

מיין ליבער האַר, איהר זיינט ניט אינגאנצען ביים זינען, זאָגט דער וועכטער מיט אַן אָנגעשטרענגטען בליק. געהט זיך אייך אין גאָט׳ס נאָמען און מישט זיך ניט אין זאַכען, וועלכע אייער אָרעמער מוח קאָן ניט באַגרייפען.

איהר זיינט א הורען־זוהן און אן אויסוואורף! שרייט אויס דער מוטיגער ריטער מיט ברענענדען צאָרן און גיט זיך א לאָז אויף איהם מיט דער אָנגעשטעלטער פּיקע. דער וועכ־טער, וועלכער האָט זיך ניט געריכט דערויף, ווערט אומגע־וואָרפען פון דעם פערד, און ער פאַלט אַנידער א פארוואונ־דעטער אויף דער ערד. דאָ קומען איהם צו הילף די אנדערע דריי, וועלכע אונזער ריטער נעמט אויף מיט זיין געצויגענעם שווערד.

אָבער די רודער־קנעכט זיינען ניט פויל און זיי ניצען שנעל אוים די גינסטיגע געלעגענהייט. זיי צוברעכען זייערע קייטען אויף די שטיינער, און איינער העלפט ארוים דעם אנ־

דערן פון׳ם אייזען. באַלד האָגעלט עס מיט שווערע שטיינער אויף די איבעראַשטע וועכטער, וועלכע האָבען קיין אנדער ברירה ניט און פארלאָזען שנעל דעם שלאַכטפעלד.

דאָ רופט דער ריטער צונויף זיין מחנה׳לע, און זיצענדיג אויף זיין שקאַפּע רעדט ער צו זיי מיט א הויכער, קלאָרער שטימע און זאָגט:

איהר איידעלע העררן, ווי פרעה איך זיך מיט אייך, וואָס איך האָב מיט גאָט׳ס הילף צובראָכען אייערע קייטען, אזוי אַז איהר זיינט ווידער מענשען צווישען מענשען. אָבער דאנק־באַרקייט איז די פליכט פון איידעלע הערצער. טו נעמט אַלזאָ אָט די קייטען, וועלכע מיין אָרם האָט צובראָכען, און טראָגט זיי אויף אייערע פּלייצעס קיין טאָבאָסאָ, וואו עס וואוינט די הערשערין פון מיין האַרצען, די שענסטע דאַמע, וואָס די וועלט האָט ווען געזעהן. ברענגט איהר, איך בעט אייך, איהר ריטער׳ס גרוס; דערצעהלט איהר, ווי אזוי איך האָב אייך באפרייט פון׳ם יאָך. דערנאָך קאָן זיך יעדער געהן זיין אייגענעם וועג.

הער ריטער, זאָגט איינער פון אָט די גאַלגען־פייגעל, מיר דאַנקען אייך פאר דעם וואָס איהר האָט געטאָן. נאָר דאָס וואָס איהר פאָדערט איצט פון אונז, איז קעגען דעם שכל, אויב מיר ווילען זיך אויסדרעהען פון דער הייליגער אינקוויזיציע. זייט זיך אייך געזונט! זאָל אייך גאָט באלוינען פאַר אייער טאַט! אָבער האַלט אונז דאָ ניט אויף צו לאַנג; דער אָרט קוקט מיר ניט אוים גאַנץ זיכער.

איהר זיינט אן אומדאַנקבאַרער און געמיינער יונג! גיט דער ריטער א געשריי אויף איהם מיט כעס. א מענש, וואָס

טראָגט ניט קיין אידעאַל אין האַרצען, איז ניט ווערט די פריי־
היים, וועלכע ער באַזיצט. אָבער איך שווער ביי גאָט׳ס
הייליג בלוט, אז דו וועסט נעמען דיין קיים אויף דער פלייצע,
דו פאַרפלוכטער טייוועל׳ס זוהן, און דו וועסט געהן אהין,
וואוהין איך האָב דיך געשיקט!

דאָ גיט דער חברה מאַן א וואונק צו די אנדערע. זיי
ציהען זיך צוריק און בילדען א קרייז, מיט די באַפרייער
אינמיטען. דאן הויבען זיי אָן זיי מכבד זיין מיט שטיינער,
ווי זיי האָבען עס פריהער געטאָן מיט די וועכטער.

דער ריטער וועהרט זיך אפילו מיט זיין שילד קעגען די
שטיינער, אָבער ער קאָן ניט באַשיצען דעם גאַנצען קערפּער,
און געטראָפען פון א שטיין, פאַלט ער אראָפּ פון דער שקאַפּע.
אצונד רויבט איינער שנעל אוועק ביי איהם די לענטע, וואָס
ער האָט געטראָגען; אַן אנדערער נעמט ביים דיקען בחור
צו זיין מאַנטעל. דאן לאָזט מען זיי איבער מיט געלעכטער
און שפּאָט.

ליגען זיי אלע פיער, האַר, דינער, פערד און עזעל — און
קאָנען קוים ריהרען מיט די פאַרוואונדעטע גלידער, ביז דער
דיקער קריגט צוריק לשון און זאָגט:

אָט האָט איהר אייך; דאָס איז דער סוף פון׳ם ליד. דאָס
אלעס וואָלט געקאָנט אויסגעמידען ווערן, ווען איהר מאַכט
ניט אזוי אוועק מיינע ווערטער מיט דער האַנד. אָבער אייער
דראַנג נאָך טאַטען קערט אלעס איבער מיט׳ן קאָפּ אראָפּ און
מיט די פיס ארויף און ברענגט אונז כסדר איין צרה גרעסער
פון דער אנדערער. ס׳קוקט כמעט אויס, אז אלע גוטע גיים־

טער האָבען אייך פארלאָזען, וואָרים די פארנונפט, דער שכל לעבט שטענדיג מיט אייך אין קריג.

אצונד האָט איהר נאָך צו די צרות א צוגאָב: דעם שפּאָט. דיזעלבע מענשען, וועמעס קייטען איהד האָט צובראָכען, האָבען אויפגעהויבען זייערע הענט קעגען דעם באפרייער. אָה, מיין האַר, צו שלעכט קענט איהר דאס הארץ פון די מענשען! איהר זעהט זיי שטענדיג אין׳ם גלאַנץ פון אייער טרוים און קוקט זיך קיינמאָל ניט אום אויף דער נאַקעטער ווירקליכקייט, וועלכע איז שטאַרקער ווי אייער שאָטען־וועלט.

מיין זוהן, איך וויל ניט זאָגען, אז דו ביזט אומגערעכט, און עס איז אויך ניט דיין שולד, ווען די זאכען שפּיגלען זיך אָפּ ביי דיר אין קאָפּ אנדערש ווי זיי זיינען.

געווים איז א וויטאָג וואָס די זעלביגע האנד, וועלכע איך האָב באפרייט, האָט זיך אויפגעהויבען קעגען מיר. נאָר דאָס, ווייזט אוים, איז דער גורל וואָס דאָס שיקזאל האָט פאר מיר באַשטימט.

אָבער אויך ביי די געזונקענסטע מענשען אין הארצען לעבט נאָך א פונק פון יענער אנדערער וועלט, וואָס ליגט באַהאַלטען און גליהט דאָרט אין דער טיפסטער פינסטערניש, ביז דער הויך פון דער פרייהייט צובלאָזט איהם אין א ליכטיגען פלאַם.

כ׳האָב צוריקגעגעבען די לומפּען זייער פרייהייט און זיי געשיקט אין יענעם ווייטען אָרט, וואו עס וואוינט די הערשערין פון מיין האַרץ, וועלכע רעגט מיך אָן און טרייבט מיך צו דרייסטע טאַטען. אָבער יענע, אָקאָרשט ערשט פון דער קייט באַפרייט, האָבען ניט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז

ניצליך פאר זייער נשמה. פונדעסטוועגען וועט אויך קומען זייער טאָג; אויך פאר זיי וועט אמאָל שלאָגען די שעה.

ביז דאמאָלס איז נאָך א היבשע ווײַלע, זאָגט דער דיקער בחור, און אויב איהר ווילט וואַרטען ביז וואסער וועט ברענען, דאַן וועט איהר, כ'לעבען, אביסעל צו קורץ קומען מיט דער צייט וואָס איז אייך באַשערט פון גאָט.

און וואָס איז שייך צו דער דאָנא פון טאָבאָסאָ, וועלכע איהר פאַרעהרט, אקוראַט ווי ווי וואָלט געווען גאָט'ס מאַמע אליין, ווײַס איך ווירקליך ניט, וואָס דאָ קומט פאָר. איך קען זי גוט, די טאָכטער פון'ם קאָרטשועלאָ. טאָבאָסאָ ליגט ניט ווייט פון אונזער דאָרף.

נו יאָ, זי איז א געזונטע, פעסטע בחור'טע און זי הויבט אייך אויף א זאַק פון דער ערד—הערט איהר? דער שטאַרק-סטער פויער קאָן עס ניט מאַכען בעסער. א מויל האָט זי, זאָל מיך גאָט אָפּהיטען! יאָ, זי איז ווירקליך א גרויסע בריה, און אז מען דאַרף וועט זי אייך ארויסשלעפּען דעם בעסטען ריטער פון דער בלאָטע, אזוי ווי ער וואָלט געווען געמאכט פון מאנדעל-קוכען. א קול'כעל האָט דאָס — איי, דו ממזר'וק! און ראַמט זי אייך איין אויער א סוד, קאָן אייך דאָס אויער-הייטעלע פּלאַצען פון איהר געשריי.

באמת, א מענש מיט אלע מעלות! נאָר אז איהר זאָלט זי האָבען אויסגעקליבען פאר א פּירסטין, פאר דער אויס-דערוויילטער פון אייער ריטער-האַרץ, — דאָס, בנאמנות, קאָן איך ניט פאַרשטעהן.

ווייל א כשוף פאַרבלענדט דיר די אויגען, פאַלט איהם דער ריטער האַסטיג אריין אין די רייד. דו זעהסט די זאַכען

שטענדיג אין אן אַנדער ליכט. דיר געהט עס פונקט, ווי עס איז געגאַנגען די שקלאַפען, וועלכע איך האָב באפרייט פון זייער שווערן יאָך. נאָר ווען דער כשוף וועט זיך ענדליך אָפּ־טאָן פון דיר, דאַן וועסטו אויך מיט אַמאָל איינזעהן, אז יענע שענע, וועלכע האָט געפאַנגען מיין הארץ, פארדינט צו טראָ־גען די קרוין פון א וועלט.

איך הער נאַטירליך דאָס, וואָס איהר רעדט דאָ צו מיר, אָבער אלץ שווערער קומט עס מיר אָן אייך צו פאַרשטעהן. ס'איז אויך ארויסגעוואָרפען צו טראַכטען, זיך גריבלען אין זאַכען, וועלכע לאָזען זיך בשום אופן ניט דערגרונטעווען. — נאָר איין זאַך וואָלט איך גערן געוואָלט וויסען פון אייך. ווי קומט עס, וואָס קיין אומגליק האָט אייך ביז אהער ניט ענ־טוישט?

דאָס וואָס מיר האָבען ביז אהער צוזאמען דורכגעלעבט, איז דאָך געוויס ניט געוועזן בלויז א חלום. אמת, אז איהר רעדט כסדר וועגען א כשוף, א צויבער־גייסט, וואָס ווייזט מיר די זאַכען אין אן אנדער בילד. אָבער אָט דער גייסט קוקט מיר עפּעס אוים צו זיין צו רעעל. אויב אלע שנעלען אין נאָז, בוכצעס, שטורכעס און מורא'דיגע קלעפּ, וואָס איך האָב ביז איצט געקריגען אין אייער דינסט, זיינען געוועזן ניט מעהר ווי א כשוף, א פארבלענדונג, דאַן מוז איך זיך גאָר פשוט מודה זיין פאר אייך, אז דער כשוף האָט זיך מיר גאָר ניש'קשה'דיג געלאָזט פיהלען, איז מיר אריין אין די ביינער. אביסעל צו שטאַרק קוקט מיר אוים אָט די כשוף־מאַכעריי. מען קאָן זי ניט אונטערשיידען פון דער ווירקליכקייט.

אזוי איז דאָס, מיין זוהן, זאָגט אונזער ריטער ערנסט.

ס'איז א שווערע זאַך צו שיידען, אָפּצוטיילען די ווירקליכ־קייט פון'ם טרוים. וואָרים יעדע ווירקליכקייט איז פריהער געווען א טרוים, און יעדער טרוים שטרעבט דערצו, צו ווערן א ווירקליכקייט. די שעפערישע קראַפט פון'ם גלויבען שאַפט ווירקליכקייטען, און א ווירקליכקייט, וועלכע וועקט ניט קיין טרוימען, איז א לעבען וואָס ווערט פארצעהרט, פארטרי־קענט אין זאַמד — א זריעה, וואָס האָט פארלאָרן איהר פרוכטבארקייט.

דו פרעגסט, פארוואָס איך בין קיינמאָל ניט ענטוישט געוואָרן אין לעבען און בין שטענדיג גרייט צו נייע טאַטען? וויל טיף אין מיין נשמה ברויזען פייער־שטראָמען און מיין אויג זעהט פאר זיך ווייטע וועלטען, א ניי לאַנד, ארומגענו־מען פון ווילדען שטורם, וואָס קיין שטערבליכער האָט נאָך ביז אהער ניט באַטראָטען.

ווי טיפע קלאַנגען דרינגט עס אריין אין מיינע אויערן, און מיין נשמה באָדט זיך אין הימעלשען תענוג. — זעה, אָט יענע ווייטע וועלט רייצט עס מיך צו דער טאַט, גיט מיין האַרץ פעסטקייט און קראַפט, וועלכע פארטרייבען יעדע שוואכ־הארציגקייט, יעדען צווייפעל.

ווען דער בורא וואָלט ניט באַשאַפען מיין שטאַנד, די ריטער, וועלכע ווערן געטריבען פון אן אינערליכען דראַנג און לאָזען זיך ארוים אין ווייטע וועגען צו ווייטע צילען, דאן וואָלט דאָס דאָזיגע לעבען שוין לאַנג געווען פארפוילט און יעדע ווירקליכקייט וואָלט צופאַלען אין שטויב. קיין פעלד וואָלט מעהר קיין פרוכט ניט געטראָגען, די גאַנצע ערד וואָלט געווען א מדבר, די לעצטע האָפנונג וואָלט לאַנג פארטרי־קענט, אויסגעלאָשען געוואָרן.

מיר זיינען עס די, וואָס טראָגען נייע זריעה אין האַר־צען. דער שוואַכער פונק, וועלכער איז שוין האַלב פארלאָשען, וועט נאָר דורך אונז צובלאָזען און פאַנאַנדערגעפלאַקערט אין א ברענענדען פייער.

וועט מען אמאָל פאַרשאַרען אין דער ערד דאָס לעצטע צווייגעל פון אונזער איידעלען שטאַם, דאַן וועט זיין א סוף צו אלע צייטען; די וועלט וועט אויסזעהן ווי א בית עולם, און יעדעס לעבען וועט אין דער סאַמע שפּראָצונג אָפּשטאַרבען.

אויף מאָרגען אין דערפריה זיינען זיי אין די בערג, וואו אונזער ריטער פאָלגט נאָך פרעמדע שפּורען, אין דער צייט וואָס דער דיקער בחור געפינט אויף׳ן וועג א רענצעל, וואו עס ליגט באַהאַלטען א בייטעל מיט גילדערנע דוקאטען.

אזוי רייטען זיי דעם גאַנצען טאָג, ביז דער אוונט לאָזט זיך ביסלאכווייז אראָפּ און ווייט אין מערב שטראַלען אָפּ די שפּיצען פון די בערג מיט א רויטען שיין. אויף לייכטע, שטילע פליגלען קומט די נאַכט; טויזענטער שטערן פונקלען, און ווי א וואונדער־מעשה׳לע קוקט אויס די גאַנצע וועלט.

דער ריטער זיצט פאר׳חלומ׳ט אויף א פעלז און זיין בליק פאָלגט נאָך די שטראַלען, וועלכע דרינגען דורך דעם וועלט־רוים. אָבער אויך דער דיקער בחור איז נאָך אויף, ליגט אויף זיין קאָלדרע און טראַכט און גריבעלט זיך איבער די מעשים פון זיין האַר.

א זעלטענער מענש איז מיין בעל הבית, דאָס מוז איך צוגעבען. וואָס לענגער איך בין ביי איהם אין דינסט, אלץ שווערער קומט עס מיר אָן איהם צו פאַרשטעהן. צייטענווייז

רעדט ער אזוי געלערנט, פּונקט ווי א בוך, אזוי אז מען וואָלט געקאָנט יעדעס וואָרט באַשטעטיגען דורך א שבועה. דאַן ווערט ער מיט אמאָל נאַריש ווי א קוה און טראכט פון האנד־לונגען, וואָס א קינד וואָלט זיך מיט זיי געדאַרפט שעמען.

צייטענווייז קלינגט מיר זיין וואָרט אזוי זיכער ווי דער „אמן" אין דער קירכע. דאַן זעה איך וועלט און זאַכען, כמעט אין זיין ליכט. און אנדער מאָל קומט מיר פאָר אלצ־דינג וואָס ער רעדט, ווי א ליגנערישע מעשה פון'ם שטן'ס מויל.

ווען דער אינזעל, וואָס ער האָט מיר צוגעזאָגט, זאָל כאָטש ניט ליגען אויף דער לבנה, ווי אזוי פיל אנדערע זאַ־כען זיינע! אָפט שטעל איך זיך אליין די פראגע, פאַר־וואָס איך בין איהם די גאנצע צייט נאָכגעגאנגען. ער האָט מיך אוועקגעריסען פון מיין אלטער וועלט, ניט קוקענדיג דערויף וואָס זיין דומהייט איז פאַר מיר קלאָר ווי דער טאָג.

דאָך פיהל איך, אז קיין אנדערער וועט מיר דעם אינ־זעל ניט פאַרשאפען; איך אליין וואָלט קיינמאָל ניט געווען אימשטאנד דערצו. אייגענטליך גרייט ער מיר ערשט דעם טיש, אויף וועלכען איך וועל שפּעטער באפרידיגען מיין גומען. איך לעב דאָך בלויז, ווייל ער גיט מיר לעבען, און אָהן איהם וואָלט מיר דאָ געווים געווען שווערליך דורכצו־קומען.

אַז ער איז אַ נאַר, דאָס קאָן איך אָנטאַפּען מיט דער האַנד, אָבער זיין נאַרישקייט דערהאַלט איהם ביים לעבען און לאָזט מיין בייכעל אויך ניט איינגעדאַרט ווערן. — דע־רום זאָל גאָט בענשען די דומהייט, וועלכע קומט אונז צו־ניץ, און מיין ריטער פון דער טרויעריגער געשטאלט!

אזוי וואַנדערן זיי דורך לענדער, מאַכען דורך אוואַנ־טיורעס אָהן א צאָל, ביז דער גרויסער אָוועגט לאָזט זיך לאַנגזאַם אַראָפּ. דאָ שפּרייט זיך פאַר זייער בליק אויס דער מדבר. —

איהר ווילט, הייסט עס, באמת רייטען אין מדבר אריין! רופט זיך אָן דער דיקער בחור מיט א פארקלעמטע הארץ. אך, אייער דומהייט האָט דאָך גאָר קיין גרעניץ ניט! ביז אהער האָב איך אייך באגלייט טאָג פאר טאָג און בין אייך נאָכגעגאנגען, ווי אייער אייגענער שאָטען. אצונד אָבער איז גענוג! דאָ איז דער אָרט, וואו אונזערע וועגען געהען זיך פאַנאַנדער.

זייט זיך אייך געזונט! אויב איהר ווילט ניט אנדערש, דאַן מוזט איהר אליין טראָגען די פאָלגען דערפון. — דאָרט ווינקט צו אייך דער טויט, וועלכער האָט אייך די גאנצע צייט גענאַרט און פארפיהרט און אייערע אויגען פאר־בלענדט מיט אלערליי צויבער־וועלטען, ביז דער שכל איז פון אייער מוח ארויסגעפלויגען.

דער ריטער הערט זיך ניט צו צו דעם דיקען בחור׳ס ווערטער און קוקט מיט הייסע בליקען אין דער ווייטענס. דערווייל פארקירעוועט דער קליינער חברה מאַן זיין עזעל און רייט לאַנגזאַם צוריק צו זיין אלטער וועלט.

ער לעבט נאָך לאַנג, פיהלט זיך איצט אליין ווי א האַר און דענקט, אז קיין קליגערער פון איהם איז גאָר ניטאָ. פון זיין זאָמען זיינען ארויסגעקומען די ברואים, וועלכע ווייסען שטענדיג ווי צו דערטאַפּען דאָס גליק אויף׳ן וועג און וועלכע פּאַשען זיך באקוועם דעם פוילען, גראָבען בויך.

אבער קיינמאָל חלום'ן זיי ניט פון דעם שטערן-רייך, פון דער אומבאשרייבליכער פראכט פון בלויע ווייטקייטען. דער בייטעל איז פאר זיי געוואָרן דאָס בענקעל, אויף וועלכען עס זיצט זייער נשמה, און לויט וועלכען זיי מעסטען יעדע מענשען-ווירדע. איז ליידיג דער בייטעל, דאן פאלט דעם מענשען'ס ווערט. וואָרים צוערשט האָט גאָט באשאפען דעם בייטעל, דערנאָך דעם מענשען.

אָבער דער ריטער שטרעבט צום מדבר. קוים וואָס די שקאַפּע טראָגט נאָך דעם אויסגעדארטען קערפּער — די שעה דערנענטערט זיך, דער וועג איז אָפּגעלאָפען. —

* *

*

גרוי איז דער הימעל. עס געניצט דער מדבר.

אויסגעשטרעקט אין'ם ברוינעם מדבר-זאַמד ליגט א ספינקס פון שווארצען מארמאָר-שטיין, דער בליק פארזונקען אין'ם רייך פון וויסטע ווייטקייטען.

ניט שנאה, ניט ליבשאפט שטראלט ארויס פון דעם דאָזיגען בליק. דאָס אויג איז פארשלייערט פון א טיפען טרוים, און אויף דער קאלטער פראכט פון די שטומע ליפען שוועבט שטיל-שמייכלענדיג די שטילסטע אייביגקייט.

מיט א פעסטען בליק קוקט דער ריטער אריין דער ספינקס אין די אויגען. — אן אוואנטיורע, מורמלען שוואך די בלייכע ליפען.

די לעצטע, קלינגט עס שטיל אָפּ פון דער ווייטען, און שטום, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט, לאָזט ער זיך אראָפּ אין דעם שטויב פון'ם מדבר.

דער פינפטער וועג

דער אַלטער קלויסטער ליגט אין טיפער רוה, אזוי פרעמד צו דער ערד, אזוי אָפגעריסען פון מענשען־זאָרג, אָקוראַט ווי דאָס לעבען וואָלט זיך דאָ געגאנגען זיין אייגענעם גאַנג און וואָלט גאָר ניט אָנגערירט געוואָרן פון׳ם שטורם און דראַנג פון די צייטען.

די אַלטע מויערן קוקען שטיל פארטראכט, און טיפען פרידען אָטעמט יעדער שטיין, וועלכער ווערט אין זיינע חלומות ניט געשטערט פון קיין וואָכעדיגען, פארשוועכענדען קלאַנג. פארגעסענקייט וואוינט דאָ הינטער די דאָזיגע ווענט, און מעהר ווי איינער, ביי וועמען דער ווייטאָג פון׳ם לעבען האָט געברענט אין מוח, וועלכער האָט זיך צובלוטיגט די נשמה אין שטומער פיין, האָט דאָ צוריקגעפונען די רוה, דעם פרידען פון זיין הארצען.

דאָ געהט זיך אָן א שטיל לעבען, וואָס איז אונטערוואָרפען אנדערע געזעצען און וואָס טראָגט אין זיך דעם אייגענעם ריטם פון זיינע ווירקונגען.

די זון שטעהט טיף ביים האָריזאָנט, און פאַמעלאך לאָזט זיך דער אָוועגט אראָפ אויף לאַנקע און פעלד. דער אַלטער קלויסטער־גאָרטען ליגט פאר׳חלום׳ט. אויף לייכטע, דינע

זוילען געהט דאָס שטיל־שווייגען דורך דורך'ן וועלדעל. אָבער ווען די ווינטעלעך בלאָזען מילד דורך די בלעטער, קלינגט עס אָפּ ווייך ווי אָרגעל־קלאַנג, וואָס רופט ארוים ציטערדיגע אקאָרדען אין דער נשמה.

די מאָנאַכען געהען שווייגענדיג ארום איבער די אלטע קאָרידאָרען, באַוועגען שטום די ליפּען אין געבעט, וואָס רייסט זיך ארוים פון די טיפענישען פון זייערע נשמות, כדי זיך אויפצוהויבען צו גאָט, צו זיין כסא הכבוד.

א ווייך בין השמשות ליכט פּילט אָן די קירכע. שטיל שטראָמט עס אריין דורך די שמאָלע פענסטער און וועקט אויף אין אַלצדינג די פאַרבאָרגענע זעלע, דאָס געהיימע לע־בען, וואָס ליגט ווי פאַר'כשופ'ט אין האָלץ און שטיין.

די בונטע, פאַרשידען־פאַרביגע פענסטער וואַרפען א מאָדנעם שיין אויף די שטיינערנע פיגורען, וואָס ווענדען זייער ערנסטען בליק אין העלע ווייטקייטען, וועלכע שפּרייטען זיך אוים ווי א צויבער פאַר זייערע אויגען. פון טיפען שלאָף ערוואַכט דער קאַלטער שטיין און ציטערט שטיל, ווי דורכגע־נומען פון א ווייטאָג, וואָס פאַרגעהט לאנגזאם אין א גליקזע־ליגער ענטציקונג.

הויך איבער דעם אַלטאַר שוועבט דאָס בילד פון'ם דער־לייזער, דער פון ווייטאָג פאַרצויגענער קערפּער, וואָס גוסס'ט, וואָס געהט אוים דאָרט אויף'ן קרייץ. פון'ם פענסטער דרינגט אריין א גרינליך־געלער שיין, וואָס בלישטשעט מאָדנע אויף דעם בלייכען פנים און שפּיגעלט זיך אָפּ אין די יסורים פון דער נשמה.

די אויגען, וועלכע זיינען כמעט אינגאַנצען אָפּגעשטאָר־

בען, היבען אויף מיט געבעט זייער לעצטען בליק, אזוי ווי זיי וואָלטען דאָרט געפונען דערלייזונג פון דער טיפסטער פיין. דער שטערן איז באַדעקט מיט רויטען שוויים, וואָס בלוטעט לאַנגזאַם פון די רויטע וואונדען, וועלכע די דערנער־קרוין האָט איהם געמאַכט.

אין אָט דעם בליק ליגט פאראייניגט יעדער וויטאָג, וואָס איז ווען ארויסגעקומען פון דעם דאָזיגען טאָל פון טרע־רען, און וועלכער האָט אריינגעשטאָכען זיין דאָרניגען שפּיץ אין די הערצער פון די ערד־קינדער.

דער בלייכער קערפּער, צוטרייסעלט פון טויט־פּראָסט, ציהט זיך אויס אין מורא׳דיגע טיפע יסורים, שטרעקט זיך אויס צו דער אייביגקייט, און שטיל לאָזען זיך אראָפּ די שאָטענס פון׳ם טויט.

רעכטס פון׳ם אַלטאַר שטעהט א מאדאָנא־בילד, די מילדע בליקען אראָפּגעלאָזט צו דער ערד. די לינקע האַנד האַלט א פּאַלמען־צווייג, די רעכטע איז צום בענשען אויס־געשטרעקט, אזוי ווי זי וואָלט זיך וועלען דערבארעמען אויף יעדער נויט.

א יונגער מאָנאַך קניט פאר׳ן בילד פון דער יונגפרוי און בויגט אָן דעם נאַקען טיף צו דער ערד, אזוי ווי די שווערע לאַסט פון דער זינד וואָלט איהם דערדריקט. א טיף שלוכ־צען צוטרייסעלט זיין קערפּער. מיט א טויבען, פאַרדריק־טען קלאַנג רייסען זיך די ווערטער ארויס פון די ליפּען און בינדען זיך צונויף, פאָרמירען זיך אין א היים, האַרציג גע־בעט:

מאריא, גנאָד־רייכע מוטער פון גאָט! פון דער טיפענייש

פון מיין נשמה שרייט מיין וויטאָג צו דיר, און אלע וואונדען בלוטען דיר אַנטקעגען. דערבאַרעם זיך אויף דעם קנעכט, וואָס קניט דאָ א שווער־באַלאַדענער, א צודריקטער פאַר דיינע הייליגע פיס, און שיק מיר דערלייזונג פון דער פיין!

ווען איך בין אריינגעטראָטען דאָ אין אָט די שטילע מויערן, כדי זיך אָפּצוגעבען מיט מיין גאנצער נשמה צו גאָט און זיין ווערק, דאן איז איבער מיר געקומען דער גרויסער פרידען, נאָך וועלכען מיין האַרץ האָט אזוי לאנג געבענקט. כ'האָב געפיהלט, ווי האַרפען־קלאַנגען רוישען אין מיר, און מיין זעל האָט געשוואומען אין א ליכטיגען גלאַנץ, וועלכער האָט זי געטראָגען אנטקעגען דער אייביגקייט.

אָה, הימליש איז געווען די רוה, וואָס איז איבער מיר געקומען און וועלכע האָט זיך אראָפּגעלאָזט ווי באַלזאַם אין מיין האַרץ און מיר געוויזען, מיך געלאָזט דערקענען גאָט'ס הערליכקייט.

מיין מוח האָט זיך פארטיפט אין גאָט'ס ווערק. פון טויזענט קוואַלען איז פאַר מיר געפלאָסען דער ברונען פון זיין חכמה. אין יעדען שטויבעלע האָב איך געפיהלט זיין הויך, און יעדער זאַנג, וואָס האָט זיך געוויגט אין פעלד, האָט מיך אָנגעפילט מיט ענטציקענדער גליקזעליגקייט, וועלכע האָט פאַר מיר אנטפּלעקט די גרויסקייט פון'ם בורא. פון יעדער בליהונג האָט זיין גייסט גערעדט צו מיר. כ'האָב געהערט זיין קול אין דעם קראַך, אין דעם בייזער פון'ם דונער, כ'האָב דערקענט זיין מאַכט אין בליץ און שטורם.

יעדעס מאָל, ווען די נאַכט האָט זיך ארונטערגעלאָזט אויף ים און ערד און הויך אויפ'ן הימעל האָבען געפונקעלט טויזענטער שטערן, דאַן האָב איך געפיהלט דעם בורא'ס היי־

ליגע נאַנטקייט. די גאנצע וועלט האָט מיר אויסגעקוקט ווי א בוך, וואָס איז פול מיט דער חכמה פון זיינע מעשים.

בין איך ביינאַכט געזעסן שטיל אין מיין קעמערל, מיט דעם מוח פארטיפט אין גאָט'ס הייליג וואָרט, דאן האָב איך געפיהלט, ווי מיין האַרץ איז אויפגעלויכטען געוואָרן, כ'האָב דערקענט, ווי זיין גייסט האָט געברענט אין מיין נשמה און מיר פריי געלאָזט די צונג, וועלכע איז געווען ווי געבונדען.

מיט דער טיפסטער פרומקייט האָב איך זיך צוגעהערט צו זיינע ווערטער און געפיהלט, ווי עפּעס האָט זיך גערירט אין מיר, מיך געהויבען אין דער לופטען. זיין שעפּפער־ווילען האָט ארומגעטאַנצט ביי מיר אין בלוט, און פון דער טיפעניש האָט זיך עפּעס ארויסגעריסען אין דער הויך, וואָס האָט זיך אזוי ווי צונויפגעגאָסען אין פאָרם און אויסדרוק.

אָבער פלוצלינג איז מיין וועלט חרוב געוואָרן. אין צוויי־ערליי געשטאַלטען קומט מיר פאַר יעדע זאַך. אין מיין זעל ברויזען און שטורעמען פינסטערע כוחות, וועלכע שטערן מיין פרומען געדאַנק צום געבעט, פארקירעווען מיינע מחשבות אויף פארבאָטענע וועגען און רויבען ביי מיר אוועק די רוה, דעם פרידען פון מיין הארצען.

ווען מיין נשמה איז פול מיט פרומער איבערגעבענקייט און פיהלט זיך דורכגעדרונגען פון'ם הייליגען גייסט, באַוויי־זען זיך פלוצלינג אנדערע בילדער, פאַרטומלען מיין מוח און ווייזען מיר די טויערן פון א וועלט, וואָס מיינע אויגען האָבען פריהער קיינמאָל ניט געזעהן.

די רויטע זינד שטעהט פאר מיר אין פורפור־קלייד און אָנגע'שכור'ט מיט תאוה רייצט זי מיין גוף. איך פיהל דעם הייסען אָטעם פון איהר פייער, און ווילדער יאָגט זיך דאָס

בלוט ביי מיר אין די אָדערן. שנעל קלאַפּט מיר דאָס האַרץ אין דער ברוסט, און א הייסע ליידענשאַפט נעמט ארום ווי א נעבעל מיין געדאַנק. דער אָטעם ווערט פאַרכאַפּט; די אויגען זעהען רויט, און מיין זעל שמאַכט און לעכצט אין פייערדיגען באגעהר.

דריקענדיג איז די לופט אין מיין קעמערל, פייכט און שווער, און זיסע טענער דרינגען אריין אין מיינע אָפענע אויערן, פאַרפיהרעריש, פייערדיג און זינדיג שען. פון טויזענט קראַטערס פלאַקערן אויף די פלאַמען פון דער זינד און גיסען זיך פאַנאַנדער ווי פייער־שטראָמען אין מיין האַרץ, וואָס צוקט און שפּרינגט אומפאַרשעמט אין קיינמאָל ניט־גע׳חלומ׳טער תאוה.

דאַן פאַרשווינדט אלצדינג שטיל ווי א חלום, און ניכטער שפּרייט זיך אוים די וועלט פאַר מיין בליק. נאָר אין די גליעדער ליגט עס מיר שווער אזוי ווי בליי. מיין קאָפּ איז פּוסט, ווי נאָך א ווילדער, אָפּגעהולטאַיעוועטער נאַכט, ביז וואַנען די געדאַנקען קומען פּאַמעלאך צוריק. אָבער זיי זיינען ווי איינגעהילט פון נעבעל און דרעהען זיך צונויף אין מוח ווי א פאַרפּלאָנטערטער קנויל. ביסלאכוויז קומט ווידער די ערינערונג, און די גאַנצע שווערקייט פאַרשווינדט אין דער טיפעניש.

דאַן דערפיהל איך ווידער גאָט׳ס הויך אין מיין ברוסט, מיין אויג זעהט ווידער דעם הימעל אָפען, און שטיל דרינגען אריין מלאכים־כאָרען אין מיינע אויערן. מיין האַרץ ווערט מיר פּלוצלינג אזוי לייכט־באפליגעלט און עס יובעלט און טאַנצט פאַר פרייד אנטקעגען גאָט׳ס הערליכקייט, ווי א זינגפויגעלע, וואָס שוועבט צום הימעל.

קלאָר קוקט מיר ווידער אוים דער גרונד פון אלצדינג.

אין'ם בוך פון די הייליגע פאַרטיפט זיך ווידער מיין זין, כדי פון דער טיפקייט פון די געדאנקען צו שעפּען כוחות, צו ווי־דערשטעהן די בייזע ליסטיגקייט פון'ם שטן.

נאָר ווען מיין גייסט איז פול מיט די העכסטע פריידען, ווען ער פאַר'שכור'ט זיך אלץ מעהר און מעהר מיט הייליג־סטע הייליגקייטען און דערהויבט זיך צום פייערדיגסטען עקסטאַז, דאַן לאָזט עס זיך אראָפּ ווי א שאָטען אין מיין האַרץ, און יעדע זאך באווייזט זיך פאר מיר אין א ניי קלייד.

מיר קומט פאָר, אזוי ווי שלאַנגען וואָלטען ארומגע־קראָכען צווישען די שורות און יעדעס וואָרט גליהט פאר מיר אין א נייעם זין. ווי א פינסטערע אַנטפּלעקונג קומט עס איבער מיר. איך קאָן זיך מעהר ניט וועהרען אנטקעגען דער פינסטערער מאַכט, וועלכע דרינגט אריין פון פאַרבאָרגענע אָפּגרונדען צו מיר אין דער נשמה און שטריקט ארום מיין מוח מיט צויבער־פעדים.

קוק איך אין מיין העכסטער נויט ארויף צו קריסטוס'עס בילד, וואָס הענגט איבער מיין בענקעלע, דאַן לאכט מיר מיט שפּאָט אנטקעגען א שד, וועלכער האָט זיך דורכגעבראָכען א וועג און איז פון'ם גיהנום געקומען צו מיר.

פון יעדען הייליגען־בילד שמייכלען טייוועלשע צורות, פון יעדען ווינקעל לאָזט זיך דער גיהנום מיט שטורם ארויף אויף מיר. שדים דרעהען זיך אין א ווילדען קרייז, אזוי אז איך געה שיער ניט אראָפּ פון זינען.

און אָט ענדערט זיך מיט אמאָל דאָס בילד. איך הער, ווי עס קומען צאַרטע קלאַנגען, וועלכע גנב'ענען זיך שטיל אריין צו מיר אין דער נשמה און לאַסטשען און רייצען מיך צו פאַרבאָטענע מעשים. דאָס קעמערל שמעקט ווי א רויזען־

קוסט, און הייסער און שנעלער לויפט מיר דאָס בלוט דורך אלע גלידער. צוטומעלטע שטימען שפּאַרען זיך ארוים פון דער טיפעניש, די דיקע וועגט ציטערן ווי אין קרעמפּען.

דאָ פאלען אראָפּ די קליידער פון די הייליגע און נאַקעט פלייש הויבט זיך און שטרעקט זיך אוים אין תאוה׳־דיגער היץ. און שוימענדיג ברעכט אוים דער שטראָם פון אלע טיפענישען; די גאַנצע ערד בושעוועט אין׳ם קראַמפּ פון וואויל־לוסטיגקייט. אצונד ווערט דאָס קעמערל פאר מיר דער „וועגוס־באַרג“, און אומפארשעמט צושפרייט זיך די אויסגעלאסענקייט פאר מיינע אויגען.

דאָ נעם איך צונויף מיינע לעצטע כוחות און שריי אוים צו גאָט אין מיין טיפסטער נויט. אָבער בלויז א מורא׳דיגער פלוך רייסט זיך ארוים פון מיין מויל, וואָס הילכט שוידערליך אָפּ דורך די שטילע האַלען.

אין א משוגענעם קרייז דרעהט זיך יעדעס בילד, ביז דער לעצטער גרעניץ פארשווינדט סוף כל סוף פון מיר. איך ציטער פאר מיין אייגענעם איך, וואָס קוקט מיר אוים אזוי פרעמד און אומדערגרינדליך, אַקוראַט ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געווען פארוואנדט מיט מיר.

אין א ווילדען כאָאָס שטורעמען די געדאנקען, דאן דרעהט זיך איעדער ארום אין א משוגענעם קאַראַהאָד. דאָ איז ניטאָ קיין אויבען, ניטאָ מעהר קיין אונטען, ביז די דאַמבע ווערט צושמעטערט ביים אויפשטייגען פון דעם דאָזיגען מבול, וואָס גיסט זיך אצונד פאַנאַנדער אָהן א שום גרעניץ.

אין א משוגענעם וויכער דרעהט זיך גוט און שלעכט; די טוגענד פּאָארט זיך אָהן בושה מיט דער אויסגעלאסענקייט, און וואו איך ערוואַרט צו געפינען גאָט, לאַכט שפּאָטיש

דעם טייוועל׳ס פּרצוף. וואו איז דער גרעניץ וואָס טיילט פאַנאַנדער די שטראָמען, וואָס צושיידט גאָט׳ס מלוכה פון דער מלוכה פון׳ם שטן?

איך אליין האָב פאַרלאָרן יעדען אָנהאלט און פיהל, ווי איך ווער אוועקגעריסען פון וויכערס, וועלכע שליידערן מיר מיט שטורם אריין אין דעם ברעגלאָזען ים — א שטרויעלע, וואָס טאַנצט ארום אויף די שוימענדע כוואליעס און האָט קיין אהנונג ניט וועגען דעם טיפען אָפּגרונד אונטער איהם. —

אין מיין מוח קאָכט עס און שטורעמט ארויף און אראָפּ. די זינד טראָגט דער טוגענד׳ס צניעות׳דיג קלייד. מאדאם וועגוס האַלט דעם דערלייזער פרעך אין די אָרעמס. גאָט און דער טייוועל דרעהען זיך אין טאַנץ, צו וועלכע די הייליגע שפּילען צו אויף האַרפּעס.

איך ווער צוטומעלט וועגען מיין אייגען הארץ און פּיהל, אז צוויי נשמות זיצען אין מיר. איינע רייסט מיך ארויף צו הימעל־הויכקייטען, בעת די אנדערע שלעפּט מיך אראָפּ אין אָפּגרונד, אין גיהנום.

מאריא, גנאָד־רייכע מוטער פון גאָט! דערהער מיך און די יסורים פון מיין נשמה! גיב מיר צוריק די רוה, דעם פרי־דען פון מיין האַרצען! דערלייז מיך פון׳ם זיסען גיפט פון דער זינד! זאָל מיין גייסט זיך ווידער אויפהויבען אין דער הויך און זיך זונען אין גאָט׳ס שטראַלען־גלאַנץ!

פאַרשוואונדען איז דאָס פאַרשידענפאַרביגע ליכט פון די פענסטער; די קירכע איז איינגעהילט אין פינסטערניש. בלויז אויף דעם בילד פון דער יונגפרוי ציטערט נאָך א שוואַ־כער שיין.

אצונד שטעלט זיך דער מאַנאַך אויף אין טיפסטען ווײַ־טאַג און שטרעקט אויס די הענט אין א הייסען געבעט. דאָס יונגע געזיכט איז פארצויגען פון זאָרג און ערגערניש; זיינע אויגען זוכען דעם בליק פון דער גנאָד־רייכער, צי זי ווייזט ארויס רחמנות, דערבארעמונג אויף זיין נויט.

דאָ שטראַלט ארויס געהיים לעבען פון׳ם בילד. די אויגען קוקען מילד אין׳ם ווייכען גלאַנץ, און לאַנגזאַם לאָזט זיך די רעכטע האַנד אראָפּ צו געבען די ברכה.

געראַטעוועט! רייסט עס זיך ארויס מיט פרייד פון זיין מויל. די טונקעלע אויגען קוקען אוים ווי באַגאָסען מיט ליכט, און די גאַנצע פארגליווערטקייט געהט איהם אראָפּ פון דער נשמה. די ענגע מויערן, וועלט און זאכען פארשווינדען. ער פיהלט, ווי ער ווערט ארומגענומען ארום און ארום מיט א ליכטיגען גלאַנץ און הערט דעם שטילען הויך פון דער א־ביגקייט.

אין קלויסטער געהט זיך דאָס לעבען זיין גאַנג. קיין פאַלשער טאָן שטערט ניט דעם פרידען, וועלכער וואוינט דאָ און דרינגט דורך מיט רוה די הערצער פון די ברידער. דער יונגער מאַנאַך פיהלט זיך ווי ניי באַלעבט. פארשוואונדען איז דער כשוף, וואָס האָט איהם געדריקט און ארונטערגעשלעפּט אין דער טיפעניש זיין געמיט. פארלאָשען, אָפּגעווישט איז דער מאסקעראד פון די ליידענשאפטען, וואָס האָט איהם אזוי אָפט פארנאַרט און געצויגען מיט א ברענענדער היץ.

מיט פרומען חשק דינט ער גאָט׳ם ווערק, און קיינער איז צו איהם ניט גלייך אין מונטערקייט, אין לייכטען גע־

מיט. זיינע ברידער, די מאָנאַכען האָבען איהם ליעב גע־קראָגען און זיי קוקען ארויף צו איהם מיט פרומען אָפּשיי, ווארים ס'איז קענטיג, אז גאָט'ס גנאָד רוהט איבער איהם.

אזוי פארגעהן די יאָהרען רוהיג און פרידליך, פריי פון וואָס פאר עס איז טומעל און יאָגעניש פון דער דרויסענדי־גער וועלט. דער מאָנאַך, וועלכער איז שטענדיג פארטיפט אין גאָט'ס וואָרט, האָט זיך שוין כמעט פארגעסען אָן דעם לויף פון דער צייט.

נו, קומט איין טאָג צו צו איהם דער עלצטער פון'ם קלויסטער און זאָגט, אז ער האָט איהם באַשטימט פאר דעם שומר פון אלע אוצרות, וואָס ליגען באַהאַלטען הינטער שווערע, דיקע ווענט, און וועלכע טראָגען אין זיך דעם גאנ־צען שטאָלץ פון'ם קלויסטער.

מיט אַן ערנסטער מיענע פיהרט ער איהם אוועק צו דעם אָרט, וואו אָט די הייליגטימער ליגען גוט־באַשיצט אין אלטע קופערם און אין שאפעס. דאָ זעהט ער שפּענדלעך פון'ם קרייץ, אויף וועלכען דער דערלייזער האָט געליטען די מורא'דיגע יסורים פון טויט, ביינער פון הייליגע, וועלכע זיי־נען געשטאָרבען מיט א פרעהליכען געמיט אלס מאַרטירער פאר זייער גלויבען. און הונדערט אנדערע זאַכען זיינען דאָ נאָך צוזייט און צושפּרייט, וועלכע זיינען באַשטימט צו ריה־רען די הערצער פון די גלויביגע און זיי ווייזען דעם וואונ־דער.

נאָכדעם ווי דער עלצטער האָט געוויזען דעם מאָנאַך אלע שאַצען, וואָס זיינען געלעגען שטיל פאַרבאָרגען אין קלויסטער, און ווען ער האָט איהם ערקלערט וואָס פאר א

היילגע קראפט עס ליגט אין אַט די טויטע זאכען, א קראַפט, וועלכע ווירקט און שאפט, — האָט ער איהם צוגעפיהרט צו אן אלטער שאַפע, וועלכע איז געשטאַנען פארטרוימט אין׳ם שאָטען פון א נישע.

אין דער דאָזיגער שאפע, זאָגט דער עלצטער מיט אן ערנסטען טאָן, געפינט זיך א לעבענס־עליקזיר, א געטראַנק, וואָס דער שטן אליין האָט צוגעגרייט. ס׳איז געווען באַשטימט פאר דעם הייליגען אנטאָניוס, ווען דער ניט־גוטער האָט אמאָל געוואָלט ארייננכאַפען אין דער פאסטקע. אָבער גאָט׳ס חסד האָט געוואַכט איבער איהם, און ווען דער היילגער איז געשטאָרבען, איז דאָס פלעשעלע מגולגל געוואָרן אהער, צו אונז.

מיין זוהן, אויך דאָס דאָזיגע פלעשעלע איז אין דיינע הענט, אונטער דיין אויפזיכט. טו גיב אלזאָ אכטונג, אז קיין מענשען־האַנד זאָל עס קיינמאָל אין זינדיגער תאוה ניט אָנריהרען. ווערט אימעצער געשטרויכעלט און אַט דער טייוועלשער געטראַנק קומט איהם אריין אין׳ם בלוט, דאַן איז ניטאָ מעהר קיין האָפנונג פאר איהם, ער פאַלט אריין אין די הענט פון די פינסטערע כוחות, פארלאָרן פאר דער צייט און פאר דער אייביגקייט.

דער עלצטער שליסט אויף דעם אלטען שלאָס און נעמט ארויס פון שאפע א רייך־פארפוצט קעסטעלע, וואו דאס פלעשעלע ליגט ווייך אויסגעבעט. און אזוי גיך ווי דער עלצטער עפענט אויף דאָס קעסטעלע, פארשפרייט זיך איבער דעם גאַנצען זאַל א זיסער, צאַרטער דופט, וואָס ווירקט ווי בארוישענדיג אויף אלע חושים.

דער יונגער מאָנאַך ווייסט ניט, וואָס מיט איהם קומט

פאַר. זיין בליק איז ווי צוגעשמידט צום פלעשעלע, וואָס דער אַלטער באַהאַלט שנעל צוריק אין שאַפע. בגנבה ציהט ער אריין אין זיך דעם זיסען ריח, וואָס פילט נאָך אלץ אָן דעם אַלטען חדר. האָט ניט דערזעלביגער ריח איהם שוין פריהער אַמאָל בארוישט? וואו איז דאָס פאַרט געווען, ווען יענער דופט האָט איהם דעם קאָפ פארדרעהט?

מיט אַמאָל דערפיהלט ער א שטילע אהנונג אין זיין הארץ. ס'איז געווען דער ריח, וואָס האָט אַמאָל אָנגעפילט זיין קעמערל, א דופט פון רויזען, וועלכע עפענען זיך אויף ביינאכט, א ריח, וואָס בארוישט, פאַר'שכור'ט די חושים.

ווי אין חלום הערט ער דעם אַלטען'ס ווערטער, און שטילע שטימען דרינגען איהם אריין אין די אויערן. — מיט אַמאָל פארשליסט זיך הינטער איהם די שווערע טיר. פארשוואונדען איז דער רויש, וואָס האָט איהם גענאַרט. מיט א שנעלער האַנד נעמט ער צו די שליסלען און באַהאַלט זיי טיף אין זיין גראָבען מאַנטעל.

דער טאָג געהט אריבער אויף דעם אַלטען געוועהנליכען שטייגער. נאָר ווען ער זיצט ביינאכט ביי זיך אין קעמערל, פארטיפט אין גאָט'ס הייליג וואָרט, דאָ דערפיהלט ער ווידער יענעם פיינעם ריח, וועלכער לעגט זיך שמייכלענדיג ארום זיינע חושים. צי זיינען דאָס אקאָרשט ניט די רויזען, וועלכע בליהען אין גאָרטען און שיקען אריין זייער דופט דורך'ן אָפענעם פענסטער?

אויף זיין טיש ליגט דאָס אלטע בוך, באלויכטען פון דעם בלייכען שיין פון'ם לאָמפ. אומזיסט באמיהט ער זיך צו כאַפען, צו פאַרשטעהן דעם זין פון די ווערטער, וואָרים יענער

ריח רויבט ביי איהם אוועק די רוח פון׳ם האַרצען. ער פיהלט, ווי עפּעס פרעמדס וויקעלט זיך ארום איהם ארום און זיין מוח ווערט ארומגעשטריקט פון ווייכע, צאַרטע פעדים.

דאָ דערזעהט ער אויף דער וואַנד א בלאַסען שאָטען, וואָס בויגט זיך אָן צו זיין בוך. א צומישטער קוקט ער זיך אום אין דעם ענגען צימערל און הערט דייטליך דעם קלאַנג פון א שטימע:

וואָס קווינקעלסטו זיך? דער שליסעל איז ביי דיר אין די הענט. טרינק פון׳ם פלעשעלע, וואָס איז אָנגעפילט מיט וויין. קלאָר וועט ווערן דיין זעל און צויבער־קרעפטען וועלען דורכגליהען דורך דיין לייב. דיין גייסט וועט וואַנדערן איבער פרעמדע לענדער און מעכטיג וועלען וואַקסען זיינע פליגלען.

דאָ פאַלט ער אויף די קניע פאַר דעם קרייץ. פון דער טיפסטער טיפעניש פון זיין נשמה שטראָמט ארוים זיין געבעט, וואָס זאָל איהם באַשירעמען אין זיין שווערער נויט:

אָה יעזוס, האָב רחמנות אויף דעם אָרעמען זינדער און באַשיץ מיך פון נייער זעלען־פּיין! באַהיט מיך פאַר יענער פרעמדער מאַכט, וועלכע שפּינט ארום מיין מוח מיט געמיינער כיטרעקייט, כדי מיך איבערצוגעבען צו די שרעקען פון׳ם גיהנום!

אזוי מאַטערט ער זיך אין אנגסטען די גאַנצע נאַכט, טוט תפלה און פּייניגט זיך דעם גוף מיט אלערליי אויסגעקלערטע יסורים און ענוים, ביז די מידקייט פאַרמאַכט איהם די אויגען.

בייטאָג קוקט איהם אלצדינג אוים ווי א חלום, נאָר ווען די צווייטע נאַכט לאָזט זיך אראָפּ, דאַן הויבט זיך פון דאָס ניי

אַן דאָסזעלבע שווידערליכע שפּיל. דורך'ן אָפּענעם פענסטער דרינגט אריין א זיסער ריח, און באלד פאַרנאַרט איהם ווי־דער דיזעלביגע שטימע:

דו שוטה, אויף וואָס וואַרטסטו? פאַרזאַם ניט די רגע! דאָס שיקזאַל האָט דיר אריינגעלעגט אין דער האַנד דאָס, וואָס עס איז קיין שטערבליכען ביז אהער ניט באשערט גע־ווען. לאָז ניט אריבערגעהן די שטונדע אומגענוצט. וואָס דו פאַרזאַמסט, דאָס וועט קיין אייביגקייט ניט ברענגען צו־ריק!

אזוי נאַרט און ציהט די שטימע אַלץ העכער יעדע נאַכט. ער פיהלט, ווי די כוחות פאַרשווינדען איהם בים־לאכווייז. און אין דער זיבעטער נאַכט האַלט ער עס מעהר ניט אוים. מיט א ווילדען אימפּעט יאָגט עס איהם ארוים פון'ם קעמערל. אין איין אָטעם לויפט ער דורך די קאָרידאָ־רען צו יענעם אָרט, אויף וועלכען עס וואַרט זיין שיקזאַל.

שנעל עפענט זיין האַנד די שמאָלע טיר. ער שטעלט אוועק דעם לאָמפּ אויף דער אלטער שאַפע און נעמט זיך אָן מיטביידע הענט ביי זיין האַרץ, וואָס ציטערט פאַר ווייטאָג אין זיין צעוואונדעטער ברוסט. אין פיבער־טרייסלעניש עפענט ער די שאַפע און שטעקט אריין די האַנד נאָך יענעם זעלטענעם שאַץ, וואָס האָט צוגעצ'גנב'עט ביי איהם דעם פריי־דען פון זיין זעלע.

זיין גאנצער קערפּער איז דורכגעטרייסעלט פון פראָסט; ער פיהלט, ווי דאָס בלוט שטעלט זיך איהם אָפּ אין די אָדערן. — אָט אָט האַלט ער שטום דאָס פלעשעלע אין דער האַנד. א זיסער דופט צומישט איהם, פאַרנעבעלט איהם דעם מוח. ציטערנדיג מיט'ן גאנצען קערפּער, ציהט ער ארוים די פּראָפּ־

קע און זעהט, ווי בלויע פונקען שפּריצען ארויס פון׳ם העלזועל. שנעל לעגט ער צו דאָס פלעשעלע צום מויל און זופּט מיט הייסער גיריגקייט דעם זיסען געטראנק, וואָס געהט דורך ווי א פייער דורך זיינע אָדערן.

דאָ קלינגט עס אָפּ פון דער ווייטענס אין זיינע אויערן: אצונד איז אלעם אוים! פאַרשפּילט דורך אייגענער שולד!—

מיט ווילדער האַסטיגקייט באַהאַלט ער ווידער דאָס קעס־טעלע אין דער שאַפּע און מיט שנעלע טריט פאַרלאָזט ער דאָס צימער. —

די אַלטע קירכע גלאַנצט מיט ליכטיגער פּראַכט, און טי־פער אָרגעל־קלאַנג פילט אָן דעם היילינען אָרט, וואו די גע־מיינדע האָט זיך פאַרזאַמעלט, כדי אויפצונעמען דעם האַר׳ס ברכה. דער טיפער קלאַנג ברויזט דורך די מענשען־הערצער, באַפרייט זיי פון די נויטען פון דער דאָזיגער וועלט און דער־הויבט דעם גייסט צו ליכטיגע הויכען.

דאַן פליסט ביסלאַכווייז אָפּ דער שטראָם פון טענער, ווערט אלץ שוואַכער און שוואַכער, ביז עס שטאַרבט ציטע־רענדיג אָפּ דער דער לעצטער קלאַנג. ארומגענומען פון א פייערליכען שטיל־שווייגען, געהט איצט דער יונגער מאָנאַך ארויף אויף דער בימה. דער בלייכער פּנים קוקט אוים ווי פון שטיין אויסגעהאקט און יעדע ליניע ווי געצייכענט פון א קינסטלער־האַנד. נאָר פון די טונקעלע אויגען שטראַלט ארוים א רויטער שיין, וואָס ווירקט ווי אן אָפּגלאַנץ פון אי־נערליכע פייערן.

ער שטעהט און שווייגט, אזוי ווי ער וואָלט וועלען מיט זיין בליק פאר׳כשופ׳ען די מענשען, וועלכע ערשיינען דאָ פאר

איהם. זיין אויג בויערט זיך טיף איין אין יעדען האַרץ, און עס געהט יעדען איינעם אריבער א שטילער שוידער איבער'ן לייב אונטער דעם דאָזיגען בליק, וועלכער דרינגט אריין מיט שאַרפקייט הינטער יעדען שטערן.

און אָט קלינגט עס טיף ווי גלאָקען-טענער פון זיין מויל, און אנגענעם, לאַסטשענדיג הילכט אָפּ זיין וואָרט אין יעדען אויער. גאַנץ מאָדנע איז די שפראך, וואָס ער רעדט, אזוי ווי יעדעס וואָרט וואָלט געהאַט א פאַרבאָרגענעם זין. די זאַצען פונקלען אין בונטע, הייסע פאַרבען, גיסען זיך צונויף און בויען אויף א וואונדערליכען בנין פון ניט-גע'חלום'טער פראַכט און הערליכקייט.

ווי פייער-צונגען שיסען ארויף די געדאנקען, פאַרטויי־לען זיך קנאַקענדיג אין טויזענט פונקען און פאַלען אראָפּ ווי א שטראַלען-רעגען. יעדעס וואָרט האָט דאָ זיין אייגען לע־בען און דרעהט זיך מיט די אנדערע אין'ם פאַרשידענ-פאַר־ביגען קרייז, כדי צו שאַפען ליכטיגע סימפאָניעס. דאַן לאָזט עס זיך ווידער אמאָל אוועק אין'ם אייגענעם קאַראַהאָד און בלישטשעט קלאָר אין'ם פייער פון דער אידעע.

די קירכע איז אָנגעפילט מיט א צאַרטען דופט, וואָס ווירקט נאַרקאָטיש אויף די חושים און ציהט ארויס מאָדנע געפיהלען פון האַרצען. —

די פרומע געמיינדע איז ווי באַרוישט און זיצט פאַרגלי־ווערט, פאַר'כשופ'ט פון יעדען וואָרט, וואָס רייסט זיך ארויס ביי דעם יונגען מאָנאַך פון מויל און לויפט דורך שטיל צי־טערענדיג דורך דעם קירכען-צימער.

אָבער ער אליין איז פאַרגליווערט פון שטוינען, אונטער־וואָרפען דעם צויבער פון זיין אייגענער רעדע. די אייגענע

ווערטער קלינגען איהם אָפּ אין די אויערן, אזוי ווי זיי וואָל־טען געקומען פון א פרעמדען מויל. ער פיהלט זיך ווי באַ־הערשט פון א חלום און צווייפעלט אין דער ווירקליכקייט, וועלכע רינגעלט איהם ארום.

ווער רעדט עס דאָ? פרעגט עס טיף ביי איהם אין דער נשמה. דאָס בין ניט איך — אַן אנדערער רעדט ארויס פון מיר. אזעלכע זאכען זיינען דאָך מיר קוים אויף׳ן זינען ארויפ־געקומען. איך שטעה בארוישט פאר מיין אייגען ווערק און איך פיהל, אז א פרעמדער האָט עס געשאַפען.

מיט אַמאָל הויבט זיך די שטימע אויף צום העכסטען קלאַנג און רוישט אין שטורמדיגע אקאָרדען דורך דעם קיר־כען־צימער, וועלכע צוטרייסלען די זעלע און רופען ארויס פון איהר אומדערהערטע געפיהלען. אצונד נאָך א יובעל־געשריי פון טיפסטער ברוסט, א לעצטער זיפץ, ווייך און פאַר־פיהרעריש; דאַן ווערט עס שטיל, דער לעצטער קלאַנג שטאַרבט אָפּ. —

די מחנה פון גלויביגע זיצט ווי בארוישט און קוקט נאָך אלץ צו דעם זעלבען אָרט, זאָגאַר דאַן ווען דער מאָנאָך האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרלאָזען די בימה.

ער אליין ווייסט ניט, וואָס מיט איהם איז געשעהן. די פרעמדע שטימע דרינגט נאָך אלץ אריין אין זיינע אויערן; די ווערטער גיסען זיך צונויף אין וואונדערליכער פראַכט, און די געדאַנקען זיינען ארומגעוועבט מיט א זיסען ריח. דאָס איז דערזעלבער ריח, וועלכער האָט ארויסגעזעצט פון׳ם פלע־שעלע, וואָס ער האָט אין יענער נאַכט גענומען צו זיינע ליפען. אצונד ליגט דער דופט ביי איהם אין בלוט, רעדט ארויס פון



מעדאַרדוס

יעדען וואָרט און שפּריצט פון זיין גייסט מיט בלויע פונקען.
פאַרלאָרן פאַר דער צייט; דאָך טרעגער פון אן אייגענער וועלט!

די נייע ידיעה קלינגט דורך שטאָט און דאָרף, אז א נביא איז אויפגעשטאַנען אין לאַנד. די קירכע קאָן קוים נאָך אריינגעמען די מחנות, וועלכע שטראָמען פון אלע ערטער, כדי צו הערען פון זיין מויל גאָט'ס וואָרט.

די גאנצע וועלט איז פול מיט לויב-געזאַנג פאַר איהם. שנעל, אויף'ן קוק שמידט ער צו צו זיך די הערצער פון די מענשען און פיהרט זיי צו א נייער וועלט.

בלויז דער עלצטער פון קלויסטער בלייבט ניט גערירט פון איהם. איהם קאָנען זיינע פייערדיגע רייד ניט פארטומלען דעם מוח. ער פיהלט, אז דאָ האָט געמוזט געשעהן עפּעס מורא'דיגעס און בעט גאָט, ער זאָל איהם שיקען קלאָרקייט, כדי ער זאָל קאָנען פארטרייבען די געפאַהר, וואָס הענגט איבער'ן קלויסטער, און ווי דעם שטן'ס ליסטיגקייט דראָהט זי די רוה און דעם פרידען פון'ם הייליגען אָרט.

און איין טאָג שיקט ער רופען דעם ברודער צו זיך און רעדט צו איהם מיט א טיף-טרויעריגען בליק:

מיין זוהן, דער ניט-גוטער האָט ארומגענומען דיין הארץ מיט זיינע לאַפּעס, כדי דיך אָפּצורייסען פון גאָט'ס גייסט. אויך פאַר מיר קוקט דיין וואָרט אויס צו זיין א וואונדער, אָבער ס'איז ניט גאָט'ס שטים, וואָס רעדט פון דיר ארויס. ס'איז דעם שטן'ס ליסטיגקייט, וואָס בינדט דיר אויף די צונג. די מאַכט פון פינסטערניש האָט דיך ארומגענומען, און אלץ טיפער ווערט דער אָפּגרונד, וואָס ציהט דיך ארונטער.

צו שטאַרק האָט דער טייוועל שוין דיין האַרץ פאַר־פיהרט, אז מיינע שוואַכע ווערטער זאָלען דיר קאָנען העלפען. דיר העלפען וועט בלויז גאָט, וועלכער וועט זיך דערבאַרע־מען איבער דיין נשמה. דיין שיקזאל ליגט אין זיין שטאַר־קער האַנד. נאָר ער קאָן דיך ראַטעווען פון דעם פלוך און באַפרייען דיין האַרץ פון דעם שטן׳ס רשעות.

די פראָסטע, די מענשען אָהן אורטייל האָט דיין וואָרט באַרוישט, אָבער עס ווירקט ווי א בייזער ביישפּיל אויף דעם דאָזיגען אָרט. עס שטערט דעם פרידען, וואָס האָט דא שטענדיג געהערשט, און פלאַנצט איין ביי אונז דעם גיפט פון זינד. מחמת דעם קאָנסטו דאָ לענגער ניט בלייבען.

פאַר דיר קאָן די דערלייזונג קומען בלויז פון דרויסען. נאָך האָב איך די האָפנונג ניט פאַרלאָרען. דו וועסט זיך אלזאָ ארויסלאָזען אין וועג קיין רוים, צו דערפילען א גע־היימע שליחות, וועלכע איך גיב איבער מיט גאָט אין דיינע הענט.

ניץ אוים די געלעגענהייט, וועלכע ווערט דיר איצט געגעבען, כדי דו זאָלסט צוריקגעפינען גאָט׳ם וועג. און ווען די חרטה וועט אויסלייטערן דיין האַרץ, דאַן קעהר זיך אום צוריק אַהער, אין אָט די מויערן, וואו עס קלאַפּט פאַר דיר א פאָטער-האַרץ.

מיין גייסט באַגלייט דיך אויף דיין וועג. דעם האַר׳ם ברכה זאָל הערשען איבער דיר! — טו מאַך זיך גרייט צום ווייטען ציל; וואָרים מאָרגען, נאָך איידער די זון וועט אויפ־געהן, וועט זיך דער טויער פאַרשליסען הינטער דיר.

אין מזרח וואַרפט די זון איהרע רויטע פייערדיגע שטרא־

לען און לאַנגזאַם פֿאַרגעהט דער בלאַסער בין השמשות׳דיגער שיין, וואָס האָט ווי איינגעהילט די זאכען אין שלאָף. די גראָזען זיינען באדעקט מיט פרישען טוי, און פרעהליך סוויש־טשעט עס פון יעדען צווייג. די בלומען וויגען זיך ביים ראַנד פון טייכעל, און לוסטיג רוישט די ראָד פון א מיהל. — ווי שען איז די וועלט אין איהר פּראַכט!

מונטער און קרעפטיג געהט זיך דער יונגער מאָנאַך זיין וועג און טרינקט מיט ענטציקונג די גאנצע הערליכקייט, וועל־כע האָט זיך מיט אמאָל אויפגעעפענט פאר זיינע אויגען. די וועגט פון׳ם קלויסטער ליגען הינטער איהם, און אָפען שפּרייט זיך אוים די וויטקייט. דאָרט הינטען ליגט פאר׳כשופ׳ט דאָס קליינע, וואָס האָט ארומגעשלאָסען זיין מוח ווי מיט געפענגעניש־ווענט און זיין פייערדיגען גייסט די פליגלען אָפגעהאַקט. אצונד קאָן ער ענדליך אויסשפּרייטען פריי די פליגלען און ווי אן אָדלער זיך וויגען אין׳ם וועלט־רוים, זיך אָנ׳שכור׳ן מיט זיין אייגענער קראַפט.

עס דוכט זיך איהם, אז יאָהרען זיינען שוין פאַרביי, זינט ער האָט איבערגעלאָזט דעם קלויסטער הינטער זיך. א שלייער לאָזט זיך אראָפּ אויף דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס וואָס איז אַמאָל געווען, קוקט אוים ווי איינגעהילט אין נעבעל, און שווער קומט איהם אָן זיך צו דערמאָנען אָן יענע צייטען, וועלכע ער האָט אַמאָל דורכגעלעבט.

אזוי געהט ער שוין זינט וואָכען אויף זיין וועג, ווען ער געפינט זיך מיט אמאָל ארומגערינגעלט פון א געדיכטען וואלד. דער טאָג האלט שוין ביים פארגעהן, און ער זעהט נאָך אלץ ניט קיין ציל פאר זיך, ביז ער פארלירט ענדליך דעם שמאָלען שטעג, און איבערגעלאָזט אין די הענט פון דעם

בלינדען צופאַל, שפּאַנט ער ווייטער און זוכט זיך דורכצו־ברעכען א וועג דורך'ן וואַלד.

מיט אַמאָל שטעלט ער אָפּ זיינע טריט; אין אָפּגרונד איז פּאַר זיינע פיס. די אַלטע בוימער שטעהען געדיכט איינע נעבען די אנדערע און הויבען אויף זייערע צווייגען אין דער הויך, אזוי אז פון אויבען דרינגט אראָפּ בלויז א שוואכער שיין.

פון הויכע פעלזען גיסט זיך אראָפּ א שטראָם אין אָפּ־גרונד, און שוימענדיג צוברעכט זיך דאָס וואַסער אָן שפּיציגע שטיינער, צושפּריצט זיך אין אלע זייטען. דער באָדען איז באַדעקט מיט ווייכען מאָך, און פארשידענ־פאַרביגע שוועמ־לעך שטעהען ארום אין קרייז. ווי א צויבער־לאַנדשאַפט פאַרכאַפּט עס זיין בליק. א טיפע בענקשאַפט געהט דורך דורך זיין ברוסט, און פאַר'חלום'ט קוקען זיינע אויגען אראָפּ אין אָפּגרונד.

דאָ דערזעהט ער א מאַן אין יעגער־קליידער, וואָס ליגט אויסגעשטרעקט ביים אָפּגרונד און שלאָפט רוהיג און אָהן זאָרג אין דעם גרינעם בין השמשות'דיגען שיין.

פאַרשענדיג קוקט ער אריין דעם שלאָפענדען אין געזיכט, און ווי א פאַרגעפיהל כאַפּט עס איהם אָן ביים האַרצען. איהם קומט פאָר, אזוי ווי ער וואָלט שוין אַמאָל דעם פּנים ערגעצוואו געזעהן. ער שטעהט און טראַכט, אָבער זיין מיה איז אומ־זיסט. פלוצלינג פאַר'גנב'עט זיך א געדאַנק ביי איהם אין מוח:

אשטייגער ווען איך זאָל אליין זיין אַט דער יעגער? מיר דוכט, אז איך האָב מעהר טאַלאַנט צו זיין א יעגער, איידער א מאָנאַך.

אָבער אזוי גיך ווי דער גערדאַנק איז נאָר אויסגעדענקט, דערפיהלט ער, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט איהם שנעלער. ווי א גיהנום'שער כשוף קאָכט עס איהם אין זיין בלוט; זיינע אויגען ברענען מיט ווילדער ליידענשאַפט, און רויטע שאָטענס שטייגען ארויס פון דער טיפעניש.

דאָ דערפיהלט ער מיט אַמאָל, ווי א פרעמדע מאַכט ציהט איהם אויס דעם אָרם. ער גיט דעם שלעפּער א ווילדען שטויס, אזוי אז ער פאַלט אראָפּ פון'ם פעלז אין אָפּגרונד. עס דערהערט זיך א מורא'דיגער פאַרדריקטער געשריי פון דער טיפעניש, דערנאָך שפּרייט זיך אויס די גרויסע שטילקייט, אזוי ווי אלצדינג וואָלט געווען ניט מעהר ווי א חלום.

מיט א צומישטען בליק קוקט ער אראָפּ אין אָפּגרונד און ווייסט נאָך אלץ ניט, וואָס מיט איהם איז געשעהן. דאָ הילכט אָפּ א פרעך געלעכטער אין זיינע אויערן, און א מונטערע שטימע רעדט צו איהם:

דער מאָנאַך פאַסט אייך אויסגעצייכענט צום געזיכט. אין די דאָזיגע קליידער קאָנט איהר דעם טייוועל פיהרען ביי דער נאָז. כ'ווינש אייך גליק צו דער דרייסטער טאַט, מיין איידעלער האַר! אייער ליבלינג זאָל אקאָרשט אליין ניט ווערן צומישט!

נאָך האַלב פאַר'חלום'ט ווענדט ער זיין בליק און זעהט אנטקעגען זיך א בחור'ל, וואָס קוקט איהם אויס ווי א לייכטזיניגער פאַזש. — אָבער דער דאָזיגער ווערט שיער ניט צופלאַצט פאַר געלעכטער; ער קרימט זיך און דרעהט זיך, ביז די טרערען קומען איהם אין די אויגען, און ער כיכעט און לאַכט, אַקוראַט ווי דער ניט-גוטער וואָלט אין איהם אריין.

א מאָנאַך! א מאָנאַך, ווי גאָט האָט געבאָטען! אזוי ווי ער וואָלט אָקאָרשט פון קלויסטער ארויסגעקומען. דאָס איז דאָך ווירקליך צו קאָמיש. דער שענסטער קונץ, וואָס איהר האָט ביז אהער געמאכט! — אָבער אצונד איז צייט, אז מיר זאָלען שטעלען פיס, וואָרים ביז'ן שלאָס איז נאָך א היבשער מהלך.

דער מאָנאַך פארשטעהט ניט קיין וואָרט, וואָס יענער רעדט; אָבער ער שמייכעלט, אזוי ווי אלץ וואָלט איהם גע־וועזן קלאָר. ביי איהם אין מוח דרעהט זיך אלעס ארויף און אראָפּ; אין'ם פּאַרביגען כאַאָס טאַנצען די געדאַנקען, און יעדע ווירקליכקייט פארשווינדט פון זיין בליק.

רויט שטעהט די זון שוין ביים האָריזאָנט, ווען זיי קומען צו צום ראַנד פון'ם וואַלד, און אויף א משופע'דיגען בערגעל באַווייזט זיך פאר זייערע אויגען א שלאָס, וואָס קוקט אראָפּ אין טאָל.

אצונד איז צייט, איך זאָל זיך שטילערהייט אָפּטראָגען, רופט זיך אָן דער פּאַזש, פינטלענדיג מיט די אויגען. וואָרים ווען מען זאָל מיך זעהן צוזאַמען מיט אייך, וועט אייך אפילו דער מאָנאַכען־מאַנטעל ווינציג וואָס העלפען. — זייט זיך אייך געזונט! און גליק צו דער זינדיגער טאַט!

אין דער צייט וואָס דער פּאַזש פּאַרשווינדט אין וואַלד, לאָזט זיך דער מאָנאַך געהן אויף דעם משופע'דיגען וועג, ביז ער דערגרייכט דעם טויער פון'ם שלאָס. — מיט אן ערנסטער מיענע און מיט א פריינדליכער באַגריסונג באַגעגענט איהם דער בעל הבית פון'ם שלאָס, אזוי ווי ער וואָלט שוין פון לאַנג אָן געבענקט נאָך איהם.

ער רעדט ווָעגען זיין זוהן, ביי ווענמען דער מוח האָט זיך איבערגעקערט, און שווערע ליידען רייסען זיך ארוים פון זיין ברוסט. דאָס שיקזאַל איז געווען אומפריינדליך צו איהם, אָבער ער האָט פונדעסטוועגען נאָך ניט פאַרלאָרן די האפנונג, אז דער מאָנאַך וועט איהם ברענגען דערלייזונג, וועט איהם ביישטעהן אין זיין נויט און מיט גאָט'ס הילף באלויכטען זיין קינד'ס מוח.

בעת דער גראַף עפּענט אויף דאָס האַרץ פאר דעם מאָ־נאַך און אַנטפּלעקט פאר איהם זיינע זאָרגען, נעמט איהם די גרעפין דורך מיט א הייסען בליק, אזוי אז דאָס בלוט קאָכט איהם אויף ווי פייער דורך די אָדערן.

און ווען די נאַכט הילט איין דעם שלאָס אין פינסטערניש און אלע גיבען זיך איבער דעם שלאָף, דאַן פאר'גנב'עט זיך די גרעפין צו דעם מאָנאַך אין צימער און זי נעמט איהם ארום מיט ווילדער לײדענשאַפט. ווי א שנעל שרפה'נדיג פייער פיהלט ער איהרע הייסע קושען, וועלכע זויגען איהם אוים דאָס בלוט פון האַרצען.

דער שטן גופא לעבט אין דער דאָזיגער פרוי, וועלכע בושעוועט ווי א ווילדע מיט אן אומגעשטילטען פייער. איהר נאַקעטער קערפער ציטערט און וואַרפט זיך ארום אין פיבער־היץ. מיט א משוגענער תאוה נעמט זי ארום זיין לייב און קרעכצט און כאָרכעלט, ווי די לעצטע כוחות וואָלטען איהר אויסגעגאַנגען פאר פאַרלאַנג.

דאָ דערפיהלט ער אליין, ווי א פייער וואָלט איהם דורך אין מוח. דער רויטער וואַנזין בושעוועט ביי איהם אין בלוט. ער זעהט, ווי די זינד בלישטשעט איהר ארויס פון די אויגען, און ער הערט, ווי איהרע ליפען שעפטשען שטיל:

פאַרברעכען איז דאָס העכסטע גליק. דאָס וואָס דו האָסט זיך דאָ באַוויזען פאַר מיר אלס מאָנאַך, דערהויבט די לוסט צו א ציטערענדען עקסטאַז.

אזוי פאַרשווינדט די נאַכט אין הייסער תאוה. אין מזרח גרויט דער ערשטער בלייכער שיין. דאָ רייסט זי זיך מיט אַמאָל ארויס פון זיינע אָרעמס, כדי קיין שפּיאָנען־אויג זאָל זי ניט דערזעהן.

ווי אין חלום פארגעהען די טעג, און יעדע נאכט די־זעלבע משוגענע בארוישונג. אין אָנפאַנג איז דער מאָנאַך ענטציקט פון דעם טאָפּעל־שפּיל, דאַן פיהלט ער, ווי עס פאַר־שווינדען פּאַמעלאך די גרענעצען, אין וועלכע זיין איך איז ביז אהער געווען געפאנגען. א געהיימער שרעק וואקסט אין זיין ברוסט און א קאַלטע מורא דריקט איהם צונויף דאָס האַרץ, ווען דאָס אייגענע בילד זיינס קוקט איהם אנטקעגען.

ווער בין איך? פרעגט ער זיך מיט א צומישטען בליק. בין איך דער מאָנאַך, וואָס דינט דאָ דער זינד? בין איך דער יעגער, וועלכער פוילט דאָרט אין אָפּגרונד? — א צווייטער איך וואַקסט אויס פאַר מיינע אויגען און פאַרכאַפּט דעם מאָ־נאַך׳ס קערפּער, כדי זיך צו פאַרטומלען, זיך באַרוישען מיט זינד. קוים שטעהט איין בילד קלאָר פאַר מיין זעל, אזוי נעמט עס אויף גיך אָן די פאָרם פון דעם אנדערן. דערנאָך דרעהען זיך ביידע ארום אין א ווילדען קאַראַהאָד, אזוי אז אין דעם וויכער פארשווינדט יעדער אונטערשיד.

איך פיהל, ווי עס שווינדעלט מיר אין קאָפּ און איך קאָן ניט מאַכען קיין חילוק פון אויבען ביז אונטען. דער מאָנאַך ווערט מיר פון טאָג צו טאָג אלץ פרעמדער, אָבער ער שלעפּט

מיט מיין נשמה מיט זיך און האַלט מיך פעסט מיט טויזענט אייזערנע קייטען.

איך קאָן שוין מעהר דעם צושטאַנד ניט אריבערטראָגען, כ'מוז ווידער קלאָר ווערן ביי זיך, ווער איך בין, כדי אָפּצו־שיידען אייגענע ליידען פון פרעמדער זינד.

אָבער וואַרט אקאָרשט! אצונד ווערט עס מיר ביסלאכ־ווייז קלאָר. ס'איז די פרוי, וואָס האָט מיר דעם קאָפּ פאר־דרעהט און אויף מיר אָנגעשיקט יענעם משוגענעם, ווילדען גייסט. אין איהר פייער צוגעהט מיין אייגענער איך — א שטיקעל וואַקס אין א שרפה'נדען אויווען.

און א געדאנק גנב'עט זיך אריין צו איהם אין מוח: זי דרעהט דיך ארום אין'ם משוגענעם קרייז, ביז דו וועסט ביס־לאכווייז אראָפּ פון זינען. ווילסטו דערקענען, ווער דו ביזט באמת, דאן מוזטו אפריהער דער שלאַנג דעם קאָפּ צוטרעטען.

דאָ ליגט אלעס רויט ווי בלוט פאר זיינע אויגען. אין זיינע אָדערן קאָכט דער חשק צו מאָרד. אצונד ווייסט ער, ווער עס האָט איהם דעם מוח פארפינסטערט.

און ביינאַכט, פאר'שכור'ט פון דער ווילדסטער ליידענ־שאַפט, זעצט ער אריין דער פרוי די נעגעל אין האלז, ביז זי ליגט א דערוואָרגענע ביי איהם אויף'ן בעט.

דאַן שרייט ער מיט קולות אין דער שטילער נאכט ארויס, און שוידערליך הילכט עס אָפּ דורך די וויסטע קאָרידאָרען.— מאָרד! מאָרד! קלינגט עס אָפּ מיט אימה איבער'ן גאנצען שלאָס. אָבער אין דער צייט וואָס אלע זיינען נאָך פּאַראַלי־זירט פון שרעק, כאַפּט זיך דער מערדער שנעל ארויס פון'ם טויער פון שלאָס, כדי צו פארשווינדען אין דעם נאָנטען וואַלד.

אצונד וואנדערט ער איבער דער וועלט אין ציוויל-קליי־דער אָנגעטאָן; דער גראָבער מאַנטעל פון׳ם מאָנאַך ליגט באַהאַלטען אין וואַלד. און בּיסלאכווייז קומט איהם פאָר, אז ער האָט מיט די נייע קליידער אויך א נייע נשמה אָנגעטאָן. אָבער רוה גיט איהם אויך די נייע נשמה ניט.

ווען ער האָט אין יענער נאַכט דערוואָרגען די פרוי, האָט ער געגלויבט, אז ער האָט באַזיגט דעם שונא, וועלכער האָט איהם אַמאָל די אייגענע זעלע אין צווייען געשפּאָלטען. אָבער דער מאָרד האָט ניט פאַרטריבען די פינסטערע כוחות, און אלץ פרעמדער ווערט איהם פון טאָג צו טאָג זיין איך, וועמען ער זוכט אומזיסט צו דערגרונטעווען.

דאַן געפינט ער זיך איינער אליין מיט זיך, פאַרלאָזען פון דער גאנצער וועלט, און ווען ער וואלגערט זיך ארום אָהן רוה אויף זיין געלעגער און פאָלגט נאָך די געדאנקען וועלכע פלאַטערן ארום אין זיין מוח, דאַן פיהלט ער אָפט די שוידער־ליכע נאָענטקייט פון׳ם וואַנזין.

וואו איז מיין איך? האַלט ער זיך כסדר אין איין פרע־גען. ווער וועט מיר העלפען אויסמעסטען די טיפקייט פון מיין וועזען? — מיר קומט פאָר, אזוי ווי די קעמערלעך פון מיין מוח וואָלטען געווען אָקוראַט ווי די געדיכט-פאַרשלאָ־סענע צעלען פון דער תפיסה. אין יעדער צעל וואוינט א משוגענער גייסט, שדים גיבען דאָרט אָן מעשים, נעהרען און האָדעווען שטיל אוים טעמפּע און שווערע געדאנקען, וועל־כע ציהען זיך און רייסען זיך סטראשענדיג פון אלע טיפע־נישען.

און ווען זיי ווערן דאָרט אין שטילען קעמערל אויסגע־רייפט, פאַרטיגע באַגריפען, דאַן עפענט א פינסטערע מאַכט

אויף דעם טויער. איצט קערען זיי ווענדען, מיט רויטע אוי־גען גיבען זיי זיך א לאָז דורך די קאָרידאָרען פון׳ם מוח, און זייער אָטעם שיסט מיט פיבער־היץ. זיי טאַנצען, שרייען, קלאַפּען אין די ווענט; אינצווישען הער איך א שטילען גע־רויש, אזוי ווי דער וואַנזין וואָלט זיך געריהרט אין די איי־זערנע קייטען.

וואו איז מיין איך? ווער וועט מיר אויפלייזען דאס דאָזיגע רעטעניש? — די קלוגע לייט האָבען געערעדט אזוי פיל וועגען אונזער וועזען און האָבען אונז איבערגעלאָזט דאָס וואָרט: דערקען זיך אליין! — אָבער זייער חכמה טראָגט דאָס היטעלע פון דעם הויף־נאַר; ס׳איז נאַרישקייט, אָנגע־טאָן אין א מאַנטעל פון ערנסטקייט, פוסטער שווינדעל, וואָס איז ניט ווערט קיין שמעק טאַביק.

דערקען זיך אליין! אָבער וואו זאָל איך אָנהויבען? אָט דוכט זיך מיר אוים, אז איך האָב דערטאַפּט דעם אייגענעם איך, אָבער ער ווערט גלייך צובראָכען, צושפּליטערט ווי גלאָז ביי מיר אין דער האַנד. און יעדער טייל טאַנצט ארום ארום מיר מיט מורא׳דיגען שפּאָט און שטעקט מיר ארוים די שפּי־ציגע צונג.

אָפט קומט מיר פאָר, אז מיין איך באַהאַלט זיך אונטער מאַסקען. אָבער קוים וויל איך אין משוגענער לייכטזיניגקייט איהם ארונטעררייסען די פאַלשע צורה, לאַכט מיר פרעך אנט־קעגען א נייע מאַסקע. איך צופּ, רייס, ביז דער אָטעם פאַר־געהט מיר, אָבער ווען איך נעם ענדליך אָן די לעצטע מאַסקע, דאַן פיהל איך, אז זי איז פאַרוואַקסען מיט׳ן פלייש.

און ווען איך וואָלט אפילו דעם פנים גופא אין שטיקער

צוריסען, וואָלט איך זיך אלץ אָנגעשטויסען בלויז אויף נייע מאַסקען.

זאָגאר אין אנדערע זעה איך שטענדיג מיין אייגען בילד, געשטאַלטען, וואָס זיינען ארויסגעקומען פון די געפענגנישען פון מיין מוח און וועלכע שפילען זיך אצונד אזוי דרייסט, אזוי געוואָגט מיט מיינע חושים.

די פיינסטע לאָגיק קאָן דעם געשפּענסט ניט כאַפּען, ווארים זי איז דאָך בלויז דער שאָטען פון אויסערליכע זאכען, אָבער אין דעם וועזען גופא דרינגט זי ניט אריין.

די זעלבסט־דערקענטעניש איז די שטאַרקייט פון׳ם גייסט. — ווי אָפט האָט מיין אויער פאַרנומען די אלטע געשיכטע! ווער עס דערקענט זיך אליין, דער איז דער האַר פון זיין שיקזאַל! — זעהר שען געזאָגט, אָבער עס איז דאָך ניט מעהר ווי א פוסט וואָרט. איך הער, ווי די גלעקלעך קלינגען מיט שפּאָט, און איך זעה דעם פּאַיאַץ אויף דער ביהנע, דעקלאַמירענדיג מיט אן ערנסטער מיענע זיינע נאַרישקייטען. — די אויערן געוועהנען זיך ביסלאכוויז צו צו דעם קלאַנג, און קוים איז מען נאָר געוואוינט צו די זאַכען, דאַן ווערט יעדע משוגעת דער גרונד פון׳ם טיפסטען אמת.

מיין אָרעמער איך, דו אייביג שאָטען־בילד! אויך דו ביזט נאָר א געשפּענסט, וואָס פארגוואלטיגט די פאַרנונפט; א בלענדענדיג, איינגעבילדעט ליכט, וואָס שפּוקט איבער זומפּען און נאַרט אָפּ און פאַרפיהרט און שלעפּט אונז אראָפּ אין טיפעניש. —

נו, פיהרט איהם אמאָל דער וועג זיינער אריין אין א שטאָט, וועלכע רייצט איהם אויף א מאָדנעם אופן. ווי א

ווייט פאַרגעפיהל לאָזט עס זיך אַראָפּ אין זיין האַרץ, אַזוי ווי ער וואָלט געוועזן פאַרבונדען מיט דעם דאָזיגען אָרט דורך אומבאַקאַנטע באַנדען.

דער צופאַל ברענגט איהם צו דעם קעניגליכען הויף, וואו ער זוכט צושטרייאונג אין זיינע יסורים. דאָרט ווערט זיין בליק ווי צוגעשמידט צו אַ יונגער שענהייט, וועלכע וועקט אויף טונקעלע זכרונות ביי איהם אין דער נשמה.

ער זעהט ווידער פאַר זיך די קליינע קלויסטער-קירכע, דערקענט דאָס בילד פון דער הייליגער ראָזאַליע, וואָס האָט מעהר ווי איין מאָל זיין בליק פאַר׳כשופ׳ט. לעבעדיג האָט איהם דאָס דאָזיגע בילד אויסגעקוקט צו זיין. אין אַ הייסער, דריקענדער נאַכט, ווען דאָס פייער פון זיינע תאוות האָט זיך צופלאַקערט, פלעגט די הייליגע ערשיינען פאַר זיינע בלי-קען אַלס ווענוס, וועלכע האָט געשמידט זיין לייב אין רוי-זען-קייטען.

און אַצונד האָט זיך ראָזאַליע באוויזען פאַר איהם אין פלייש און בלוט, אַקוראַט ווי ער האָט זי געזעהן אין׳ם בילד. — דאָ דערפיהלט ער, ווי עס ברענט אַ פיבעריש פייער ביי איהם אין האַרצען, און יעדעס פעדימעל פון זיין וועזען ציהט איהם צו איהר, וועלכע האָט געווירקט אַזוי געהיימניספול אין זיין לעבען.

און זיין פאַרלאַנג געפינט שנעל אַן אויער. די שענע טראָגט זיין בילד אין איהר האַרץ, און שטיל שפּינען זיך די קייטען פון דער ליעבע.

די ליעבע טראָגט איהם אויף איהרע פליגלען, הויבט איהם אויף צום הימעל. פאַרשוואונדען איז דער טיפער ווײ-טאָג פון דער נשמה, און די גאַנצע שווערקייט געהט איהם

אראָפּ פון האַרצען. די גאַנצע וועלט קוקט איהם אוים ווי באַגאָסען מיט ליכט, און שטראַלענדיג געהט אויף פאַר איהם א נייע זון.

די חדשים פליהען; עס דערנענטערט זיך דער חתונה־טאָג. פון לאַנג שוין האָט ער פאַרגעסען דעם נדר, וואָס האָט איהם אַמאָל פאַרבונדען מיט דעם קלויסטער און וואָס קיין פרויען־ליעבע האָט ניט געקאָנט אויפבינדען.

ער טרעפט די כלה אין'ם אלטען פירסטען־שלאָס, וואו זי ווארט אויף איהם מיט הייסער בענקשאַפט.

נאָר פּלוצלונג דערהערט מען פון דער גאַס א גערויש, אזוי ווי א שווערער וואָגען וואָלט צוגעפאָהרען צום שלאָס. נייגעריג געהט דאָס איידעלע פּאָר'ל ארוים אויף'ן באלקאָן. דאָ דערזעהען זיי, ווי פאַר'ן הויז שטעהט דעם תליון'ס וואָגען, אויף וועלכען א מאַנאַך איז געשמידט אין קייטען. דער תליון שטעהט פאַר איהם אין'ם רויטען מאַנטעל, כדי איהם אָפּצו־פיהרען צו דער תליה.

אז דער מאַנאַך דערזעהט דעם חתן, פאַרקרימט זיך זיין געזיכט אזוי, אז ער קוקט אוים ווי א שד. פון שווארצע אוי־גען שטראַלט ארוים דאָס פייער פון משוגעת, און הייזעריג רייסט עס זיך ארוים פון דער טרוקענער קעהל:

קום, ברודערל, ארונטער פון'ם באלקאָן! הי־הי, דער תליון רופט צום שוידערליכען שפּיל! און ווער עס דער־שלאָגט דעם אַנדערן, דער זאָל זיין קעניג און טרינקען בלוט פון א גילדערנעם בעכער!

פּלוצלינג באַפאַלט איהם א פּחד, ווי דער שרעק פון'ם גיהנום; דער וואַנזין נעמט איהם אָן ביים טויטען האַרץ.

ער זעהט פאר זיינע אויגען א ים פון בלוט, ער זעהט, ווי רויטע הענט שטרעקען זיך אויס פון דער טיפעניש.

דאָ שטעכט ער אריין דער געליבטער א קינזשאל אין הארצען, לאָזט זיך ארונטער מיט איין שפרונג פון׳ם באל־קאָן און ברעכט זיך דורך א וועג צום תליון׳ס וואָגען. דער תליון פאלט, געטראָפען פון׳ם קאלטען שטאָהל. דערנאָך צוברעכט ער שנעל די קייט, מיט וועלכער דער מאָנאך איז געשמידט. מיט איין שפרונג שטעהט ער אויף׳ן וועג און לויפט אזוי לאַנג, ביז דער וואלד נעמט איהם אונטער זיין שוץ.

דאָרט לאָזט ער זיך אראָפּ א מורא׳דיג פארמאטערטער צו דער ערד און ליגט, אזוי ווי דער טויט וואָלט איהם דער־שלאָגען.

דאָ שפרינגט איהם ארויף אויף׳ן רוקען א געשפענסט, און א שטימע פייפט איהם אין די אויערן:

אצונד בין איך שטענדיג ביי דיר, דיין צווייטער איך! קיינמאָל וועסטו זיך ניט באפרייען פון מיין לאַסט! איך לעב דיינע טעג, חלום דיין חלום און וועל אמאָל שטארבען דיין טויט! —

דאָ הויבט ער מיט גרויס מיה אויף דעם מידען קערפער און געהט זיך לאַנגזאַם זיין לאַנגען וועג דורך ווייטע לענ־דער, איבער ווייטע ים׳ען, ביז איין שענעם טאָג ווינקט צו איהם דער לעצטער גרעניץ. —

* *

*

גרוי איז דער הימעל. עס געניצט דער מדבר.

אויסגעשטרעקט אין׳ם ברוינעם מדבר־זאַמד ליגט א

ספינקס פון שוואַרצען מאַרמאָר־שטיין, דער בליק פאַרזונקען אין׳ם רייך פון וויסטע ווייטקייטען.

ניט שנאה, ניט ליבשאַפט שטראַלט ארויס פון׳ם דאָזיגען בליק. דאָס אויג איז פאַרשלייערט פון טיפען טרוים, און אויף דער קאַלטער פראַכט פון די שטומע ליפען שוועבט שטיל־שמייכלענדיג די שטילסטע אייביגקייט.

דער פינפטער וואנדערער קוקט אריין דער ספינקס אין די אויגען, נאָר איהרע רעטענישען קאָן ער ניט דערגרונטע־ווען, און שטום, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט, לאָזט ער זיך אַראָפּ אין דעם שטויב פון׳ם מדבר.

דער זעקסטער וועג

פון וואַנען ער איז געקומען, איז געבליבן א סוד פאַר דער גאַנצער וועלט. ער גופא וואָלט עס קוים געקאָנט זאָגן. אָפט נעמט איהם ארום א שטיל געפיהל, אזוי ווי ער וואָלט ארויסגעקומען פון א צויבער־לאַנד, וואָס גרויט און טונקעלט פאַר די אויגען אין בלויע ווייטקייטען און וועקט א שטומע בענקשאפט ביי איהם אין דער נשמה.

פאַר זיינע אויגען ליגט דעם דיכטער׳ס וועלט, א פאַר־חלום׳טער ברעג, ארומגענומען פון ים, וואָס באהאלט אין זיך טויזענט בלויע וואונדער און עפענט נאָר פאַר דעם גלויביגען אויף די טירען.

ס׳איז א נשמה־וועלט, וואָס ווינקט צו איהם. דאס וואונדער־מעשה׳לע זיצט אויף א בלומען־טראָן און שפינט אריין געהיימע פעדים אין דעם וועלט־אל. א ווייכער קלאַנג פילט אָן די לעבליכע לופט און וועקט אויף אין דער ברוסט א פאַר־חלום׳טע בענקשאפט, וואָס וויגט זיך שטיל און רופט ארויס נייע קלאַנגען אין האַרצען.

אין יענעם רייך פעהלען אלע צוימען, וועלכע צושיידען געוועהנליך די ברואים איינע פון די אנדערע. אפילו דער שטיין

איז באַשאַנקען מיט'ן כח הדבור, קאָן זאָגען זיין וואָרט; עס רעדט דאָס טייכעל, די בלום און דער שטערן. אין יעדער זאַך איז פאַראַן א קלאָרער גייסט, וואָס אנטפּלעקט זיך מיט פרייד פאַר דעם מענשען און דעקט פאַר איהם אויף דעם גרויסען בונד פון'ם וועלט־אַל.

דער ריח פון דער רויז איז פארוואנדט מיט'ן שטערן, דעם ווינט'ס בלאָזען מיט דער פראכט פון דער ליליע. עס שפּיגעלט זיך אָפּ דער וועלט־אַל אין יעדען טייל, און פון'ם גאַנצען שטראַלט אָפּ צוריק דער טייל. דעם מענשען'ס איך געפינט זיך אין דעם גרויסען „מיר", און פון דעם „מיר" ווי־קעלט זיך פאַנאַנדער די אייגענע קראַפט.

פון יענעם לאַנד איז דער טויט פאַרטריבען; פאַראַן בלויז א קומען און אן אוועקגעהן, א זיסער אָפּשיד, א זיך ווידער־געפינען. דער גייסט פון די זאַכען ווירקט אין יעדען שטיין און געפינט אן אָפּקלאַנג אין יעדער ברוסט.

אין טיפע הייהלען פונקלען די קרישטאָלען אין א ים פון וואונדערליכער פאַרבען־פראַכט, וועלכע וואַרפט איהרע שטראַלען אין דער נשמה, וועקט אויף א געהיימען פייער אין מענשען־הערצער און שפּיגעלט זיך אויף א זעלטענעם אופן אָפּ אין מח, אזוי אז יעדע זאַך קוקט איהם אוים ווי דורכגע־דרונגען פון ליכט.

געדאַנקען פאָרמירען זיך ווי די קרישטאָלען און שטראַ־לען מונטער אין ריינעם גלאַנץ, קיינמאָל ניט פאַרדעקט פון קיין פינסטערן וואָלקען. אויף צויבער־בלומען וויגען זיך אידעען ווי פאַרשידענ־פאַרביגע שמעטערלינגען, וועלכע ווערן פאַר'שכור'ט פון דופט און טרינקען אלץ נייע פריידען פון טויזענט בלומען־קעלשיקלעך.

פון טרוימען ווערט געבוירן די ווירקליכקייט, וועלכע רופט גלייך ארוים נייע טרוימען, אזוי אז חלום און וואָהר געפינען זיך אייביג און דורכדרינגען זיך טיף און הארציג.

אָבער נאָר דער דיכטער וואוינט אין יענעם לאַנד, וואָס איז פרעמד פאר אלע אנדערע קינדער פון דער ערד, וועלכע זיינען צוגעבונדען צו דער קליינער נויט פון דער צייט און מוזען טאָג־טעגליך מאַטערן דעם מוח און זיך פלאגען אין דעם שווערן יאָך פון דער פליכט, וואָס האלט זיי געשמידט.

נאָר ווען דער דיכטער קלאַפּט אָן אין דער נשמה, דאַן לייזט זיך לאַנגזאַם אויף דער כשוף פון דער ווירקליכקייט. פאַרבאָרגענע סטרונעס הויבען אָן צו ציטערן, און שטיל קלינגט עס אָפּ אין האַרצען. א געהיימע בענקשאַפט רייסט זיך שטום ארויף, און פון דער טיפעניש הערט זיך א זוייט ליד. —

אין חלום האָט ער יענע וועלט געזעהן. אצונד איז דער חלום געוואָרן פאר איהם א ווירקליכקייט, וועלכע ציהט איהם ווי א ווייטע היים. ער זעהט די יסורים פון די מענשען און זייער שטילע פיין, זעהט, ווי זייער לעבען פארגעהט אָהן פרייד, ווי די דורות געהען אראָפּ אין גרוב מיט טיפע ליידען און מיט צואוויינטאָגטע, פאר׳חשך׳טע הערצער, וואָס קיין שטראל פון דער אייביגקייט האָט קיינמאָל ניט באריהרט.

וואָרים אויף דער ערד הערשען זאָרג, קריג און טויט. דער וויטאָג בלייבט אונז בירושה פון גרויע זיידעס, און ביים ראַנד פון׳ם קבר לאָזען מיר איהם איבער פאר די אנדערע, כדי זיי זאָלען מיט דעם זעלבען שווערן יאָך אויף די פלייצעס וואַנדערן ווייטער אויף דעם זעלבען לאנגען וועג, וואָס פיהרט פון׳ם נעבעל אין׳ם נעבעל.

דער טיפסטער יאָמער פון׳ם לעבען נעמט איהם ארום, ווען ער באטראכט דעם גורל פון די ערד־קינדער, די גרויע מאָנאָטאָניע פון דער אלטעגליכער נויט, אין וועלכער עס פאר־בלאָנדזשעט זעלטען א שטראל, וואָס דרינגט אריין פון דעם דיכטער׳ם ווייטע לענדער, צו עפענען פאר די מענשען ליכ־טיגע וועלטען, די טיפע בענקשאפט נאָך דעם נייעם רייך.

זיין גאַנץ וועזען איז א בילד פון חן, פון ליבליכקייט. די בלאָנדע האָר ראהמען ארום דעם פיינעם שטערן, פון בלויע אויגען שטראלט ארוים דער שיין פון ליעבע און שטילע בענק־שאַפט, וועלכע לעכצט נאָך וואונדער.

תמיד איז זיין מוח פארנומען מיט אנדערע, קיינמאָל מוטשטעט איהם ניט דער געדאנק וועגען דעם אייגענעם איך. אין ליעבע וואָלט ער ארומגענומען די גאַנצע וועלט און וואָלט וועלען לינדערן פרעמדע לײדען און פרעמדען ווייטאָג, וועל־כע קלינגען אָפּ טיף ביי איהם אין דער נשמה, אזוי ווי זיי וואָלטען זיך גענומען פון דער אייגענער נויט.

ער איז א זינגער, פון גאָט געבענשט, און ווען זיין ליד שטראָמט איהם ארויס פון די ליפען, פארשווינדט יעדע ערד־ליכע נויט און יעדער ווייטאָג. די מענשען זיינען פאר׳כשופ׳ט פון דעם דאָזיגען קלאַנג, וועלכער רוישט דורך דער נשמה ווי א ווייט פאַר־געפיהל וועגען א וועלט, וואָס מען האָט נאָך ניט געזעהן.

א נייע וועלט! דער דיכטער טראָגט זי אין זיין הארץ ווי די פארשפרעכונג פון א ווייטער צייט, וועלכע לאסטשעט און נעמט ארום די נשמה מיט א צאַרטען, זיסען רויש.

פון זיין ליד הערט זיך ארוים דאס רוישען פון׳ם ים, דאס

דופטען פון די בלומען און דאס שטראלען פון די שטערן; עס קלינגט אַפּ די בלויקייט פון'ם הימעל, דער גלאַנץ פון דער זון, דער שטילער, צאַרטער טאַנץ פון בלומען-גייסטער ביים שיין פון דער לבנה און וויטע, פאַר'שכור'טע געשרייען פון וואַסער-גייסטער, זיסע, רייצענדע קלאַנגען פון דעם גן עדן, פון וועלכען דער ערדען-זוהן איז אמאָל פאַרטריבען געוואָרן.

די גרויסע בענקשאַפט קלינגט ארום פון זיין ליד, דער צויבער-רוף, וואָס הילכט אָפּ פון דער וויטען, כדי צו מאַכען א סוף צו אלע יסורים פון דער ערד און ברענגען וואָס גיכער די צייטען פון דערוואַרטונג און דערפילונג.

אזוי וואַנדערט ער, א זינגער, איבער'ן לאַנד, א דיכטער, וואָס שאַפט זיך פון ווערטער וועלטען. ווען זיינע פינגער באַריהרען די סטרונעס און צאַרטע קלאַנגען שטראָמען ארויס פון זיין מויל, דאן הערען זיך אפילו די שטיינער צו צו זיין ליד. די פייגעלעך ווערן פלוצלינג אנשוויגען אין די צווייגען, און פאַר'חלומ'ט לאָזט עס זיך אראָפּ אויף בוים און קוסט.

דאָרט, וואו ער וואַנדעלט, פאַרשווינדט יעדער וויטאָג. ער טרייבט ארויס די זאָרג פון דעם מענשען'ס הארץ און פאַר-יאָגט די ליידען, וואָס קוועלען ארויס פון דער טיפעניש.

נו, איז ער איינמאָל געקומען אין א וויטען אָרט, אין וועלכען זיין ליד האָט אפגעקלונגען צום ערשטען מאָל. און יעדער איינער איז ווי פאַר'כשופ'ט און קוקט איהם מיט ענט-ציקונג אין מויל אריין. קיינמאָל נאָך האָט מען אזא זינגער ניט געהערט, וואָס פארכאַפט די הערצער ווי אין חלום און האַלט זיי געשמידט אין'ם צויבער פון זיין בענקעניש.

לאַנג פאַרווײלט ער אין די מויערן פון יענער שטאָט, און

ווען ער טוט זיך ענדליך אָן א כח און באשליסט צו נעמען אָפּשיד, דאָ באווייזט זיך פאר איהם א זקן אין ווייסע האָר און רעדט צו איהם מיט איינדרוקספולע ווערטער:

דו ביזט א קעניג צווישען אלע דיכטער, א זינגער, ווי די וועלט האָט קוים אַזאַ איינעם געזעהן. אז איך הער דיין ליד, קלינגט עס אָפּ אין מיין נשמה ווי א שטיל פאַרגעפיהל וועגען א וויטער צייט, אין וועלכער קיין מענשען־לייד וועט ניט פאַראומערן די ערד.

אין דיין ליד לעבט דער גייסט פון וויטקייט, וועלכער עפענט אויף אין הארצען געהיימע טירען, וועקט אויף געדאנ־קען, וועלכע ווינקען נאָר אין חלום ווי ליכטיגע וואונדער פון א לבנה־נאַכט.

דיין הארץ, וואָס קוקט אוים צו זיין געמאכט פון טויזענט קלאַנגען, הויבט זיך אויף פון יעדער ערד־שווערקייט און גיסט אריין א שטראָם פון ליכט אין אונזערע הערצער.

דו ביזט ווי דער מלאך, וואָס אָנשטאָט א הארץ טראָגט ער אין זיין ברוסט א האַרף, פון וועמעס סטרונעס עס קומען ארוים טיפע קלאנגען וועגען הערליכע פעלדער, וועלכע זיינען אונז פרעמד. דו ביזט אויפגעשטאַנען פאר אונז ווי א נייער זעהער, וואָס וואַרפט אריין אין אונזערע זעלען א מילדען שיין און טראָגט זיי אנטקעגען דער נייער וועלט, וואָס דיינע לידער זאָגען אָן וועגען איהר אָנקומען.

אָבער, יונגער מאַן, שנעל פארגעהט די צייט, און עס וועט קומען די שעה, ווען דיין מויל וואָס שטראָמט נאָך היינט מיט ליכטיגע קלאַנגען, וועט אנשוויגען ווערן, ווען דער טויט וועט זיך מיט איהם צוקושען. דאן וועט דיין ליד פארשטומט ווערן אויף אייביג, וועט אָפּשטארבען ווי א טאָן אין שטילער

נאַכט. עס וועט גאָרנישט איבערבלייבען פון דיין ווערק ווי נאָר דער געדאנק, אז דו האָסט אמאָל געלעבט.

דורות וועלען קומען און פארגעהן, און פארשווינדען וועט דיין נאָמען אלץ מעהר, געדיכט ארומגעוועבט פון׳ם נע־בעל פון דער לעגענדע, ביז עס וועט סוף כל סוף ניט בלייבען דערפון מעהר ווי א שוואכער שאָטען.

דער דיכטער קומט פון אן אנדער וועלט; זיין ליד קלינגט איהם ארוים פון א שטילען רייך. דאָרט, וואו עס בלויט די וויטקייט אין׳ם ברייטען, ווייטען רוים, איינגעהילט פון צאר־טע, טונקעל-שיינענדיגע נעבעלס, דאָרט ליגט יענעס וואונ־דערלאַנד, דאָס ציל פון אונזער בענקשאַפט.

א ווייכער, מילדער גלאַנץ שטראלט איבער יענעם אָרט, וואו א זילבער-פלאַם הויכט ארוים מיט שווערער בענקעניש זיין שטיל ליד אין טיפע ווייטקייטען.

און ליכטיגע שאָטענס שוועבען ארום אין א לייכטען טאַנץ ארום יענעם פלאַם, הערען זיך צו צו זיין ליד, צו דעם ליד פון בענקשאפט און פון שעפפער-טרוימען.

דאָ גיט דער פלאַם א צוק, ווי אין שטומע יסורים. פון׳ם בלייכען ליכט טיילט זיך אָפּ א טרער און פאַלט אראָפּ אין׳ם טאָל פון די ערדען-זיהן, כדי צו באַפרוכטען א דיכטער-זעלע.

אָט אזוי ווערט דורכגעפיהרט די מיסטעריע, וואָס שוועבט ארום דער געבורט פון׳ם זינגער. דורך יענעם טרער בלישטשעט פאר איהם די אייביגקייט, און שטיל קלינגט איהם יענעס ווייטע ליד, וואָס צייטיגט אוים די בליהענדע חלומות אין בלויער פראַכט.

אויף זיינע ליפּען ציטערט אצונד דער קלאַנג, דאָס ליד, וואָס דער ליכטיגער פלאַם האָט איהם געזונגען און וואָס

דרינגט אריין טיף אין די הערצער פון די מענשען-ברידער, ווי א שליחות, א בשורה פון דער נייער וועלט.

אָבער דיר האָט א גאָט געגעבען געזאַנג. אין דיין זעל ברויזען צוויבער-קרעפטען, וועלכע קיין שעפּפער-ווילען האָט נאָך ניט באַפרייט. דו וואָלסט געקאָנט ווערן א דערלייזער פאר דער דאָזיגער וועלט און זי ראַטעווען פון די יסורים פון קנעכטשאַפט, וועלכע נאָגען ווי א וואָרים אונזער הארץ.

פון אַלטע, אַלטע צייטען אָן געהט די מענשהייט איהר וועג, וועלכער פארלירט זיך אין גרויען בין-השמשות-ליכט. א לאַנגער צוג. כמעט אָהן אן ענד זיינען די מענשען-רייהען, וועלכע טראָגען אויף'ן שטערן קין'ס צייכען און זינט טויזענ-טער יאָהרען שלעפּען זיי זיך דורך די צייטען ווי מידע וואנ-דערער, וועלכע האָבען פארלאָרן זייער ציל.

אָנגעלאָדען מיט דעם שיקזאַל'ס שווידערליכען פלוך, אי-בערגעלאָזט אויף הפקר פאר דער שווערער נויט פון דער שטונדע, געהען זיי דורך דער שרפה'נדיגער היץ פון'ם מדבר, דורך די שניי-פעלדער פון מורא'דיגע איינזאמקייטען. די גאַנצע משא פון די צייטען ליגט אויף זיי. וואָס די פארגאנ-גענהייט זאָל אונז ניט איבערגעבען, זיי טראָגען עס, ביז זייע-רע קניע ברעכען זיך איין. אָבער אנדערע הויבען אויף די טויטע, שווערע לאַסט און פארמאטערטע קרעכצען זיי דורך'ן טאָל פון'ם לעבען, ביז אויך זיי פאַלען אונטער דער שווערער משא.

און דאָך ליגט אויך אין זייערע נשמות טיף באהאלטען א פונק פון הייסער בענקעניש, וואָס טרייבט זיי צו יענעם שטילען, אומבאקאנטען רייך, וואָס שוועבט דאָרט צווישען

ליכט און פינסטערניש הינטער די שלייערן פון בלויע ווייט־קייטען.

אז די דאָזיגע בענקעניש גערט אריין טיף אין די ביי־נער, ווערט פלוצלינג פון דעם פונק א פלאַם, וואָס שיסט ארויף אין ווילדען דראַנג הויך צום הימעל. דאַן ברעכט זיך איין דער גוט־געבויטער בנין פון דער אָרדנונג, און אלטע וועלטען צופאַלען פלוצלינג אין שטיקער. אויף'ן רויטען הי־מעל טאַנצען נייע שטערן, און פון דער טיפעניש הילכען אָפּ שעפּפער־ווערטער, וועלכע פאָרמירען פון'ם כאָאָס נייע וועל־טען און לעגען אוים בריקען צו דעם בלויען רייך.

אָבער ביסלאַכווייז ווערט דער פלאַם ווידער קליין און פאַרשווינדט טיף אין'ם אָפּגרונד פון'ם געשעהן. עס בליי־בען נאָר שוואַכע פונקען דאָ און דאָרט, וועלכע גליהען שטיל אונטער גרויער אַש.

דאָס לעבען גערט זיך דאַן ווידער זיין אלטען וועג, און יעדער טאָג איז ווידער גלייך צו דעם אנדערן. די האָפנונג פאַרשווינדט פון דעם מענשען'ס האַרץ, און קיין קייכט שווע־רער אונטער זיין לאַסט, וואָס די קללה פון די צייטען האָט אויף איהם ארויפגעלעגט.

ביז עס פלאַקערן ווידער אויף פלאַמען פון די פונקען. דאָס איז דער אָנהויב פון א נייעם שפּיל; געהיימע כוחות ברעכען אוים פון דער טיפעניש, און ווידער אמאָל זוכט קיין דעם וועג צו יענער וועלט, נאָך וועלכער ער האָט אזוי אָפט אין שטומע יסורים געבענקט.

אָפט וויל ער עס דערגרייכען מיט'ן שווערד און פאַרגיסט זיין בלוט אין ווילדען ברודער־קאַמף. א רויטער ים דער־שטיקט די זריעה פון די פעלדער, אָבער קיין בריק פיהרט

ניט צום אנדערן ברעג. קיין זעגעל בלאָזט זיך ניט אָן אויף דעם דאָזיגען רויטען שטראָם, וועלכער שלעפּט אַראָפּ דאָס גאַנצע לעבען אין דער טיפעניש.

דאַן הויבט ער ווידער אָן גלויבען אין דעם טיפען בליק פון דער חכמה, קלערט אוים סיסטעמען, וואָס קומען ארויס פון שכל און זיינען אויפגעבויט אויף׳ן יסוד פון דער לאָגיק,— סיסטעמען, וועלכע זאָלען פאַר איהם אויפמאַכען די טויערן פון דער נייער מלוכה. אָבער ביז אַהער האָט איהם ניט געהאָלפען קיין לאָגישער שלום. וואָס דער שכל האָט אזוי חכמה׳דיג אויסגעקליגעלט, דאָס ברענגט איהם ניט א טריט נעענטער צו יענעם גרויסען ציל, וואָס ער זעהט פאַר זיך אין שטילע שטונדען, אזוי נאָנט, דוכט זיך, מיט די הענט אנצוּנעמען, און דאָך אזוי וועלטען־ווייט.

איך אָבער גלויב אין דעם דיכטער׳ס וואָרט. ער איז דער זעהער, וואָס זעהט די צוקונפט און וועקט בענקשאפט אין די הערצער פון די ערדען־זיהן, כדי זיי זאָלען מאכען פון טרוימען ווירקליכקייטען און אונז טראָגען פאָרוים צו נייע ווייטקייטען.

אָבער דו ביזט דאָך ניט מעהר ווי א מענש, געבוירן פון שטויב, וועלכער מוז אמאָל אָפּגעבען דעם גוף צוריק צו דער ערד. דאַן בלייבסטו בלויז א הויך אויף דער דאָזיגער וועלט. א נאָמען, וואָס וועט אפשר אָפּקלינגען דורך די צייטען.

נו, געוויס וועסטו מעהר ווי איינעם ברענגען גליק און פרייד, אָבער זאָל דיין ליד ניט קלינגען בלויז פאַר דעם מ ע נ ש ע ן, דער מ ע נ ש ה י י ט זאָלסטו ברענגען די בשורה פון דערפילונג! פון דיין ליעבע זאָל די וועלט גענע־

זען ווערן און פארשווינדען זאָל יעדער ערד־וועה און יעדע נויט! —

דער זינגער קוקט אריין דעם אלטען אין געזיכט, לייענט איהם אראָפּ פון די ליפּען יעדעס טיפע וואָרט און מיט א ריהרענדער שטים, פון טיפען הארצען, זאָגט ער צו איהם:

עהרווירדיגער זקן, ווי גערן האָב איך אייך אויסגע־הערט! דאָס וואָס איהר האָט גערעדט, קלינגט מיר אזוי היימיש, אזוי ווי איהר וואָלט געזאָגט דאָס, וואָס איך האָב געטראכט. ווען דאָס בלוט פון מיין הארצען וואָלט אייך גע־קאָנט העלפען, וואָלט דער דאָזיגער קרבן ניט געווען צו גרויס פאר מיר. דאָס שטיקעלע איך האָט א קנאפּען באטרעף, ווען עס וואָלט געבראכט דערלייזונג פאר דעם גאנצען, פאר דעם כלל. — אָבער עס ווייזט זיך פאר מיינע אויגען ניט קיין קלאָ־רער וועג, אויף וועלכען איך וואָלט געקאָנט דערגרייכען דעם דאָזיגען ציל.

א וועג איז דאָ, אָבער ער איז, פאַרשטעהט זיך, שווער, פאַלט איהם דער זקן מיט אן ערנסטען טאָן אריין אין די רייד. זוך אַקאָרשט אוים דעם שליסעל, וואָס שאפט די וואונדער! דעם וועג וועט דיר די גרויסע ליעבע ווייזען.

דעם שליסעל? פרעגט דער יונגער בחור ווי אין חלום, וואו זאָל איך איהם געפינען אין אָט דעם ערדען־טאָל? איך וואָלט געוואנדערט, געוואנדערט אָהן רוה דורך ווייטע לענ־דער, איבער ווייטע ים׳ען, כדי צו קריגען אָט דעם אוצר, וועלכער ציהט מיך ווי א מאגנעט צו זיך.

טו הער מיך אוים, זאָגט דער זקן מיט א ליכטיגער מיענע.

ווייט פון דעם דאָזיגען אָרט, אין א טאָל, וואָס קיין מענשען־פוס האָט נאָך ביז אהער ניט באטראָטען, בליהט א בלום שטיל אין בלויער פראַכט. אבער ניט פאר דעם טאָג עפענט זי אויף דאָס בעכערל. איהר געליבטער איז דער בלייכער שיין פון דער לבנה, אין וועמעס ליכט זי באָדט איהר שענקייט.

ווען העל ווי זילבער גלאנצט אָפּ דער לבנה־שטראַל און א נאַכטיגאַל שטאַרבט ביי איהר אייגען ליד, דעמאָלט וואקסט די בלויע בלום אויס פון דער ערד, דעקט אויף פאר די שטערן איהר שטראַלען־קרוין, וועלכע איז ווי א בלויער וואונדער צום אָנקוקען. די בלויע בלום איז דער וואונדער־שליסעל, וואָס וועט אויפעפענען פאר דיר א נייע צוקונפט — פאר דיר און די ברידער, וועלכע וואנדלען אין דער פינסטער.

און וואו קאָן איך געפינען די וואונדער־בלום? פרעגט איהם דער זינגער מיט א שטים פול מיט בענקשאפט.

דו מוזט זי זוכען, ענטפערט פאַרטראַכט דער גרייז־גרויער מאַן. געה ווייטער דיין וועג און וואנדער איבער דער וועלט, ביז דו וועסט קומען אין'ם טאָל פון דער בלויער בלום. ווייט איז דער וועג, און מעהר ווי איין שטערונג וועסטו אויף איהם באַגעגענען. אָבער האלט אויס! פארליר קיינמאָל ניט דעם מוט, וואָרים די ענטוישונג איז דער ערגסטער שונא, וואָס דו וועסט באַגעגענען אויף דיין וועג.

דער גלויבען איז דער פאָטער פון יעדער טאָט. גלויב אין דיין ציל, דאן האָסטו איהם האלב דערגרייכט. ווער עס וויל דורכפיהרען גרויסע זאכען אין דער דאָזיגער וועלט, דער מוז טראָגען באגייסטערונג אין הארצען, דארף ניט קו־קען ניט אויף קיין מיה, ניט אויף קיין ליידען און מוז געהן

מיט צוטרוי צום ווייטען, אומזיכערן ציל, אפילו ווען די אלטע וועגען קוקען איהם אוים צו זיין אָהן א שום ציל.

מיט׳ן בלוט פון דיין הארץ מוזטו באפרוכטען דיין וועג. ווער עס וויל האָבען גרויסע זאכען, דער מוז זיך אליין פאַר־שווענדען און טאָר ניט וואוכערן מיט דעם אייגענעם איך. נאָר דער וואָס וואַרצעלט אין׳ם גאנצען, קען די קראַפט פון דער ליעבע און זעהט די כוואליעדיגע, רוישענדע פעלדער פון דער צוקונפט.

דאָרט, וואו דער איך שאפט זיך אַן אייגענעם גרעניץ און שטעלט אויף ווענט צווישען מענש און מענש, דאָרט איז דער פרייער אויסקוק פאַרשפּאַרט פאר דיר. ווער עס וואוינט צווישען בערג, אין גריבער איינגעענגט, דער זעהט קיינמאָל ניט די ווייטקייט, וועלכע ציהט זיך אוים אָהן א סוף. ער זיצט און גריבעלט זיך אָהן אויפהער און רוה, דרינגט אריין אין די שאַכטען פון זיין וועזען, ביז אלצדינג קומט איהם ענד־ליך פאָר גרוי און ער פארלירט דעם וועג צו דעם גרויסען „מיר“.

וואַנדער, מיין זוהן, די גרויסע ווייטקייט רופט, און קוק זיך ניט אום אויף די שאָטענס, וועלכע שרעקען דיך! אויף יענער זייט פון די וואַסערן ליגט א בלויע וועלט. אין׳ם אומ־באגרענעצטען גליהען דיינע שטערן.

איך וועל זוכען, זאָגט דער זינגער שטיל. שוין פון לאנג האָט מיין אויג דערזעהן יענעם טאָל, אין וועלכען די בלויע בלום עפענט זיך אויף. אין שטילע חלומות האָב איך געזעהן יענעם אָרט, אָבער דער חלום איז געווען אזוי קלאָר און לע־בענס־וואָהר, אז ער האָט אויסגעזעהן ווי א ווירקליכקייט.

מיר קומט פאָר, אזוי ווי איך וואָלט שוין געהאַט געזעהן יע־נעם טאָל, נאָך איידער איך בין געקומען אויף דער דאָזיגער וועלט.

זייט געזונט, מיין פאָטער! די בלויע ווייטקייט רופט. דער ציל איז ווייט, כ׳מוז אלזאָ אויסניצען די צייט! ווי א שטיל קלינגען הילכט עס אָפּ אין מיינע אויערן פון יענעם טאָל, וואו דער שליסעל ליגט באַהאַלטען. זייט געזונט! די גרויסע שטונדע שלאָגט!

דאָ דריקט איהם דער זקן צו פעסט צו זיין ברוסט און ציטערענדיג טוט ער איהם א קוש אויף דעם ריינעם שטערן.

געה געזונט! זאָגט ער. וואנדער אין פרידען אויף דיין וועג און שפּאַן ארום אין דער מאָרגען־רויטקייט! קוק קיינ־מאָל ניט צוריק, וואָרים דאָס וואָס פארגעהט אין פארלויף פון׳ם טאָג און הויפּט זיך אָן הינטער דיר אלס פארגאנגענעס, לעגט ארום זיינע קייטען ארום דעם מענשען׳ס נשמה און רעגט אָן דעם מוח צו שווערע, פינסטערע מחשבות. —

אצונד קלינגט זיין ליד נאָך טיפער ווי פריהער, און אלץ וואָס לעבט אין זיין זעל טרעט איצט ארוים מיט אומגעשטער־טער קראַפט. זיין ליד איז געווידמעט דער בלויער בלום, און ווען די ווערטער שטראָמען פון זיינע ליפּען, געהט עס דורך ווי א חלום דורך יעדען מענשען־הארץ וועגען יענעם ווייטען רייך, וואָס ער האָט געזעהן.

א שטילע בענקעניש געהט דורך דורך יעדען הארץ, ווען ער באריהרט מיט לייכטע פינגער די סטרונעס, און זיין האַרף קלינגט אָפּ אין זיסע אקאָרדען. טיף דרינגט אריין זיין ליד ביז צום גרונד פון דער נשמה. דער לעצטער שליי־

ער פאַלט אראָפּ ביי דעם דאָזיגען קלאַנג, און מיט פרייד קלאַפּט יעדעס האַרץ איהם אנטקעגען.

אזוי וואנדערט ער אָהן אָפּרוה פון אָרט צו אָרט, דורך שטעט, דערפער, וועלדער, וויסטעניִשען, כדי צו דערבליקען יענעם שטילען טאָל, וואָס שטעהט אזוי קלאָר און דייטליך פאר זיין נשמה און קומט פונדעסטוועגען פאַר אזוי וויים פאר'ן אויג, אַקוראט ווי ער וואָלט געוועזען אויסגעשפּונען פון קלאַנג און דופט.

אין'ם שטראָם פון דער צייט פארשווינדט יאָהר נאָך יאָהר. גאָר אסך זאכען האָט זיין אויג שוין דערבליקט, נאר יענער טאָל, אין וועלכען די בלויע בלום עפענט אויף איהר פּראַכט ביים גלאַנץ פון דער לבנה, איז פאר איהם ביז אהער געבליבען פארבאָרגען ווי דער קבר.

אָבער קיינמאָל פאראומערט איהם די ענטוישונג ניט דאָס האַרץ. זיינע אויגען קוקען אזוי לעבעדיג און ריין, אָקוראט ווי די זאָרג וואָלט איהם קיינמאָל ניט געדריקט.

נו, קומט ער אמאָל אָן אין א פרעמדער שטאָט מיט רייכען לעבען, א געדרענג פון מענשען, וואָס ווירקט ווי א באַרוישונג אויף זיינע חושים. ענטציקט געהט ער דורך אסך אלטע גאסען און באוואונדערט די גאנצע רייכע פּראכט, וואָס שפּרייט זיך דאָ אוים פאר זיינע אויגען.

מיט אמאָל דערזעהט ער א רייך פארצירטע געביידע, אויף וועלכער עס גלאנצען די הערבען פון אלע לענדער. א רייכער סוחר וואוינט אין יענעם הויז, וועלכער איז פאַרבונדען מיט דער גאַנצער וועלט און וועמעס נאָמען ער האָט שוין פריהער געהערט.

צי ווייסט אקאָרשט ניט דער דאָזיגער פון יענעם טאָל, וואָס איך האָב ביז אהער אומזיסט ארומגעזוכט? שיסט פלוצלינג דורך א געדאנק דורך זיין מוח.

שנעל עפענט ער אויף די טיר, וועלכע פיהרט אריין אינעווייניג אין הויז. א דינער פיהרט איהם אריין אין א חדר, וואָס איז אָנגעפילט מיט די וואונדער פון דער גאנצער וועלט. — ביי א טיש זיצט אן אלטער מאַן, מיט דעם בליק פארזונקען אין לאנגע שורות פון ציפערן, וועלכע לויכטען ארויס צו איהם פון א שווערן, דיקען בוך.

דער אלטער קוקט איהם פאָרשענדיג אריין אין געזיכט און גיט א שמייכעל, ווען זיין בליק באמערקט די הארף, וועל־כע דער יונגער זינגער האלט אין דער האנד. דערנאָך פרעגט ער איהם אויף זיין נאָמען און זיין באגעהר.

וואָס עס האָט מיך געפיהרט צו אייך? איך ווייס עס כמעט אליין ניט, זאָגט דער יונגער בחור און א לייכטע רויט־קייט געהט איהם אריבער איבער׳ן פנים. — אָבער איך וואָלט אייך דאנקבאר געווען, ווען איהר קאָנט מיר אן עצה געבען. איהר זיינט א מאַן, וואָס איז באקאנט מיט דער גאנצער וועלט, און איהר האָט א ידיעה אין זאכען, וואָס ניט יעדער איינער ווייסט. האָט איהר אפשר געהערט אמאָל וועגען דעם טאָל פון דער בלויער בלום?

פון אַזא טאָל האָב איך קיינמאָל ניט געהערט, ענטפערט איהם דער זקן מיט א לייכטען שפאָט. נאָר אויב איהר האָט מיר פאָרצולעגען געשעפטען, דאן וועט שוין דער אָרט אויס־געפונען ווערן. איהר ווילט פרואווען אייער מזל מיט בלויע בלומען? איך גלויב קוים, צי דער האנדעל לוינט זיך. —

דער האנדעל? פרעגט דער זינגער מיט א קאלטבלוטי־גען טאָן. פון דער זעלען־וואַרע לאָזט זיך גאַרנישט איינ־האנדלען. קאָן מען מעסטען די בענקשאפט מיט'ן שעפעל און ארויפלייגען בלויע וואונדער אויף דער וואָג? דאָס טיפס־טע בלייבט אייביג פרעמד פאר דעם האנדעל. פארצייהט, אויב איך האָב אייך געשטערט מיט זאכען, וועלכע פאסען זיך ניט אריין אין די ראַמען פון אייערע עסקים.

איהר זיינט א שוטה! צובייזערט זיך אויף איהם דער אַלטער. ווער עס זוכט בלויע וואונדער פאר דעם בלייבט די ערד פרעמד, און עס וואָלט בעסער געווען, ווען ער וואָלט קיינמאָל ניט געבוירען געוואָרן. וואָרים ער רויבט דאך בלויז אוועק די צייט ביי דעם פלייסיגען מענשען, וואָס ציהט נוצען פון די פעהיגקייטען, וועלכע גאָט האָט איהם געגעבען.

איהר רעדט וועגען דעם טיפסטען, איידעלער זינגער; אבער די דומהייט האָט ניט קיין שום טיפקייט. — קוקט אָן דאָס דאָזיגע בוך מיט זיינע שורות פון ציפערן! דאָ ליגט באַהאַלטען דער טיפסטער זין פון דער חכמה. וואָרים צווי־שען „זאָל“ און „האָבען“ געהט דער לויף פון דער וועלט. ווער עס מיידט אויס אָט דעם צירקעל, דער איז פארלאָרען פאר דער פליכט פון דער ערד.

איהר פאָלגט מיך, לאָזט איבער די בלויע בלום וואו זי איז, און יאָגט זיך ניט נאָך פרעמדע וואונדער־זאכען, וועלכע זיינען ניט געמאכט פאר דעם מענשען'ס לעבען. —

זייט זיך אייך געזונט! מיר איז ניט באַשערט צו חלום'ן.

נו, פארלאָזט ער שטיל דעם טויטען ים פון הייזער און

אין׳ם גאָלד־שיין פון דער אווענט־זון וואנדערט ער ווייטער צו דעם ווייטען ציל. דעם אלטען׳ס ווערטער טומלען איהם אין קאָפּ. א פינסטערער שאָטען האָט זיך אראָפּגעלאָזט אין זיין נשמה, און אויף׳ן הארצען ליגט איהם א שווערע לאַסט.

די זון גליהט שוין רויט ביים האָריזאָנט. דאָ דערזעהט ער מיט אמאָל, ווי א פרעמדער וואנדערער קומט איהם אנט־קעגען. זיין געזיכט איז פארברוינט, זיינע קליידער צוריסען. א לאנגער שווערד הענגט איהם ביי דער זייט, און אין דער רעכטער האנד טראָגט ער א שפּיז. א זעלנער איז דאָס, וואָס וואנדערט צוריק צו דער היים, וועלכע ער האָט שוין זינט אסך יאָהרען ניט געזעהן.

דער זינגער נעמט ארום דעם פרעמדן מיט א מילדען בליק און ליבליך שטרעקט ער איהם אויס די האנד.

פון וואָס פאר א לאנד קומסטו איצט? פרעגט ער איהם הארציג. אסך, אסך ווייטקייטען האָט דיין אויג געזעהן. דו האָסט געוואנדערט איבער פרעמדער ערד, און דו האָסט גע־ווים געהערט מעהר ווי איין ידיעה, וועלכע איז ביז אהער קיינמאָל ניט דערגאנגען צו די אויערן פון׳ם היימלאנד.

זאָג, ווייסטו גאָרנישט וועגען א ווייטען טאָל, וואָס קיין מענשען־פוס האָט נאָך ביז איצט ניט אריבערגעטראָטען? מען רופט איהם דער טאָל פון דער בלויער בלום, וואָס וואַרט חלום׳ענדיג אויף א ווייטען דיכטער, פאר וועמען זי וועט דינען אלס שליסעל פון דערלייזונג, כדי צו מאכען א סוף צו אלע יסורים פון דער ערד.

דער זעלנער קוקט איהם אָן מיט א שטרענגען בליק, און ווי א שווערד בויערן זיך זיינע ווערטער אריין אין זיין ברוסט:

היינריך

פון אזא טאָל האָב איך גראָד געהערט. מעהר ווי איין נאַר, וועמען די כאָלעריע האָט געמעגט דערשטיקען, האָט מיט מיר וועגען דעם גערעדט. — דער טאָל, פון וועלכען דו רעדסט, ליגט אויף דער לבנה, און יענע בלום, וועלכע באגייסטערט אזוי דיין הארץ, איז שוין לאנג פארדארט אויף דער דאָזיגער ערד.

דו שוטה, וואָס געהסטו נאָך פרעמדע שאָטענס, אין דער צייט וואָס די מורא שמידט די וועלט אין קייטען? שאַף זיך א שווערד, צוברעך דיין האַרף, און באָט זיך אָן דעם טויט אלס וואַרגער!

אין דער שלאַכט, ווען עס הויפען זיך אָן בערגלעך מיט מתים און רויטער מאָרד בושעוועט דורך שטעט און דערפער, דעמאָלט פיהלט מען ערשט די טיפע לוסט פון'ם לעבען!

אין קריג, אויף'ן שלאַכט פעלד ווערט געבוירן דער אמת'ער מאַן, וועלכער דערוועכט זיך זיין רעכט מיט א שטאַרקער פויסט. וואָרים רעכט איז מאכט, און מאכט ליגט בלויז אין'ם שווערד. אז דאָס בלוט רויטעלט און רינט דיר שטיל איבער די הענט, דאן פיהלסטו דיין פלאץ אין דער דאָזיגער וועלט. נאָך ביזטו יונג. אז די עלטער קומט אָן, דאן דרעמעלט לאנגזאם איין דער העלד אין אונזער זעל.

א טיפער שוידער כאפט איהם אָן ביים הארצען. מיט א פארגליווערטען בליק פאָלגט ער נאָך די געשטאלט, וועלכע פארשווינדט ביסלאכווייז אין דעם בין-השמשות-ליכט. עס דוכט זיך איהם, אז דאָס האָט דער מאָרד אליין גערעדט צו איהם, און אויף'ן וועג, וואו דער פרעמדער איז געגאנגען, דערזעהען זיינע אויגען א רויטע שפור, וועלכע גליהט בלוטיג אין'ם לעצטען אווענט-שיין.

דאָ הויבט ער שנעל אָן צו שפּילען אויף זיין האַרף, כדי צו פאַריאָגען יענעם בילד פון שרעק, וואָס דער פרעמדער האָט איהם אריינגעזעצט אין דער נשמה. —

העל, מונטער קלינגט זיין ליד, פול מיט פייערליכען צו־זאָג, מיט האָפנונג, און לאַנגזאַם געהט איהם אראָפּ די שווער־קייט, דער שטיין פון האַרצען. פאַר זיינע אויגען באַווייזען זיך ווידער בלויע ווייטקייטען און מאָרגען־רויטען, ווייך און רויזען־שען.

ניט דאָרט, וואו פראָפּיט שמידט די הערצער פון די מענ־שען אין קייטען, און ניט דאָרט, וואו דער שווערד ברעכט דורך פאַר׳ן טויט דעם וועג, קאָן יענער חלום אויפשפּראָצען אין לעבען און פארוואנדעלט ווערן אין ווירקליכקייט.

דאָ, וואו דער גייסט האָט פארלאָרן דעם שוואונג צו פליהען אין דער הויך און האלט זיך שרעקעדיג אָן דער אל־טער ערד, דאָרט איז די גרויסע בענקשאפט שוין פון לאנג פארלאָשען. עס דרינגט מעהר ניט אריין קיין שטילער קלאנג אין יענער טויטער וועלט פון יענעם ווייטען רייך, וועגען וועלכען דער דיכטער טרוימט.

אצונד ווערט איהם קלאָר דער טיפער זין פון׳ם וואָרט, וואָס דער אלטער האָט איהם אויף׳ן וועג געגעבען: דער וועג צו יענעם בלויען וואונדער־רייך ווערט ניט אויפגעעפענט דורך׳ן שווערד און ניט דורך דעם קליגעלדיגען שכל. דער דיכטער מוז ענטדעקען דאָס לאַנד פון דער צוקונפט און דער־וועקען טיפען גלויבען אין דעם מענשען׳ס האַרץ, אזוי אז עס זאָל ארויף ווי באשעפער־דראַנג צום הימעל.

שוין אסך יאָהרען איז ער אויף׳ן וועג, אבער אין ערגעץ

ווינקט ניט צו איהם דער ציל, אויף וועלכען ער קוקט ארוים. ער וואנדערט, וואנדערט איבער גאָט'ס ערד און אין ציטער־דיגער האָפנונג פרואווט ער אוים יעדען אָרט, אבער יענער טאָל, פון וועלכען דער אלטער האָט גערעדט, באווייזט זיך קיינמאָל ניט פאר דעם טיפען בליק.

נו, קומט ער איינמאָל אויף זיין וועג פארביי א בערגיגע געגענד, ווי זיינע אויגען האָבען עס קיינמאָל פריהער ניט געזעהן. די טיפסטע איינזאמקייט וואוינט דאָ אין יעדען טאָל. קיין קלאַנג פילט ניט אָן די שטילע, קלאָרע לופט, און אין ערגעץ ווייזט זיך ניט קיין שפור פון א מענשען.

אזוי שפאַנט ער דעם גאנצען טאָג אלץ ווייטער און ווייטער, ביז די נאכט הילט איהם איין אין איהר מאנטעל, און עס ווייזט זיך נאָך אלץ ניט קיין רוה־פלאַץ.

דאָך איז איהם היינט אזוי האָפנונגס־פול, אזוי פרעהליך אויף'ן הארצען. ווי א שטיל פאָרגעפיהל געהט עס איהם דורך דורך דער נשמה, און מאָדנע קלינגט זיין ליד אין דער שטילער נאַכט.

אויף'ן קלאָרען הימעל פונקלען טויזענטער שטערן; די שטימונג איז אזוי טיף און וואונדערליך, גלייך ווי זי וואָלט געקומען פון אן אנדער וועלט. דורך זיין נשמה געהט דורך א ליכטיגער חלום, ער פיהלט דעם הויך פון א ווייטען רייך, די ליכטיגע נאָנטקייט פון'ם גרויסען וואונדער.

איצט שלענגעלט זיך דער וועג אראָפ אין טאָל; א טאָל, אזוי מאָדנע און אזוי פאר'חלום'ט, ווי ער האָט עס אָפט געזעהן אין שטילע שטונדען, ווען ווייטע טרוימען האָבען איהם

געטראָגען אין דער לופטען און זיין זעל האָט געשוועבט צו די שטערן.

אזוי וואונדערליך קומט איהם פאַר יעדער שטיין, ווי ער וואָלט שוין זינט לאנג געווען מיט איהם באקאנט. א טיפּע בענקשאַפט נעמט איהם אָן ביים הארץ, און עס ציהט איהם שטיל צו דעם היים־לאַנד.

דער גאַנצער טאָל שטראלט אָפּ אין זילבער־גלאַנץ, און ווייסע נעבלען וויגען זיך אין׳ם שיין פון דער לבנה ווי עלפען, וועלכע טאַנצען ארום אין א קאַראַהאָד.

מיט אַמאָל הילכען אָפּ זיסע קלאַנגען אין זיינע אויערן. אין׳ם נאָנטען קוסט זינגט א נאַכטיגאַל איהר בענקשאַפט־ליד דורך׳ן שטילען טאָל. דער זינגער שטעהט פאַר׳כשופ׳ט פון דעם דאָזיגען ליד, וואָס ציטערט שטיל אין דער לעבליכער נאַכט, ווי דער זיסער צויבער־קלאַנג פון א וואונדער־מעשה׳־לע.

און אלץ פולער קלינגט דאָס ליד אין׳ם וועלדעל, און פרעהליך הילכט עס אָפּ פון די בערג, ביז עס שטארבט פלוצ־לינג אָפּ אין א לעצטען טרעל. ער הערט א לייכטען פאַל פון דעם בוים. ס׳איז די נאַכטיגאַל, וועלכע איז דאָרט אויסגע־גאנגען, געשטאָרבען ביים קלאַנג פון איהר אייגען ליד. —

א שטיל קלינגען געהט דורך דורך׳ן גאנצען טאָל, און פאַר איהם באָדט זיך אין׳ם ליכט פון דער לבנה די בלויע בלום, וועלכע ער האָט אזוי לאנג געזוכט. — איז דאָס א חלום, וואָס נאַרט זיינע חושים? די גאַנצע וועלט קומט איהם פאָר ווי פאַר׳כשופ׳ט; ער געטרויט ניט דעם אייגענעם פאַרשטאַנד, ביז עס פארשווינדט ביסלאכווייז פאר איהם דער

לעצטער צווייפעל. — עס איז דער טאָל, אויף וועלכען ער האָט אזוי לאַנג ארויסגעקוקט.

זיין בליק קאָן קוים כאפּען דעם וואונדער, וואָס האָט זיך פאנאנדערגעעפענט דאָ פאר זיינע אויגען, און איז פארזונקען אין דעם בלויען שיין, וואָס שטראַלט צויבערליך אין'ם בליי-כען לבנה-גלאַנץ.

געפונען! רייסט עס זיך ארויס פון זיין מויל. די נייע מלוכה פון'ם וואונדער קומט אָן! די אלטע וועלט פארגעהט, די צייטען זיינען דערפילט.

אין עקסטאַז בויגט ער זיך אראָפּ צו דער ערד, באריהרט מיט צאַרטע ליפען דאָס בעכערל פון דער בלום און לעגט צו-נויף זיינע הענט צום געבעט. און שטיל קלינגט עס אָפּ דורך'ן גאנצען טאָל, ווי דאָס שפּילען פון ווינט-האַרפען. די שטערן בלישטשען מאָדנע אין דעם וועלט-רוים, און ערד און הימעל פאראייניגען זיך צום קוש.

נאָך קניעט דער זינגער, דורכגעדרונגען פון גליק, און קוקט אראָפּ מיט שטילער פרייד אויף דער בלום, וועלכע צי-טערט שטיל אונטער זיין הויך. דאַן קלינגט אָפּ דער טיפער גלאָקען-קלאַנג פון דער האַרף, און הערליך שטראָמט ארויס פון זיין מויל א ליד, ווי עס האָט נאָך קיינמאָל שענער פון זיין ברוסט ניט ארויסגעקלונגען.

אצונד באווייזט זיך דער וואונדער איבעראל, און שטיין און פלאַנץ זאָגען אויס זייער סוד. א טיפע שושקעריי געהט דורך דורך בוים און קוסט, און בלויע פונקען שפּריצען אין דער לופטען. און שטיל עפענט זיך די וועלטען-נשמה, אזוי

ווי זי וואָלט וועלען אנטפלעקען פאר׳ן דיכטער דאָס טיפסטע, וואָס רוהט אין איהר שוים.

דאָ שפּאַלט זיך דער הימעל איבער איהם —, אין׳ם שטראַלען־גלאַנץ ליגט דאָס בלויע רייך, א צויבער־לאַנד, הערליכע פעלדער, ווי זיין הארץ האָט אזוי אָפט אויסגע׳חלום׳ט.

פון ווייטער ווייטקייט הערט ער דאָס רוישען פון בלעטער, און א שטילער געדויש פון כוואליעס הילכט אָפּ אין זיינע אויערן, א שטילער גרוס פון אן אנדער וועלט.

ער הויבט אויף זיינע אָרעמס צום הימעל, אזוי ווי ער וואָלט וועלען ארומנעמען די גאנצע פראַכט, וועלכע איז דאָרט אויסגעשפּרייט פאר זיינע בליקען. ער פיהלט די זעליגקייט פון׳ם גליק אין זיין ברוסט, פיהלט, ווי די דערלייזער־פרייד פילט אָן זיין נשמה און פיהרט זי צו דעם נייעם רייך, וואָס דאַרף איצט ענטשטעהן פאר דעם מענשען.

דאָ זוכט זיין בליק ווידער די בלויע בלום. א ניי וואונדער אנטפּלעקט זיך פאר איהם. אויפגעעפענט האָט זיך דאָס וואונדער־בעכערל, און יעדעס בלעטעלע שטראַלט אין׳ם שיין פון דער לבנה ווי א סאפיר, וואָס בלישטשעט בלוי פון דער טיפעניש. פון יעדען בלאַט, וואָס באַצירט די קרוין, זעהט ער א בילד פון יענער בלויער מלוכה, וואָס שטראלט אראָפּ פון די הימלען אויף דער ערד.

ענטציקט שטעהט דער זינגער פאר דער דאָזיגער פראַכט און אין שטומער פארגעטערונג לאָזט ער אראָפּ זיין בליק פאר דעם דאָזיגען וואונדער, וואָס עפענט זיך אויף פאר איהם.

אמאָל האָט ער געפיהלט דעם וואונדער ביי זיך, אין דער אייגענער ברוסט. פון זיין זעלע האָט ער געוועבט דעם

חלום אין׳ם וועלט־אַל. אצונד אָבער לעבט דער וואונדער אליין אין׳ם גרויסען ״אַל״, און פון דעם „אַל״ לאָזט זיך דער חלום אראָפּ צו איהם אין הארצען.

דער חלום איז אצונד דעם לעבען׳ס ווירקליכקייט. עס קלאַפּט דער דיכטער אין די טויערן פון׳ם רייך, וועלכע זיין באַשעפער־וואָרט עפענט אצונד אויף פאר דער וועלט. דער גן עדן, וואָס איז אזוי פריה פארלאָרן געגאנגען פאר דעם מענשען, — דער דיכטער האָט איהם איבער א נייעם ענט־דעקט. קין קערט זיך אום צוריק אהיים.

מיט א צארטער האַנד נעמט ער אָן די בלויע בלום און ציהט ארויס די וואָרצלען פון דער ערד. דאָ שטראלט אָפּ דער גאנצער טאָל אין׳ם בלויען גלאַנץ, ווי אין׳ם אויפגעלויכ־טענעם שיין פון׳ם נייעם רייך, און רוישענדע אקאָרדען קלינ־גען דורך דער לופט. אין ליכט און קלאַנג ווערט געבוירן א וועלט, און שטיל שליסען זיך די טויערן פון׳ם הימעל. —

פאַרזיכטיג וויקעלט דער זינגער איין די בלום און באַ־האַלט דעם אוצר ביי זיין דיכטער־הארץ. — אצונד איז פאראן א סוף צו יעדען לייד און יעדען ווייטאג. ס׳איז געפונען גע־וואָרן דער שליסעל, וואָס עפענט אויף דעם רייך.

פון די בערג ארום שטייגט אויף דער נעבעל און לאָזט זיך אראָפּ ווי א שלייער שטיל אין טאָל. אין׳ם בלייכען ליכט באגריסט דער נייער טאָג די ערד און וועקט זי אויף פון איהר טרוים.

די שפּיצען פון די בערג לויכטען אויף אין רויטען שיין, און עס שפּילט זיך ארום זיי א פּורפּור־גלאַנץ, וואָס לאָזט זיך לאַנגזאַם און שטיל ארונטער אין טאָל.

מיט א פרעהליכען געמיט נעמט דער זינגער שנעל די הארף און שפאנט אנטקעגען דעם נייעם טאָג. פון זיינע אויגען שטראַלט ארויס א בלויער שיין, דער ווייכער אָפּגלאַנץ פון יענעם בלויען רייך, וואָס האָט איהם אין יענער נאַכט אָפּגעשטראַלט פון׳ם הימעל.

נו, האָט ער דורכגעשפאנט דעם שטילען טאָל, און משופּע׳דיג הויבט זיך אויף דער באַרג פאר זיינע אויגען. אויף א שמאָלען שטעגעל פיהרט דער וועג ארויף. מיט א מורא׳דיגער ווילדקייט הויבען זיך אויף די פעלזען צום הימעל, און וואסער־שטראָמען גיסען זיך אראָפּ מיט אימפּעט אין דער טיפעניש. פארשוואונדען איז אצונד יענער זיכערער שטעג. מיט גרויס מיה נאָר ברעכט ער זיך דורך א וועג דורך דעם מיש־מאַש פון ווילדע פעלזען־שטיקער ארום איהם.

אָפּט מוז ער קלעטערן איבער שמאָלע, משופּע׳דיגע הויכען, און טיפע אָפּגרונדען קוקען איהם אנטקעגען מיט אפענע, אויפגעריסענע מיילער, אזוי ווי זיי וואָלטען וועלען איהם פארשפּאַרען דעם וועג. ער בלאָנדזשעט, וואנדערט אָהן א ציל. איז ער קוים מיט צרות איבערגעקומען איין אָפּגרונד, עפענט זיך שוין באַלד פאר איהם אן אנדער אָפּגרונד.

פארמאַטערט לאָזט ער זיך אָפּט אראָפּ אויף א שטיין, ווייל די מידע גלידער זיינע קאָנען איהם מעהר ניט טראָגען, אָבער ער בלייבט קיינמאָל לאנג ניט אויף איין אָרט. א הייסער דראַנג לאָזט איהם ניט אָפּ, גיט איהם קיין רוה ניט. דאָס גרויס ווערק, וואָס וואַרט אויף איהם, מונטערט איהם אויף, טרייבט איהם אָן ווייטער.

פאר זיין גייסטיגען אויג שטעהט דאָס בילד פון דער מענשהייט, וועלכע קוקט ארויס פול מיט בענקשאפט אויף

זיין קומען. און ער ווייסט וואָס דאָס הייסט, ער פאַרשטעהט, ווי אָפּצושאַצען דעם ווערט פון דער שטונדע. צו לאַנג שוין האָבען געדויערט די יסורים פון דער ערד. אצונד זאָל אויך פאַר קין'ן שלאָגען די גרויסע שעה.

אזוי בלאָנדזשעט ער דורך דער וויסטעניש פון די בערג, ביז די נאַכט לאָזט זיך שטיל אראָפּ. דאן לעגט ער אוועק זיין קאָפּ אויף א שטיין און זעהט דאָס שטילע בלישטשען פון די שטערן איבער זיך.

ווי א בלויער ים קוקט איהם אוים דער וויטער רוים. איהם דוכט זיך, ווי ער וואָלט געלעגען אויף'ן טיפען גרונד און געהערט איבער זיך דאָס רוישען פון די כוואַליעס. א וויים שיפעלע שווימט אויף'ן בלויען וואַסער. אינעווייניג זיצט א זינגער, וואָס שפּילט אויף דער הארף און הערט זיך שטיל צו צו די קלאַנגען, וועלכע ער גיט ארוים.

באגינען צו טאָג, ווען ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, געדענקט ער יענעם חלום, וואָס ער האָט געזעהן ביינאכט. דאָ ציהט ער ארוים פון די סטרונעס דעם טיפען קלאַנג און הערט זיך צו, וואו דער טאָן פארלירט זיך אין דער וויטענס. אהין, אין יענער ריכטונג פארקירעוועט ער זיינע טריט, ביז זיין אויג דערזעהט א וועג וואָס פיהרט איהם ארונטער אין דעם אָפּענעם שאָסיי.

אצונד שפּרייט זיך דאָס לאַנד אוים פאַר זיין בליק. די לופט איז קלאָר, אָבער דער הימעל איז אומעטיג, אנגע־ברוגז'ט, און געדיכטע וואָלקענס קאַטשען זיך אין'ם רוים. פארבלאָנדזשעטע טראָפּענס פאַלען דאָ און דאָרט, ווי טרע־רען, וועלכע א ווייט אויג וויינט.

ער פיהלט, ווי עפּעס ריהרט זיך ביי איהם אין דער ברוסט, און א שטילער אומעט פילט אָן זיין האַרץ. אזוי מאָדנע קוקט איהם היינט אוים די גאנצע וועלט. דער היים־וועה, דאָס פאַרבענקען זיך נאָך די מענשען נעמט איהם ארום, און עס ווערט איהם קלאָר, אז שוין זינט אסך טעג האָט זיך זיין בליק ניט אראָפּגעלאָזט אין מענשען־אויגען.

מיט אַמאָל דערזעהט ער, ווי אין דער ווייטענס ווינקען צו איהם הייזער. א קליין קירכעלע הויבט זיך אויף צום הי־מעל, ארומגערינגעלט פון ווייסע מויערן. אצונד קומט די גרויסע בענקשאפט איבער איהם, די בענקשאפט נאָך די ברי־דער אין דער ווייטען. דער הייסער דראַנג באַפליגעלט זיינע טריט, און שנעלער שפּאַנען זיינע פיס צו דער היים.

אָבער אין ערגעץ קומט איהם קיין לעבעדיגער וועזען ניט אנטקעגען. קיין קלאַנג דרינגט ניט פון דערווייטען צו זיינע אויערן. אין טיפער שטילקייט איז איינגעהילט דער דאָרף, אזוי ווי יעדעס לעבען וואָלט מיט אמאָל פארגליווערט, דערשטיקט געוואָרן פלוצלינג פון'ם בייזען טויט.

דאָ זעהט ער, אז די פעלדער ארום און ארום זיינען צו־שטערט, און ווען ער קומט אריין אין דער ערשטער גאַס, דעקט זיך אויף א בילד פון שרעק פאר זיינע אויגען. פאר־וויסטונג צייגט זיך איהם ביי יעדען שריט און טריט. די טירען הענגען לויז אין די זאוויעסעם; מיט צושמעטערטע, צובראָכענע זאַכען זיינען די שטיבער אָנגעפילט. צווישען די חורבות זעהט מען טויטע מענשען־קערפּערס, וועלכע לי־גען דאָ דערשלאָגען אויף דער ערד, מיט אָפענע, אויסגע־

סטאַרטשעטע אויגען, דער בליק פאַרגליווערט אין אנגסטען פון טויט.

אָפּגעשטאָרבען איז דאָס לעבען איבעראַל. דאָס וואָס די ווילדקייט פון׳ם מאָרד האָט ניט דערגרייכט, האָט זיך גע־ראַטעוועט, איז אנטלאָפען, זיך צושאָטען, צושפּריצט אין אַלע עקען, פאַרטריבען פון׳ם טויט׳ס מורא׳דיגען צאָרן.

א טיפער שרעק כאַפּט אָן דעם זינגער, און ווי פּאַראַלי־זירט שטעהט ער פאַר דעם דאָזיגען בילד. ער פיהלט א שטיל ציטערן אין די גלידער, און זיין האַרץ פאַרציהט זיך אין א מורא׳דיגען ווייטאָג.

דאַן נעמט ער צונויף אַלע זיינע כוחות, פאַרלאָזט דעם אָרט פון שרעק און פון פּיין און לויפט מיט שנעלע טריט צו נייע ווייטקייטען.

דאָ קומען ווייטע קלאַנגען צו זיינע אויערן, און ווייט אין פעלד זעהט ער א געמיש פון מענשען, וועלכע שטראָמען אין אַלע זייטען, אָבער דאָך באַוועגען זיי זיך אין א באַשטימ־טער אָרדנונג.

און פּלוצלינג ווערט איהם קלאָר, וואָס דאָרט קומט פאָר. דאָס איז דער קריג, וואָס האָט זיך אריינגע׳גנב׳עט אין לאַנד און האַלט אצונד די מענשען ביים גאָרגעל.

מיט א שנעלער האַנד כאַפּט ער זיך אָן ביי דער ברוסט און טאַפּט אָן די בלום, וועלכע ליגט דאָ גוט באַהאַלטען. דער־נאָך לאָזט ער זיך ווייטער אוועק אין וועג, שנעל ווי דער ווינט. דער איידעלער שטערן איז אָפּגעגאָסען מיט שוויים, היים פליהט דער אָטעם ארויס פון דער פאַרוואונדעטער ברוסט, קוים וואָס זיינע פיס באַריהרען די ערד.

צוויי ארמייען זעהט ער דאָרט שטעהן אין פעלד, גרייט זיך צו דערוועגן אין מורא׳דיגען צאָרן. אין זיינע אויערן הילכט אָפּ דער קלאַנג פון טרומייטען און ווילדע קאַמף־געשרייען פון טויזענט העלזער. אין טונקעלן שיין זעהט ער, ווי עס בליצען די וואַפען און פאָהנען פלאַטערן אין דער קיהלער לופט.

דאָ דערפיהלט ער מיט אַמאָל ריזען־כוחות אין די אָדערן און ווי א ווילדער לויפט ער צום שלאַכטפעלד, כדי אפּצו־שטעלען דעם רויטען טויט. און איידער דאָס משוגענע שפּיל הויבט זיך נאָך אָן, שרייט ער אויס הויך אויף׳ן קול צו די קעמפּער, זיי זאָלען ארונטערלאָזען די וואַפען.

א פארדריקטער מורמעל געהט דורך די רייהען, און לאנג־זאַם לאָזען זיך אראָפּ די וואפען. שטום קוקען די זעלנער אָן דעם פרעמדען און פיהלען זיך ווי פאר׳כשופ׳ט פון זיין בליק. אָבער ער לאָזט זיך מוטיג אריין אין זייער קרייז, כדי זיי אָנזאָגען די בשורה, זיי ברענגען דאס צויבער־וואָרט פון דער־לייזונג:

צוברעכט דעם שווערד —, די צייטען זיינען דערפילט! עס הערשט מעהר ניט דער מאָרד אויף דער דאָזיגער ערד! דאָס בלויע רייך עפּענט אויף זיינע טויערן. דאָס וואָס לעבט טיף פאַרשטעקט אין אייער בוזים, קומט אצונד ארויס אין העלען זונען־ליכט. קין האָט פארענדיגט דעם לאנגען וועג פון ליידען. אין מזרח גליהט א נייע מאָרגען־רויטקייט!

נאָך די פארצווייפלונג האָט אייך געפיהרט אין קריג און אייך ארייגעדריקט די שווערדען אין די הענט. אזוי איז פון דער ליעבע געבוירן געוואָרן האַס און גילדערנע זריעה איז מיט ברודער־בלוט געמיסטיגט געוואָרן.

א נייע מלוכה ערוואַרט אייער מחנה. דער רויטער קוואַל פון שנאה איז אויסגעטריקענט, און אַלע מענשען דער־לאַנגען זיך די האַנד צום בונד. א וועלט פון פרייהייט וועט פאַר אייך אַצונד ענטשטעהן. גערעכטיגקייט וועט הערשען אויף דער ערד!

וואָס דער דיכטער האָט אַמאָל בלויז אין חלום געזעהן, דאָס האָט דער גלייבען אין ווירקליכקייט פאַרוואַנדעלט. זעהט פאָרט, וואָס פאַר א וואונדער עס איז געשעהן פאַר דער וועלט! די בלויע בלום איז ביי מיר אין די הענט. איך אַליין האָב זי אָפּגעריסען אין יענעם טאָל, וואו קיין שטערבליכער האָט נאָך פריהער זיין פוס ניט אַרויפגעשטעלט. זי איז דער שליסעל צו דער נייער מלוכה!

און פון בוזים נעמט ער אַרויס דאָס טיכעלע, וויקעלט עס אויף מיט א געפיהל פון טיפער פרומקייט, כדי צו באַווייזען דער וועלט דעם נס, דעם גרויסען וואונדער.

אָבער פּלוצלונג טוט ער א קרעכץ, ווי געפייניגט פון א ווילדען ווייטאָג. א מורא׳דיגער קלאַנג רייסט זיך איהם אַרויס פון דער ברוסט — א קלאַנג, וואָס ענטהאַלט אין זיך אַלע יסורים פון די צייטען.

די בלום ליגט פאַרוויאַנעט אין זיין האַנד, און פון דעם וואונדער-בעכערל לאַכט שפּאָטיש דער טויט. — —

אַצונד איז אַלעם אויס. אויסגע׳חלום׳ט איז דאָס לעצטע וואונדער-מעשה׳לע, אָפּגעשטאָרבען דאָס גליק פון יעדער ציטערענדער בענקשאַפט. —

אָהן צערעמאָניעס, מיט א רויהער האַנד טרייבט מען איהם אַוועק פון׳ם אָרט, און שאַרפער שפּאָט קלינגט איהם

שרייענדיג אין די אויערן. אזוי מיעד קלאַפּט דאָס האַרץ ביי איהם אין ברוסט, דעם זינגער'ס לעצטע האָפנונג איז אוועק מיט'ן רויך, און זיין זעל בלוטעט שטום אין שטילער פּיין.

אין'ם גרויען בין־השמשות־שיין פארגעהט דער טאָג, און א טיפע פינסטערניש נעמט ארום די וועלט. אויף א שטיין, וואָס ליגט אויף'ן וועג, האָט זיך דער זינגער אנידערגעזעצט, זיך א ווײַלע אפּצורוהען, און ער קוקט מיט טרויעריגע בליקען אין דער נאַכט אריין.

ביז ער נעמט פּלוצלינג די האַרף און ציהט ארויס פון איהרע סטרונעס יעדען ווייטאָג, וואָס נאָגט און עגבערט טיף זיין דיכטער־האַרץ. — מיט אַמאָל הערט זיך א שאַרפער קלונג, די ערשטע סטרונע פּלאַצט. —

אזוי וואנדערט ער נאָך אלץ דורך פרעמדע לענדער און שלעפּט דעם מידען גוף פון אָרט צו אָרט, אָבער ער קאָן אין ערגעץ ניט געפינען קיין רוה־פּלאַץ. נו, האָבען איהם שוין אלע סטרונעס געפּלאַצט, בלויז איינע איז נאָך ביז אהער געבליבען אומבאַשעדיגט.

ביז ער דערזעהט איין טאָג דעם מדבר. א שאַרפער קלאַנג — די לעצטע סטרונע פּלאַצט. —

* *

*

גרוי איז דער הימעל. עס געניצט דער מדבר.

אויסגעשטרעקט אין'ם ברוינעם מדבר־זאַמד ליגט א ספינקס פון שוואַרצען מאַרמאָר־שטיין, דער בליק פארזונקען אין'ם רייך פון וויסטע ווייטקייטען.

ניט שנאה, ניט ליבשאפט שטראלט ארויס פון׳ם דאָזי־גען גליק. דאָס אויג איז פארשלייערט פון טיפען טרוים, און אויף דער קאַלטער פראכט פון די שטומע ליפען שוועבט שטיל־שמייכלענדיג די שטילסטע אייביגקייט.

דער זעקסטער וואַנדערער קוקט אריין דער ספינקס אין די אויגען, נאָר איהרע רעטענישען קאָן ער ניט דערגרונטע־ווען, און שטום, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט, לאָזט ער זיך אראָפ אין דעם שטויב פון׳ם מדבר.

די ערוואַכונג

אין'ם שנעלען לויף פליהט אַוועק די צייט, און יאָהר נאָך יאָהר רינט אריין אין'ם ים פון דער אייביגקייט, וואָס ציהט זיך אָהן א סוף אין א לאנגזאמער, אָפּגעלאָזענער רוה, וואָס ווערט ניט געשטערט פון קיין שום וואונש.

און עפּעס טראכט און גריבעלט זיך איבער רוים און צייט און קוקט מיט טויטע אויגען אויף דעם אַלטען שפּיל פון טויט און לעבען, ווערן און פאַרגעהן, וואָס האַלט זיך אלץ אין איין אומקערען אין דעם לויף פון'ם געשעהן.

מיט אן אויפגעריסענעם מויל, געגעצענדיג, ציהט זיך נאָך אלץ אוים דער מדבר, און א גרויער הימעל באַדעקט דאָס וויסטע לאַנד, וואָס שטרעקט זיך אוים אומעטיג צום האָריזאָנט, א בילד פון טויט און פון פארגליווערטער רוה.

אין'ם מדבר־זאַמד ליגט נאָך אלץ די ספינקס און חלום'ט מיט ווייטע בליקען אין דעם רוים; אויף איהרע קאַלטע ליפּען שוועבט נאָך אלץ דער געהיימניספולער, רעטעניש־שווערער שמייכעל פון טיפסטער אייביגקייט, וואָס די יאָהר־טויזענטער האָבן איינגעפּאסט אין שטיין.

נאָר איינמאָל, אין א טויטער נאכט, צורייסט זיך דער גרויער נעבעל־שלייער פון׳ם קראַנקען הימעל, און א העל ליכט פון א גרויסען שטערן פאַלט שטיל פונקלענדיג אראָפּ אויף דעם שטיינערנעם בילד.

דער שטראַל נעמט צערטליך ארום דעם שטרענגען שטערן, און א שטילער שיין שטראַלט אָפּ פון׳ם פּנים, וואָס קוקט פול מיט אנגסטיגע רעטענישען ארוים אין וויסטע וויט־קייטען, אזוי ווי עס וואָלט פון דאָרט געדאַרפט קומען פאר איהם די שעה.

אין׳ם בלייכען גלאַנץ שטראַלט דער שלאַנקער קערפּער. א ווייך בין־השמשות־ליכט רייסט זיך ארויס פון דער טיפע־ניש, וואו עס ליגען זעקס וואנדערער, פארזונקען אין פעסטען שלאָף.

מיט אמאָל טוט א בלישטש א מאַטער שיין אויף דעם שטערן פון׳ם ערשטען וואנדערער. א שטיל ציטערן געהט דורך דורך זיינע גלידער, און לאנגזאם הויבען זיך אויף די ברעמען, פארגליווערט און שווער.

זיינע אויגען זעהען דעם זילבער־שיין, וואָס פונקעלט מאָדנע איבער זיין שטערן. ער הויבט אויף דעם קאָפּ, וועל־כער איז נאָך באַלאָדען פון׳ם חלום, באַטראַכט די ספינקס אין׳ם מאַטען שטערן־גלאַנץ און דרינגט אריין מיט א בלאָנ־דזשענדען בליק אין דער נאַכט, אזוי ווי ער וואָלט געוואָלט ארויסרופען לאַנג פארגאַנגענעם אין זיין זכרון.

לאַנגזאַם, ביסלאכווייז קומט איהם די ערינערונג. פון דער טיפעניש פון זיין נשמה שטייגט ארויף א שטילע אהנונג, ווי דער הויך פון גייסטער אין א לבנה־נאַכט. פאר זיינע אוי־גען ליגט דער לאַנגער וועג, אויף וועלכען ער האָט אמאָל

געוואנדערט דורך דער וועלט, דער לאנגער וועג, וועלכער האט איהם געפיהרט אין אומבאקאנטע לענדער און איהם געטריבען צו א ווייטען ציל, וואס האט ווי א פארבלענדעניש געצויגען און פארנארט זיין נשמה.

דאס איז דער מדבר, וועלכער האט איהם אמאל פאר־שלונגען, ווען ער איז פאר פיל יאהרען אהן א ברעקעל האפ־נונג צוגעקומען צו דעם סוף פון זיין וואנדערונג אויף דער ערד.

נאך קלינגט איהם אין די אויערן דאס פרעמדעווארט, וואס האט זיך איינגעגראבען טיף און שווער אין דער נשמה, ווען ער האט דערזעהן די רעטעניש־טונקעלע אויגען, וועלכע האבען ארויסגעקוקט פאר'חלומ'ט אין ווייטע ווייטקייטען, דעם שטילען שמייכעל אויף די קאלטע ליפען, וואס האט שטיל ארייגעדרונגען אין פארבארגענע טיפענישען און פלוצלינג פאראליזירט די פליגלען פון זיין גייסט.

איהם איז דעמאלט פארגעקומען, אזוי ווי דער מדבר אליין וואלט ארויסגעהויכט דאס ווארט, וואס האט זיך אוועק־געלעגט ווי א נעבעל ביי איהם אין מוח, וואס די בליצען פון קיין גייסט וואלטען ניט געקאנט ליכטיג מאכען. — דאס ווארט פון דער ספינקס, וואס האט אפגעהילכט טיף און רע־טעניש־שווער אין יעדען קעמערל פון זיין נשמה, ווי דער לעצטער קלאנג פון א ווייטען עכא.

ער קוקט זיך אום; דאס איז דער ארט, דערזעלביגער מדבר, וועלכען ער האט אמאל געזעהן, ווען דער לעצטער פארהאנג איז הינטער איהם געפאלען. פארדארט, פארוויסט לאנד, באפאלען פון'ם טויט, וועלכער האט שוין לאנג דער־שטיקט דא יעדען שפראץ פון'ם לעבען.

אָבער דעמאָלט האָט ניט געשטראַלט קיין שטערן־ליכט. אין גרויע שלייערס איז דער הימעל געווען איינגעהילט, און ער האָט אראָפּגעקוקט טרויעריג אויף דער טויטער געגענד, אזוי ווי עס וואָלט הינטער יענער אָפּגעבליאקעוועטער וואַנט ניט אראָפּגעלויכטען קיין פריינדליכער שטערן צו דער ערד.

אצונד אָבער גלאַנצט פאר איהם יענער זילבער־שיין, וואָס שטראַלט איינזאם אין דער נאַכט פון'ם מדבר. ער פיהלט דאָס שטילע ציטערן פון זיין ליכט, וואָס דרינגט אריין ווי דינע שטראַלען אין דער נשמה און וועקט אויף לאַנג פאר־שוואונדענע געדאַנקען.

ווי אזוי איז דאָס פּאַרט געווען? האָט ער ניט ארויס־געוואַנדערט, ווייל זיין זעל האָט געשריען נאָך דערקענטע־ניש, ווען ער האָט פאר פיל יאָהרען געזוכט צו דערגעהן דעם גרונד פון די זאַכען, אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט אויפהויבען דעם פאַרהאַנג, וואָס האָט פארבאָרגען אלע רע־טענישען הינטער זיינע פאַלבען?

אין האַרצען הילכען אָפּ אלע שרעקען, וועלכע האבען איהם אמאָל געיאָגט פון אָרט צו אָרט און איהם ניט געגעבען קיין מקום מנוחה, קיין רוה־פּלאַץ אויף דער ערד, וואָס וואָלט איהם געקאָנט ברענגען דערלייזונג אין דער נויט.

ווי א פרעמדער וואנדערער האָט ער דורכגעצויגען די וועלט, איבערגעלאָזט היים, רוה, גלויבען הינטער זיך און איז נאָכגעגאנגען דעם פאַלשען שטראַל פון זיין שטערן, וואָס האָט איהם געצויגען, ארויסגענארט אין פרעמדע ערטער, אָבער האָט קיינמאָל ניט געלאָשען דאָס פייער פון זיין בענק־שאַפט.

ביז וואַנען דער מדבר איז געלעגען אָפען פאר איהם, דאָס וואָרט פון דער ספינקס האָט געברויזט אין זיין מוח און דער מידער גוף האָט געפונען די לעצטע רוה.

אצונד פיהלט ער, אז דאָס פייער איז נאָך ניט פארלאָשען, די זעלבע בענקעניש פילט אָן די אלטע ברוסט, און פון דער נשמה שטייגען ארויף די יסורים פון אלטע וואונשען.

דאָך קוקט איהם אלצדינג אויס אנדערש ווי פאר צייטען. א הייסער שווידער געהט איהם אריבער איבער'ן לייב. ס'איז דאס ליכט פון'ם שטערן, וואָס וועקט אויף נייע האפנונגען.

האַסטיג שפרינגט ער אויף, באזעלט פון א הייסען דראנג. ווי אן אנטפלעקונג קומט עס איבער איהם, און ליכטיגע פונקען גליהען איהם אין מוח.

דאָ דערזעהט ער מיט אמאָל א שאָטען נעבען זיך. ס'איז דער צווייטער, וועמען דאָס ליכט האָט אויפגעוועקט, און וועלכער מעסט אצונד אָפּ מיט פאַרשענדע בליקען דעם חבר. אזוי ווי ער האָט אויך יענער פאר צייטען אויסגעוואנדערט אין דער וועלט, געטריבען פון אינעווייניגסטע פייערן, ביז וואַנען דער שטומער מדבר האָט איהם פארשלונגען.

שטיל-שווייגענדיג קוקט ער אריין דעם פרעמדען אין געזיכט. ער פיהלט, ווי זיין בליק בוערט זיך איהם אריין אין די אויגען, פונקט ווי ער וואָלט וועלען דערגעהן דעם גרונד פון זיין נשמה.

דאָ נעמט ער לאַנגזאַם אָן זיין בלאַסע האַנד און זאָגט איהם אין א שטיל-פאַרטרויטען טאָן:

דאָן זשואַן, דאָס ביזטו! די שטים פון'ם האַרצען זאָגט עס מיר. דער גרעסטער וואונדער איז אלזאָ געשעהן: ד אָ ן

זשואַן און פאַוסט צוזאַמען אויף דעם זעלבען אָרט! צוויי עלעמענטען, וועלכע האָבען זיך שטענדיג פאַרניינט, פאַרלייקענט און ווי צוויי פאַלען זיך צושיידט איינער פון אנדערן, ווייל ביידענס לעבען איז געווען פארשידען.

דאָן זשואַן, איך האָב געהאַט א טיפען חלום, א חלום וועגען דיר און אלע רעטענישען, וועלכע דו באהאלטסט אין זיך. אויך דו האָסט זיך שטענדיג אוועקגעלאָזט אויף פרעמ־דע שפורען און ביזט נאָכגעגאנגען דעם הייסען דראַנג פון דיין הארצען, וועלכער האָט דיך אריבערגעפיהרט איבער טיף־באַגראָבענע צו נייע ערטער, וועלכע קיינער האָט נאָך ניט געהאט געזעהן.

אויך דו ביזט געווען בלויז א זוכער אין דער וועלטענס, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געפונען קיין צופרידענקייט אין לעבען. אין דיין זעל ברויזט דערזעלבער דראַנג, וואָס האָט זיך צונויפגעקאַטשעט אין מיר און איז געוואָרן א טיפע, אנגסטיגע בענקשאַפט.

אצונד שטעהסטו פאַר מיר, א פאַרוואונדעטער גייסט, וועלכער קומט ארויס אזוי ווי איך פון קין'ס געשלעכט, באַ־לאָדען ווי איך מיט דער קללה פון די צייטען. דאסזעלבע פייער, וואָס האָט פארצערט מיין גייסט, ברענט אויך אין דיר און לאָזט דיך קיינמאָל ניט רוהען. אויך דיין נשמה האָט געדאָרשט נאָך דערקענטעניש און שטענדיג ארויסגעקוקט נאָך ווייטע וואונדער.

מיר זיינען געגאנגען יעדער איינער אויף אַן אנדער וועג; זאָגאר אונזערע שאָטענס זיינען אנטלאָפען איינער פון אנדערן, און איז איינער פון אונז געגאנגען צו צפון, האָט דער אנדערער פארקירעוועט זיין וועג צו דרום.

אצונד האָבען מיר זיך געטראָפּען ביי דעם זעלבען ציל, מיר, וואָס מיר האָבען זיך אויסגעמידען ווי טאָג און נאכט, וועלכע האָבען זיך שטענדיג געפיהלט אָפּגעשטויסען איינער פון אנדערן און קיינמאָל קיין אהנונג ניט געהאט וועגען דער הארמאָניע פון אונזערע זעלען.

פאר מיר איז די הויפּטזאַך געווען דאָס אייביגע, וואָס האָט געהאַלטען מיין בליק געפאנגען. איך האָב פארשאָל־טען די פארגענגליכקייט פון׳ם זיין, וועלכע האָט מיר, ווי מיר האָט זיך אָפּגעדוכט, פארדעקט דאָס טיפסטע, געהאלטען דעם געדאַנק בלויז אויף דער אויבערפלאך, כדי דער מוח זאָל ניט אריינדרינגען אין דאָס פארבאָרגענע, וואו טונקעלע רע־טענישען דרעמלען אין דער שטיל.

פאר דיר איז דער העכסטער ציל געווען דאס ערדישע. פון דער פארגענגליכקייט איז דיר ארויסגעוואקסען דאס בילד פון׳ם לעבען, וואָס דו האָסט אומזיסט געזוכט צו דערגרונ־טעווען. דער דראַנג פון׳ם גוף, פון׳ם פלייש איז פאר דיר געוואָרן די מאכט פון׳ם שיקזאָל, די טיפסטע רעטעניש פון אלע וועלט־געשעהענישען.

וואָס איך האָב געזוכט אין׳ם גייסט, האָסטו געזוכט אין׳ם טריב, וועלכער דרעמעלט טיף אין דעם אָפּגרונד פון אונזערע זעלען און מיידט אוים די אויפגעוועקטע געדאַנקען פון׳ם פאַרשטאַנד. דאָרט, וואו עס ברויזען אין דער טיפס־טער טיפעניש מורא׳דיגע כוחות, וועלכע געפינען קיינמאָל ניט זייער אויסדרוק אין ווערטער, דאָרט איז די אומבא־גרענעצטע מלוכה פון׳ם טריב.

דאָ ווירקט דער שטומער באַשעפער־דראַנג פון׳ם פלייש און לאַכט זיך אוים פון אלע רעגלען פון דער פארנונפט און

פון יעדער נאָרמע, וועלכע דער שכל האָט אויף א כיטרען אופן אויסגעקליגעלט.

וואָס איז דאָס געווען אזוינס, וואָס האָט דיך געטריבען פון בעכער צו בעכער און אָהן א שיעור גערייצט דיינע חושים? ווער האָט עס פאנאנדערגעשאַרט און צובלאָזען אין דיר יענעם הייסען דראַנג, וואָס האָט אויפגעוועקט א ווילדען פייער אין דיין האַרצען און צווישעטע פאַרלאַנגען נאָך דער שולד פון דער זינד?

איז דאָס געווען בלויז די פלאַטשיגע, אויבערפלעכליכע פרייד פון'ם גענוס, די צאַרטע בענקשאַפט נאָך די „חיי שעה", די גינסטיגקייט פון דער שטונדע, וועלכע פארשווינדט שנעל ווי רויך און קלאַנג אין דעם וועלט־רוים?

ניין, דאָס וואָס האָט דיך געצויגען און אלץ ווידער געצויגען, דאָס איז געווען די נייגיריגקייט נאָך דעם גרונד פון'ם לעבען, די רעטעניש, וואָס בלישטשעט ארויס פון טונקעלע טיפענישען און וואָס שטריקט ארום דיין מוח מיט צויבער־פעדים.

וואָס איך האָב געזוכט אויף דער אנדער זייט פון רוים און צייט, דאָס האָסטו געזוכט אין'ם פייער פון הייסע ליפען. דער ווילדער אויסגעשריי פון טיפסטער ליידענשאַפט, די ברענענדע היץ פון'ם פלייש אין'ם וואנזין פון'ם געשלעכט, דער דראַנג פון די גלידער, וואָס פאָדערט דערלייזונג און בריהט אוים נײ לעבען — דאָס איז געווען פאר דיר דער טיפסטער גרונד פון דער רעטעניש.

צוליב דער דאָזיגער רעטעניש האָסטו זיך באמיהט און האָסט געזוכט פאַנאַנדערצונעמען די פארפלאָנטערטע פעדים, אריינצופלעכטען די פינסטערע טריבען איינע אין די אנדערע.

אין יעדען קרעכץ, וואָס די לוסט האָט ארויסגערופען, אין יעדען בליק, פון וועלכען די תאוה האָט ארויסגעלאכט, אין יעדען פיבערדיגען ציטער, וואָס האָט ארומגענומען דעם קערפּער, פאַר׳שכור׳ט, פאַרטומעלט דעם מוח און אין ווייטאָגען אויסגעשריען, האָסטו געפרואווט כאַפּען די שטילע שפור, כדי צו דערגעהן דעם אור-גרונד פון׳ם גאַנצען דאַזיין.

דו ביזט געווען א זוכער פונקט אזוי ווי איך, נאָר דיין אויג איז נאָכגעגאַנגען אנדערע שפורען, וועלכע האָבען סוף כל סוף געפיהרט אין דעם זעלבען מדבר, דאָ וואו די ספינקס חלומ׳ט איהר טיפע רעטעניש.

דאָ רופט זיך אָפּ דער אנדערער, באַלויכטען פון׳ם גייסט:

מיר דוכט, איך האָב גע׳חלומ׳ט מיין טיפסטען חלום. אצונד ווערט ערשט אנטפּלעקט פאַר מיר דיין וועזען, דאָס וועזען פון פאַוסט, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געקאָנט באַגרייפען.

אצונד זעה איך קלאָר, אז מיר זיינען פון׳ם זעלבען שטאַם; נאָר הגם מיר זיינען געגאַנגען אויף פאַרשידענע וועגען, האָט אונז אָבער געפיהרט די זעלבע טיפע שפור, וועלכע יעדער איינער האָט אויסגעטייטשט אויף זיין שטייגער.

דו האָסט געזוכט זיך אפּצושיידען פון׳ם ערדישען, האָסט געוואָלט, אז דער מוח, באפרייט פון יעדער לאַסט, זאָל זיך פאַרנעמען מיט זיך אליין אין זיין אייגענעם רייך, כדי הינטער די בילדער פון דער דאָזיגער וועלט צו דערזעהן דאָס גרויסע „ווי אזוי״ פון די זאַכען און אראָפּנעמען דעם מאַנטעל, די הילע וואָס באדעקט דעם „פאַרוואָס״.

דיין וועג האָט דיך אלזאָ קודם כל געפיהרט צו גאָט, אז ער זאָל אויפעפענען זיין רייך פאר דיין גייסט און זאָל דיר אָנצינדען א פייער אין דער נאַכט, כדי דיין אויג זאָל זעהן טיף און קלאָר דאָס וויטסטע און דאָס נאָנטסטע פון יעדער עקזיסטענץ.

און ווען ער איז טויב געווען צו דיין געבעט און האָט פאר דיין גייסט ניט אויפגעשלאָסען די טיר, וועלכע באַהאַלט ווי דער קבר איהר טיפסטע רעטעניש, דאן האָט די פארצווייפלונג דיך געטריבען אין די הענט פון'ם שטן, כדי עס זאָל דיר פון איהם קומען די דערקענטעניש, נאָך וועלכער דו האָסט געשמאכט אין דיין טיפסטער פיין.

אָבער אויך פון איהם איז דיר קיין רעטעניש ניט קלאָר געוואָרן. דאָס וואָס דו האָסט דערזעהן, איז געווען דיין אייגען לעבען, דיין אייגענע עקזיסטענץ. אזוי ביזטו פארפיהרט געוואָרן פון'ם אייגענעם בילד און האָסט געהערט בלויז דעם ווידער־קלאַנג פון דיינע וואונשען.

ביז וואַנען דו האָסט דערקענט דאָס משוגענע שפיל, וואָס האָט זיך גענעהרט פון די זאַפטען פון דיין לעבען. — ס'איז אָבער געווען צו שפעט, דער מדבר איז שוין געלעגען אָפען פאר דיר. —

אָבער הגם דו האָסט קיינמאָל ניט דערגרייכט קיין דערקענטעניש, איז דיין קאַמף פונדעסטוועגען ניט געווען אומזיסט. אויב דו האָסט אליין קיינמאָל ניט געזעהן דעם שטראַל פון'ם ליכט אין דער גאַנצער פינסטערניש, וואָס רינגעלט אונז ארום, בלייבט אָבער דיין שטרעבען פאר יעדען קומענדען דור אלס ירושה פון יענעם הייסען בענק־

שאַפּט-דראַנג, פון וועלכען עס וועט ארויסקומען די מלוכה פון'ם גייסט.

איך אָבער בין אָנגעבונדען אָן דער דאָזיגער וועלט, אָן דער פאַרגענגליכקייט פון'ם ערדישען לעבען, וואָס קומט און פאַרגעהט שנעל ווי דער וואָלקען, אזוי ווי קיין אויג וואָלט איהם קיינמאָל ניט געזעהן.

וואָס איך האָב געזוכט, דאָס געהט מיט מיר צוגרונד. קיין יורש קלאָגט ניט איבער מיין קבר, וואָרים אלעס ערדי-שע, דאָס ווערק פון פינסטערע טריבען, ווערט צושטערט פון דער צייט און צופאַלט אין שטויב.

בלייבען וועט נאר יענער העכערער דראנג, וועלכער פאַרבינדט זיך מיט דעם וועלט-אַל, מיט דער אייביגקייט, און אנטלויפט פון דער פאַרגענגליכקייט.

און דאָך קומט מיר ארויף אָן אהנונג, א פאַרגעפיהל פון הארצען, אזוי ווי איך וואָלט געשפּירט די דערנענטערונג פון א נייעם רייך, פון א נייער וועלט, וואו גייסט און טריב געפינען זיך, וואו פאַרגענגליכקייט מיט אייביגקייט צוקושען זיך. ווער ווייס? פילייכט — — —

דיזעלבע אהנונג נעמט אויך מיך אָן ביים האַרצען. זאָג, ברודער, פיהלסטו דאָס ליכט פון יענעם שטערן? קומט עס ניט ווי אן אנטפלעקונג איבער דיר, אזוי ווי טיפע חלומות וואָלטען געדאַרפט מקוים ווערן?

ווי א שלייער פאַלט עס מיר אראָפּ פון מיינע אויגען, און אלעס ערדישע ווערט פאַר מיר א סימבאָל פון דער גרויסער אייביגקייט, וועלכע נעמט אלצדינג אריין אין זיך. ערשט דאַן, ווען דער מענש וועט אין זיין הייסען דראנג פון'ם טריב

אָנטאַפּען טיף־פאַרבאָרגענע וואָרצלען, ווען די תאוה פון׳ם פלייש זיך פאַראייניגען מיט דעם גייסט.

פאַרגענגליכקייט איז ניט קיין אוועקבלאָזען, קיין פאַר־שווינדען אין׳ם רוים, וואָרים יעדעס שטאַרבען איז בלויז א צוריקקער און באַהאַלט אין זיך די טיפקייטען פון יעדער אייביגקייט. ערשט ווען עס וועט אראָפּפאַלען דער לעצטער שלייער פון דער ערד, דאַן וועט געשעהן דער נס, דער גרויסער וואונדער. דאַן וועט דאס אויג דערזעהן די בריק, וועלכע פאַראייניגט ערדישעס מיט אייביגען.

ס׳איז ניט גוט, בלויז צו וואַנדערן אין דער ווייטען. אויף אייזיגע שניי־בערג ציטערט אויך דער גייסט פון קעלט, וויל עס פעהלט איהם דאָס הייסע קאָכען פון׳ם טריב. אויך אין דעם נאָענטען ליגט באַהאַלטען א וועלט, און וואונדער איבער וואונדער הויבען זיך אָן דאָרט, וואו עס הערשען די פינסטערע כוחות פון׳ם טריב.

דאַן איז אלזאָ דערפילט געוואָרן די באַשטימונג פון׳ם שיקזאַל, און פאוסט און דאַן זשואן גיבען זיך די האנד. אין׳ם גייסט שפּיגעלט זיך אָפּ דער דראַנג פון׳ם פלייש, און ליכט נעמט ארום דאָס טונקעלע רייך פון די טריבען. פונקט ווי דער הימעל שפּיגעלט זיך אָפּ אין׳ם טראָפּען טוי, אזוי שטראַלט אָפּ דאָס אייביגע אין דעם ערדישען — דער וואונדער דערנענטערט זיך — די צייטען זיינען דערפילט.

און אלץ קלאָרער ווערט דאָס ליכט פון׳ם שטערן, אין׳ם ווייטען מזרח געהט אויף א בלייכער שיין.

דאָ הויבט דער דריטער וואַנדערער אויף דעם קאָפּ. דער בלאַסער שטערן איז העל באַגאָסען פון׳ם ליכט, און אין די

אויגען בלישטשעט א מאַטער גלאַנץ, אזוי ווי זיי וואָלטען וועלען דערגעָהן, אויסגראָבען פאַרגאַנגענעס, וואָס איז שוין לאַנג אָפּגעשטאָרבען אין דער נשמה.

נאָך האַלב פאַר׳חלום׳ט קוקט ער זיך אום. מיט אמאָל טוט עס איהם א קלאַפּ אין די אויערן, ווי דער קלאַנג פון אייזען. א ריטער שטרעקט זיך אוים פון׳ם מדבר-זאַמד און קוקט שטראַלענדיג אין׳ם ליכט פון יענעם שטערן, וואָס שיינט אראָפּ פון׳ם הימעל אין מדבר.

איצט קומט איהם ביסלאכווייז די ערינערונג, און בלייכע שאָטענס שטייגען ארויף פון דער טיפעניש, וועלכע האָט אמאָל דורכגעשניטען זיין לעבענס-וועג. אין זיין געדאנק זעהט ער די פארנעבעלטע געגענדען פון׳ם צפון-לאַנד, און פון דער ווייטען דרינגט צו איהם דעם פאָטער׳ס רוף ווי דער לעצטער הויך פון א שוואַכען עכאָ.

אצונד זעהט ער ווידער יענעם לאַנגען וועג, אויף וועלכען ער איז אמאָל, פאַר לאַנגע צייטען, געגאַנגען, ביז ער איז צוגעקומען צום ראַנד פון׳ם מדבר. א שוואַכער קלאַנג הילכט אָפּ אין זיינע אָפּענע, וואַכע אויערן — די לעצטע שטים, וואָס ער האָט אמאָל געהערט, ווען די ספינקס האָט איהם געפרעגט איהר שטילע רעטעניש.

אָבער יענער ריטער דאָרט, ווער קאָן ער פאָרט זיין? וואָס האָט איהם געפיהרט אהער אין דעם דאָזיגען טויטען אָרט, וואָס איז ווי באַלאָדען פון גאָט׳ס קללה? מעהר ווי איינער איז איהם פאַרבייגעגאַנגען אויף זיין וועג, אָבער יענעם האָט זיין אויג קיינמאָל ניט געזעהן.

און דאָך קוקט איהם די געשטאַלט אוים אזוי היימיש, אזוי ווי זי וואָלט ארויסגעקומען פון דעם אייגענעם מוח און

וואָלט געוועזן טיף פאַרוואַקסען מיט דעם אייגענעם זיין. ער טראַכט און טראַכט, אָבער ער קאָן ניט געפינען קיין שפור, וואָס וואָלט איהם געקאָנט לייזען דעם פרעמדען'ס רעטעניש.

דאָ קוקט ער זיך איין אין דעם באַשטראַלטען בליק פון'ם אנדערן, וועלכער איז געווענדט צו יענעם שטערן, און עס ווערט איהם מיט אמאָל ליכטיג אין די אויגען.

ווען ער איז מיט לאַנגע יאָהרען צוריק דאָ אנשלאָפען געוואָרן, האָט זיך א חלום איהם אוועקגעלעגט אויף'ן האַרצען, א דריקענדער, פיינליכער, טיפער און שווערער חלום. ער האָט געזעהן, ווי דער מדבר שפרייט זיך אוים האָפנונגס־לאָז און שטום ביז צום ראַנד פון'ם גרויען הימעל. אזוי מורא'דיג, אזוי פאַרצווייפעלט איז געווען די וויסטעניש ארום און ארום, אז דאָס הארץ איז איהם פאַרגליווערט געוואָרן אין דער ברוסט און זיין זעל האָט געקרעכצט און אויפגעשריען פאַר יסורים.

אין טויט־אַנגסטען קוקט ער זיך אום, ווענדט זיין בליק אין אַלע זייטען, צי גרינט ניט ערגעצוואו א צייכען פון האָפנונג. — אומזיסט, דער מדבר האָט געגענעצט מורא'דיג און שווער, און זיין מוח איז געווען ווי אָנגעפילט מיט בליי.

דאָ האָט ער דערזעהן, ווי דער הימעל איבער איהם האָט זיך לאַנגזאַם אראָפּגעלאָזט טיפער צו דער ערד. א קאַלטער פחד האָט איהם ארומגענומען ביים האַרצען. ער האָט געפיהלט, ווי דאָס בלוט קלאַפּט איהם אין די אָדערן, געזעהן, ווי הענט שטרעקען זיך אוים נאָך זיין האַלז, איהם צו דערווערגען.

זיין קערפּער וואַרפט זיך ארום אונטער מורא'דיגע יסורים פון טויט, די גלידער הויבען זיך אין קאַלטען קראַמף,

און קייכענדיג קלאַפּט דאָס האַרץ ביי איהם אין דער ברוסט.

דאָ האָט ער מיט אַמאָל דערזעהן, ווי ביים ווייטען האָ־ריזאָנט איז פון דער טיפעניש לאַנגזאַם ארויסגעוואַקסען א שאָטען. און אַלץ קלאָרער איז איהם געוואָרן די פיגור, וואָס נענטער דער פרעמדער איז צוגעקומען צו דעם ציל. ס'איז געווען א ריטער פון טרויעריגער געשטאַלט, וואָס האָט זיך קוים געקאָנט האַלטען אויף זיין שקאַפּע, וועלכע האָט זיך געשלעפּט אָהן כוחות דורך'ן זאַמד פון'ם מדבר.

אצונד איז איהם אראָפּ דער שווערער שטיין פון האַרצען, און ער האָט זיך דערפריהלט ווי אויסגעלייזט. אין חלום האָט ער נעבען זיך געזעהן דעם ריטער, וועלכער האָט גערעדט צו איהם פון זיינע גרויסע טאַטען און פאַרטריבען יעדע אַנגסט פון זיין האַרצען.

נו, שטעהט איצט דאָס טרוים־בילד פאַר זיינע אָפענע אויגען, דערזעלבער ריטער, וועלכען ער האָט אַמאָל געזעהן; נאָר דער מאָגערער, אויסגעדאַרטער פּנים קוקט אויס אזוי באַשטראַלט, פונקט ווי זיין גייסט וואָלט געווען באלויכטען פון א ניי ליכט.

לאַנגזאַם הויבט ער זיך אויף, געהט צו מיט לייכטע טריט צו דעם ריטער און לעגט איהם ארויף די האַנד אויף דעם אויסגעדאַרטען אָרם.

דאָ קוקט דער פרעמדער איהם אריין אין געזיכט, אבער עס ווייזט זיך ניט קיין ערשטוינונג אין דעם בליק, אזוי ווי ער וואָלט שוין פון לאַנג געפיהלט זיין נאָנטקייט.

ווילקאָמען, האַמלעט, ברודער פון מיין נויט! איך בין געשלאָפען און האָב גע'חלום'ט א טיפען חלום, אין וועלכען

דיין שאָטען האָט געהאַלטען אין איין פאַרשווינדען און צו־ריקקומען, ביז וואַנען דיין וועזען איז מיר געוואָרן אזוי היי־מיש, אזוי ווי עס וואָלט ארויסגעקומען פון מיין אייגענעם גייסט.

געבענשט זאָל זיין די שטונדע, וועלכע האָט געשלאָגען פאַר אונז, ווען דאָס ליכט פון יענעם שטערן האָט אוועקגע־נומען דעם כשוף, וואָס האָט אונז געהאַלטען יאָהרען לאַנג אין קייטען! — צוויי ברידער האָבען געוואַנדעלט אויף וויטע וועגען און האָבען זיך צוזאמענגעטראָפען ביי דעם זעלבען ציל. —

אזוי איז עס, איידעלער ריטער דאָן קיכאָט. אין טיפען חלום האָסטו זיך באוויזען פאַר מיר, ווען מיין זעל האָט גע־קרעכצט און זיך געמוטשעט אונטער יסורים פון טויט. דאָ האָסטו מיט אמאָל אויפגעהויבען דעם כשוף, וואָס האָט מיך ווי מיט שטריק ארומגעשנורעוועט, און א העלער שטראַל איז אריינגעפאַלען אין דער נאַכט וואָס האָט ארומגערינגעלט מיין נשמה.

מיין גאַנץ לעבען האָב איך זיך באַמיהט צו געפינען ליכט אין דער פינסטערניש, וועלכע שפּרייט זיך אוים ארום אונזער לעבענס־וועג. נאָר ווען א טויטער האָט מיר געגעבען געוויסהייט און מיר געוויזען די פלאַמען־שפּורען פון דעם אמת, דאַן האָט די דערקענטעניש פּאַראַליזירט מיין קראַפט, און מיין האַנד איז געוואָרן שוואַך צו דער בייזער טאַט.

דערקענטעניש האָב איך געקריגען, אָבער ניט דעם מוט, וואָס האָט מיר געזאָלט באַוועגען די האַנד צו דער טאַט. דער וואָרים פון צווייפעל האָט זיך איינגעפרעסען טיף אין מיין

ברוסט, האָט צושטערט מיין ווילען׳ס האַרטען „מוז“ און האָט מיך געמאכט צום שפּאָט פאר זיך אליין.

אזוי איז די דערקענטעניש פאר מיר געוואָרן א וואַמ־פּיר, וואָס האָט מיר אויסגעזויגען דאָס בלוט פון הארצען און א תל געמאכט פון מיין גאַנצער לעבענס־קראַפט, ביז וואַנען איך אליין בין געוואָרן א בלייכער שאָטען.

ווי אנדערש וואָלט זיך דאָס לעבען פאר מיר פאָרמירט, ווען בלויז א טיילכעלע פון דיין מוט וואָלט מיך באזעלט! דו האָסט קיינמאָל ניט געפרעגט, האָסט זיך קיינמאָל ניט גע־קימערט וועגען דער גינסטיגקייט פון דער שטונדע. קיין ציטערענדער צווייפעל האָט ניט פּאַראַליזירט דיין אָרם. שטענדיג האָסטו געפאָלגט דעם איידעלען דראַנג צו דער טאַט.

דו האָסט געלעבט, איך האָב בלויז געטרוימט, וואָרים לעבען אָהן טאַט איז האַלבער טויט. ערשט דורך דער טאַט רעדט קלאָר די שטים פון׳ם גייסט.

מיר דוכט, אז דו זעהסט ניט קלאָר דעם גרונד פון די זאַכען, פאַלט איהם דער ריטער האַסטיג אריין אין די רייד. — וואָס טויג די טאַט, ווען עס פעהלט איהר די דערקענטע־ניש, די טאַט, וועלכע איז ניט די רייפע פרוכט פון׳ם מוח? די טאַט אליין איז א פוסטע נוס, אזוי לאַנג ווי דער מוח ווייזט איהר ניט דעם וועג, פון וועלכען עס פאָרמירט זיך ערשט דער זין פון דער האַנדלונג.

ס׳איז אמת, אז איך בין שטענדיג געווען גרייט צו דער שנעלער טאַט, אָבער פאר מיר איז ניט ערשינען קיין טויטער פאָטער, וואָס זאָל מיר געבען דערקענטעניש און גרונד פון

ווארהייט. דערפאר האָט מיין האנדלונג נאָר ארויסגערופען שפּאָט, דער פלוך פון דער דומהייט איז נאָכגעגאנגען מיינע טריט און האָט אַוועקגערויבט דעם ריכטיגען זין פון מיין טאָט.

דאָך ביזטו געווען גליקליך, ווייל דו ביזט געווען פריי פון צווייפלען. דיין גאנצער וועזען איז ווי פון איין שטיק אויסגעגאָסען. דו האָסט ניט געפיהלט דעם שפּאָט פון דער נאַרישער וועלט, און דיין זעלע האָט ניט געוואוסט פון ערדגערניש, פון בייזקייט.

אָבער מיין וועזען איז צוריסען, ווייל דער געדאנק איז שטענדיג אנטלאָפען פאר דער האַנדלונג און האָט מיך געמאכט פאר א שפּיל־באַל פון פינסטערע כוחות. דעם פאַטער׳ס שטים איז מיר שטענדיג געלעגען אין אויער, אָבער זי האָט מיר קיינמאָל ניט געשטארקט די האַנד צו דער טאָט. זי האָט בלויז גענעהרט די יסורים אין מיין האַרץ און מיר אָנגעוויזען אויף מיין אייגענער שוואַכקייט.

אזוי איז מיר געבליבען בלויז דער בייזער גיפט פון׳ם ליגען, כדי צו פאר׳שכור׳ן, פאַרטומלען די שטים פון׳ם געוויסען. מיין מוח האָט ערפונען אלערליי געדאַנקען־מאַסקעראַדען, כדי צו פארדעקען אין מיר די שוואַכקייט פון׳ם ווילען. כ׳האָב געזוכט טרייסט אין טויטע טעאָריעס; כדי דורך קוליסען צו פארשטעלען די דערקענטעניש, האָב איך זיך אָנגעטאָן דעם מאַנטעל פון׳ם פילאָזאָף.

אָבער געבליבען איז מיר ניט מעהר ווי דער ווייטאָג, וועלכער האָט זיך קיינמאָל ניט איינגעשטילט, ביז וואנען מיין אייגען בילד איז מיר געוואָרן דערווידער און דעם פאַ־

טער׳ם שטים האָט קוים נאָך געקלונגען אין מיינע אויערן.

דערקענטעניש, דוכט מיר, איז דעם ווילען׳ם טויט. ווער עס ווייסט צופיל, דעם דריקט די לאַסט פון׳ם לעבען. ער וועגט און וועגט, ביז וואַנען ער פאַרזאַמט די טאַט און דאָס רייך פון דער ווירקליכקייט פארשווינדט פון איהם.

פיליכט איז די לאַסט ווירקליך געווען צו שווער פאַר דיר. דיין וויסען האָט ביי דיר אוועקגערויבט דעם מוט צו דער טאַט. און דאָך מוז דער פאַקעל פון דערקענטעניש לייכטען, כדי דאָס ווערק פון דער צוקונפט זאָל דערפילט ווערן.

מיר דוכט, איך הער א שטילען פליגעל-גערויש. עס קומט א נייער אָנפאַנג פון אַלצדינג. זאָג, האַמלעט, געהט דיר ניט דורך א פאַרגעפיהל אין האַרצען, אזוי ווי א נייע מלוכה וואָלט פאר אונז ענטשטאַנען?

ווען דאָן קיכאָט און האמלעט האָבען זיך געפונען, דאן פאַרמירט זיך דער כאַאָס צו א נייער וועלט. פון דער דער־קענטעניש וואקסט פאר אונז דאן ארויס די טאַט, און יעדע האַנדלונג טראָגט די קראַפט פון׳ם גייסט.

פון גייסט ווערט ווילען, ווילען ווערט פארוואנדעלט אין טאַט. פון גייסט און ווילען וואקסט דער באשעפער־דראַנג, און גייסט און ווילען געפינען זיך אין׳ם ווערק. דורך גייסט און טאַט קומט פאר אונז די נייע מלוכה.

דער אייגענער גייסט שאַפט זיך דעם אייגענעם שווערד, כדי צו קעמפען קעגען די מאכטען פון׳ם שיקזאל. — די גרוי־סע שטונדע קומט, עס דערנענטערט זיך די מאָרגען־רויט־קייט!

איז דאָס דאָס רוישען פון א נייער צייט? וועט דער חלום זיך פארוואנדלען אין ווירקליכקייט? וועט האַמלעט אצונד באפרוכטען דעם ריטער'ס מוח און דאַן קיכאָט וועט איהם אנטלייהען זיין ווילען?

ס'איז מעהר קיין צווייפעל ניטאָ, אז דער גרויסער אויס־טויש קומט! דעם פאָטער'ס שטים קלינגט דעם איידעלען ריטער אין די אויערן, כדי זיין הארץ זאָל דורכגענומען ווערן פון דעם שווידערליכען אמת, אין דער צייט וואָס פרינץ האמ־לעט זעצט זיך אויף דער שקאַפּע און פארקירעוועט זיינע טריט קיין טאָבאָסאָ.

זעה, ווי דער שיין פון'ם שטערן שטראַלט פון'ם הימעל! זיין קלאָר ליכט דרינגט אריין אין'ם גרונד פון דער זעלע, און ווייט אין מזרח געהט אויף א בלייכע רויטקייט! —

פון'ם טיפען שלאָף האָט זיך אצונד אויפגעכאפּט דער מאַנאַך. פארוואונדערט עפענט ער אויף די שווערע ברעמען און זעהט איבער זיך אנגעבויגען א געזיכט, וואָס נעמט איהם ארום מיט א מילדען, ווייכען בליק.

די גרויסע אויגען שטראַלען מיט א וואַרעמען גלאַנץ, וואָס גיסט זיך אריין ווי באַלזאַם אין דער נשמה און וועקט אויף די שטילע בענקשאפט פון דער ערינערונג.

ער פיהלט דעם לייכטען דרוק פון'ם פרעמדען'ס האנד, און א שטילע גליקזעליגקייט קומט איבער איהם. דאָ איז די רוה, וואָס ער האָט אַמאָל געזוכט. אזוי מאָדנע קוקט איהם אלעס אויס און אזוי פרעמד און דאָך אזוי אינטים און היימיש, פונקט ווי עס וואָלט געווען א בילד פון דער ווייטער יוגענד־צייט.

דאָ הערט ער, ווי דער אנדערער רעדט צו איהם און זאָגט:

מעדאַרדוס, ברודער, דו האָסט זיך אלזאָ אויפגעכאַפּט? האָט דאָס ליכט פון יענעם שטערן באַריהרט דיין הארץ און פאַריאָגט די שאָטענס פון דיין זעלע? פיהלסטו דאָס שטילע ווערן פון׳ם גרויסען וואונדער, אזוי ווי א נייע וועלט וואָלט באַדאַרפט געבוירן ווערן? דערקענסטו מיך, וועלכער געהט דאָ ארום אין׳ם ליכט?

איך קען דיך, דו וואָס דו ביזט דאָס בילד פון מיין טרוים. מיר קומט פאָר, אזוי ווי דו וואָלסט געווען מיין נייער איך, וואָס רייסט זיך פון די קברים צו דער זון.

היינריך, איך האָב גע׳חלומ׳ט א טיפען חלום, א חלום פון דיר און דער גאנצער אייביגקייט, א חלום, אזוי מאָדנע און אזוי וועלטען-ווייט, ווי מיין מיעד הארץ האָט נאָך קיינ־מאָל ניט געפיהלט.

ס׳איז געווען אום האַלבע נאַכט. ארומגערינגעלט פון קברים בין איך געשטאַנען אליין מיט דער אַנגסט פון מיין האַרצען. מיט אַמאָל האָב איך דערזעהן, ווי די אלטע שטיי־נער האָבען אויפגעציטערט און שווער, מיט א טעמפּען קראַך, זיינען זיי אראָפּגעפאלען אויף דער ערד.

און פון די לעכער זיינען ארויפגעשטיגען שאָטענס, פון וועלכע עס האָבען זיך פאָרמירט מורא׳דיגע גייסטער, וואָס האָבען זיך געקרימט אנטקעגען מיר אין ווילדען שפּאָט. איעדער פון זיי האָט געהאַט אן אנדער געשטאַלט, דאָך האָ־בען זיי מיר אלע אויסגעקוקט היימיש.

איך האָב געזעהן, אז אין יעדען איינעם לעבט א שטיק

פון מיר; זיי אַלע זיינען געווען שטיקער, שפּענער פון מיין איך, אָבער יעדער איינער האָט זיך געהאַט זיין אייגענעם וועג, אַזוי אַז עס האָט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פאָרמירען קיין גאַנצעס.

מיט אַמאָל האָבען זיי זיך פלינק אָנגענומען ביי די הענט און זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ ווילדען קאַראַהאָד ארום מיר, אַז איך בין שיער פון זינען ניט אַראָפּ. און אַלץ ענגער איז גע־וואָרן דער משוגענער קרייז. כ'האָב געפיהלט, אַז מיין האַרץ האַלט ביים פּלאַצען און פאַר מורא האָבען זיך מיר די האָר געשטעלט קאַפּויר.

ווי פעלזענשטיינער איז עס מיר געלעגען אויף'ן האַר־צען. כ'האָב געוואָלט שרייען, אָבער איך האָב ניט געקאָנט. ס'האָט מיך געוואָרגען, מיין האַלז איז געווען ווי פאַרשנו־רעוועט, און איך האָב ניט געקאָנט ארויסלאָזען קיין קלאַנג.

כ'האָב שוין געפיהלט, ווי מיין פאַרשטאַנד פאַרשווינדעט, אָבער פּלוצלינג איז דיין בילד געשטאַנען פאַר מיין זעלע. דו ביזט געשטאַנען אויף דער אנדער זייט, אויסער דעם משו־גענעם קרייז, און האָסט אויסגעשטרעקט ביידע אָרעמס צו מיר. דאָ איז אַראָפּ דער שטיין פון מיין האַרצען, פאַרשוואונ־דען איז דער שווערער דרוק פון מיין נשמה און בלייכער איז געוואָרן די גייסטער־מחנה.

כ'האָב געפּרואווט אָננעמען דיינע הענט און געזוכט מיט אַלע כוחות דיר אנטקעגען צו געהן, אָבער איך האָב געזעהן, אַז איך בין ניט געקומען קיין טריט נענטער צו דיר. די גייסטער זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען צווישען אונז, אבער איך האָב געפיהלט דעם וואַרעמען גלאַנץ פון דיין אויג, וואָס האָט אָפּגעשטראַלט טיף אין מיין נשמה.

דאָ האָב איך דערפיהלט, פון וואַנען דו ביזט צו מיר געקומען, און איך האָב געוואוסט, אז עס וועט אמאָל מוזען שלאָגען די שעה, ווען אונזערע הענט וועלען זיך דערגרייכען.

זיי מיר געגריסט, דו בלייך שטערן-ליכט, וואָס וועקט מיך צו א נייעם לעבען. שוין דרינגען אריין ווייטע קלאַנגען אין מיין אויער, וועלכע זאָגען מיר אָן וועגען א נייער מלוכה.

הערסטו דעם קלאַנג, וואָס קומט פון דער ווייטען? באַלד וועלען זיך עפענען די טויערן פון דער נייער מלוכה!

מעדאַרדוס, שוין לאַנג ביזטו מיר באַקאַנט. נאָך איידער דער מדבר האָט מיך אויפגענומען, בין איך איבעראַל נאָכגע-גאַנגען דיין שאָטען.

ווען איך האָב אַמאָל געפונען די בלויע בלום און מיין האַרץ האָט געקוואָלען פאר ענטציקונג, דאן האָט מיין אויג געזעהן דעם שאָטען פון א מאָנאַך, וועלכער איז ארויפגעפאַ-לען שטום, ווי אן אָנזאָגער פון אומגליק, אויף דער בלום און איז באַלד ווידער פארשוואונדען, אזוי שנעל ווי ער איז גע-קומען.

דיין וועזען איז מיר דאַן געווען פרעמד. ס'איז מיר אריי-בער א גרויל, ווען איך האָב דיך געזעהן אין חלום, און מיין זעל האָט אויפגעציטערט אין מורא'דיגער פיין.

אצונד אָבער איז דיין ווען אָפען, אויפגעשלאָסען פאר מיר. קלאָר ליגט דיין טיפע פיין פאר מיין בליק. איך זעה די דעמאָנען, די שדים, וועלכע האָבען דיך געהעצט און די נשמה דיר צוריסען אין שטיקער.

דו האָסט געוואָלט געפינען דעם וואָרצעל פון דיין איך, וואָס דו האָסט אומזיסט געזוכט צו דערגרונטעווען. אזוי

ביזטו פאַר דיר געוואָרן דער מיטעלפּונקט פון דער וועלט, קיין שום אַנדער זאַך האָט ניט עקזיסטירט פאַר דיין אויג, און אַלצדינג איז פאַר דיר געווען בלויז א שפּיגעל פון זיך אליין.

דו האָסט געפיהלט בלויז דיינע אייגענע יסורים און די פרייד פון דיינע אייגענע וואונשען, האָסט אויפגעבויט הויכע מויערן ארום זיך, וואו דו האָסט זיך אויפגעהאלטען אליין מיט דיין שאָטען.

איך אָבער בין געגאַנגען אויף אן אנדער וועג, איך האָב קיינמאָל ניט געזוכט דעם גרונד פון מיין וועזען. מיין האַרץ האָט שטענדיג ארומגענומען די גאַנצע וועלט. איך האָב געזעהן די גרויסע ליידען פון די מענשען און איך האָב זיי געוואָלט דערלייזען פון דער נויט.

אין מיין נשמה האָט געברענט יעדע פּיין, יעדע מאַטער־ניש, וואָס האָט מיין ברידער־מחנה געשמידט אין קייטען. דער גאַנצער יאָמער פון׳ם מענשליכען מין האָט מיך ארום־גענומען און יעדער וויטאָג, וואָס האָט זיך אין אלע צייטען ארויסגעריסען פון די הערצער, אָבער אויך די האָפנונג אויף א נייעם רייך, וואָס זאָל מאכען א סוף צו אלע יסורים פון דער ערד.

נו, האָב איך געזוכט דעם טאָל פון דער בלויער בלום, וואָס איך האָב אזוי אָפט געזעהן אין חלום. דאָרט איז גע־ווען דער שליסעל צו דער נייער מלוכה, וועגען וועמעס קומען איך האָב געזונגען פאַר מיינע ברידער.

דורך פרעמדע לענדער האָט מיך געפיהרט דער וועג, און די ענטוישונג איז מיר נאָכגעגאנגען אויף שריט און טריט. דאָך האָב איך ניט ארויסגעלאָזט דעם ציל פון מיין

אויג, ביז וואַנען איך האָב געפונען דעם אָרט, וואָס איך האָב שטענדיג געזוכט.

איך האָב אַלזאָ געהאַלטען דעם שליסעל אין מיין האַנד, און מיין האַרץ איז דורכגענומען געוואָרן פון טיפסטען גליק. ס'איז געקומען א סוף צו די יסורים, געענדיגט האָט זיך די צייט פון די גרויסע ליידען, און פאַר מיר איז געלעגען דאַס טויזענט-יעריגע רייך, וואָס איז געווען דער וויטסטער ציל פון מיין בענקשאַפט.

אָבער ווען איך האָב געבראַכט מיין אוצר צו די מענ-שען, איז די בלויע בלום שוין געווען פאַרוויאַנעט, און דער מויער פון מיין גלויבען איז איינגעפאַלען, צושאָטען געוואָרן אין שטויב. א סוף איז געקומען צו דעם דיכטער'ס שענעם חלום, און א ווינטער-קעלט האָט דורכגענומען מיין נשמה. דאַן האָב איך ווידער דערשפירט די נאָנטקייט פון דיין שאָ-טען און געפיהלט, ווי דער מאָנאַך ווארגט דעם דיכטער.

נאָר היינט איז מיר אלעס קלאָר געוואָרן. קיין משיח קאָן ניט העלפען די זיהן פון דער ערד. דער פרייער גייסט שאַפט זיך זיין אייגען רעכט. ערשט דאַן, ווען אין יעדען האַרץ וועט אויפפלאַמען די בענקשאפט, די גרויסע בענק-שאַפט נאָך דער נייער מלוכה, וועט איינפאַלען יעדע וואַנט, יעדער גרעניץ, וואָס צושיידט אונז.

קיין אויסדערוויילטער קאָן ניט צוברעכען די קייטען, דער מענש מוז פאַר זיך אליין ווערן א דערלייזער, א באַ-פרייער פון'ם שווערן יאָך פון דער קנעכטשאַפט. פון אלע הערצער מוז ארויסוואקסען די טאַט, וועלכע וואַרפט אריבער בריקען צו א נייער וועלט און טראָגט הויך דעם שטאָלצען באַנער פון דער פרייהייט.

און דאָך איז געלעגן אַ ברכה איבער דיינע מעשים. אין אנדערע האָסטו זיך אליין געפונען, און דיין בענקשאַפט האָט צושפּריצט ליכטיגע פונקען, וועלכע לויכטען דורך דער פינסטערניש פון די טעג.

איך אָבער בין געבליבען ווייט פון די אנדערע, איך בין געוועזן אַ פרעמדער צווישען אייגענע ברידער. אין זיך אליין האָב איך געזוכט די גאַנצע וועלט און בין נאָכגעגאנגען נאָך מיין איך דורך נאכט און שרעק, ביז דער ווילדער וואנזין האָט מיך אריינגעכאפּט אין זיינע לאַפּעס.

קיינמאָל האָב איך ניט געטראכט וועגען דערלייזען די אנדערע, כ׳האָב דאָך פאר זיך אליין קיין דערלייזונג ניט גע־קאָנט געפינען, אַ דערלייזונג פון די יסורים פון׳ם אייגענעם איך.

אָה היינריך, מורא׳דיג זיינען די יסורים פון׳ם מענשען, וועלכער איז באשעפטיגט נאָר מיט זיך אליין און פיהלט קיינמאָל ניט די ווארימקייט פון אנדערע זעלען, דאָס האַר־ציגע „מיר“, אין וועלכען דער „איך“ געפינט זיך.

ווי אַ פארטריבענער, אַ פאַרשאָלטענער, שלעפּט ער זיין עקזיסטענץ דורך די גאַסען פון׳ם לעבען און קעמפט מיט די גייסטער, וועלכע ער האָט אליין ארויסגערופען.

גליקליך איז דער מענש, וואָס לעבט אויך אין אנדערע און טראָגט אין זיך די פרייד און לייד פון זיינע ברידער. נאָר דורך דעם „מיר“ קאָן קומען די דערלייזונג.

מעדאַרדוס, זעהסטו, ווי די דעמערונג פארשווינדט? מיר דוכט, עס קומט אַ נייער טאָג פאר אונז.

מיר האָבען געזוכט גאָט אויף צוויי פארשידענע וועגען,

ביז דאָס שיקזאל האָט אונז דאָ צוזאמענגעפיהרט. אצונד ווייסען מיר, אז די צייטען זיינען דערפילט. — פון מאָנאַך און דיכטער שפּראָצט ארוים א נייער שטאָם, וואָס וועט זיך פאַנאַנדערבליהען אנטקעגען א נייער וועלט.

ס'איז ניט גוט צו פארגעסען די אנדערע, אָבער עס איז פאַלש אויסצומיידען דעם אייגענעם איך. פונקט ווי די אַטאָמען געפינען זיך אין'ם גאַנצען, אזוי געפינט זיך אונזער „איך" אוים אין דעם „מיר".

אָרים איז די ליעבע, וועלכע טראכט בלויז פון זיך אליין, אָבער אויך די ענטזאגונג פון'ם איך קאָן דעם מענשען קיינמאָל קיין דערלייזונג ניט ברענגען. אין דער פאראייניגונג, אין'ם בונד דערפיהלען מיר ערשט דאס גליק פון'ם לעבען.

געמיינשאפטליכקייט איז דער אויפגאַנג פון דער פרייהייט. אין'ם בונד בליהט זיך פאַנאַנדער דער אמת'ער איך. דאָ בליהט גערעכטיגקייט און ברודער־ליעבע, אין וועלכער עס ענטוויקלען זיך די טריבען פון'ם ווילען און יעדע אייגענע קראַפט געפינט איהר וואָרצעל.

דאָס נייע רייך ליגט אָפען פאַר אונזער בליק. שוין פארשווינדט דער שטערן, וועלכער האָט אונז אויפגעוועקט, און גליהענדיג געהט אויף די נייע זון.

זיי געגריסט, דו פריה־מאָרגען פון פארשפּרעכונג. דאס גרויסע וואונדער קומט, די שטונדע שלאָגט!

פורפור־רויט גליהט אויף דער הימעל אין מזרח, און שטראַלענדיג געהט אויף די זון פון דער טיפעניש. פארשוואונדען איז די טויטקייט פון'ם מדבר, און גרין לאַנד שפּרייט זיך אוים ביז צום האָריזאָנט.

פון משופע׳דיגע פעלזען גיסען זיך אראָפּ קלאָרע קוואַ־לען, און פאר׳חלום׳ט שפּרייט זיך אוים אין טאָל אַן אָזיערע, אין וועמעס וואסערן עס שפּיגעלט זיך דער הימעל אין׳ם בלויען גלאַנץ פון זיין הערליכקייט.

איצט קומען זיך די זעקס צוזאַמען פאר דער ספינקס און גיבען זיך די האַנד צום פעסטען בונד. די אויגען זיינען גע־ווענדעט צום מזרח, וועלכער שטראַלט איבער א נייער וועלט.

מיט אַמאָל הויבט עס אָן זיך צו ריהרען אין׳ם טויטען שטיין, און לאַנגזאַם שטרעקען זיך אוים די שלאַנקע גלידער פון דער אלטער ספינקס, וועלכע האָט דאָ פאר טויזענטער יאָהרען געקיניגט. איהרע אויגען קוקען שוין מעהר ניט ארוים אין דער ווייטענס. א וואַרעמער שיין שטראַלט אָפּ פון׳ם פנים, און לאַנגזאַם עפענען זיך די קאַלטע ליפּען:

זעקס וועגען האָבען אייך געפיהרט צו די טויערן פון מיין רייך. א יעדער וועג האָט באַהאַלטען אין זיך אַן אנדער שפּור, דאָך האָט יעדער פון זיי געפיהרט צו דעם זעלבען ציל. אזוי לאַנג ווי יעדער איינער איז נאָכגעגאַנגען זיין אייגענע שפּור, האָט ער ניט געקאָנט דערגרונטעווען מיין רעטעניש. אָבער אצונד זיינען די זעקס פאַראייניגט אין איין בונד, און יעדער איינער פיהלט זיך דורכגעדרונגען פון אלע. צו א גאַנצען פאָרמירען זיך די טיילען.

די אַלטע רעטעניש, וואָס איז געווען פאַרבאָרגען אין מיר, איז אלזאָ געלייזט — די צייטען זיינען דערפילט. דער נייער מענש שאַפט זיך זיין אייגענע מלוכה. גערעכטיגקייט און פרייהייט געפינען זיך אין דעם בונד. —

די אַלטע ספינקס צופאַלט אין שטיקער, און א וואונדער־בלום, בלוי און צאַרט, שפּראָצט ארויס אויף דעם אָרט, וואו זי האָט אמאָל געקיניגט.

דאָ עפענען זיך אויף די טויערן פון׳ם נייעם רייך. דער נייער מענש טרעט ארויף אויף דער נייער ערד, און יובע־לענדיג קלינגט עס אָפּ פון די הימלען.

אין זעלבען פארלאג איז ערשינען

רודאָלף ראָקער'ס בוך

„הינטער שטעכיגע דראָט און גראַטעס"

עראינערונגען פון דער קריגס-געפאנגענשאפט
אין ענגלאנד.

דאָס איז ניט בלויז א פארצייכענונג פון אינטערעסאנטע פערזענליכע עראינערונגען, נאָר אויך א זאמלונג פון וויכטיגען מאטעריאל פאר מענשליכער און סאָציאלער פאָרשונג, פול מיט לעבהאפטע שילדערונגען פון זעהר אינטערעסאנטע טיפּען. יעדעס קאפיטעל לייענט זיך מיט שפאנענדען אינטערעס און איז א קוואל פון וויכטיגער אינפארמאציע און גייסטיגען גענוס.

צוויי בענדער, איבער 800 זייטען

פרייז פאר ביידע בענדער: 5 דאָלאר.

עס ווערט פאַרפערטיגט צום דרוק

רודאָלף ראָקער׳ס בוך

יאָהאַן מאָסט

דאָס לעבען פון אַ רעבעל

עס איז די ערשטע פולשטענדיגע ביאָגראַפיע פון דעם באַרימטען רעוואָלוציאָנער און אַנאַרכיסטישען אַגיטאַטאָר, און צו גלייכער צייט אויך א וויכטיג האַנט־בוך פאַר דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער און אַנאַרכיסטישער באַוועגונג פון עטליכע צענדליג יאָר.

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין צוואַנציג קאַפּיטלעך מיט פאָלגענדען אינהאַלט:

1. קינדער־יאָרען. — לער־צייט. — וואַנדערונג. — מאָסט ווערט אַ סאָציאַליסט.
2. אין עסטרייך. — די אַרבייטער־באַוועגונג. — פאַר׳משפּט אַלס הויך־פאַררעטער. — אויסגעוויזען.
3. מאָסט׳ס פּראָפּאַגאַנדיסטישע טעטיגקייט אין דייטשלאַנד. — אין דייטשען רייכסטאַג. — די באַסטיל ביי פּלעצענזעע. — אין שטורעם און דראַנג.
4. אויזשען דיהרינג — מאָסט׳ס לעצטע פּעריאָדען אין דייטשלאַנד. — די אַטענטאַטען פון העדעל און נאָבילינג. — דאָס סאָציאַליסטען־געזעץ. — מאָסט פאָרט קיין לאָנדאָן.
5. די גרינדונג פון דער „פרייהייט”. — קאַמף פון די פירער קעגען מאָסט׳ן. — ברעכט אָפּ מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. — אין חרם.
6. באַציהונגען מיט מארקס און ענגעלס. — דזשאָהן נעווע. — די געהיימע גרופּע־אָרגאַניזאַציעס. — דער פּראָצעס פון דאַווע און גענאָסען.
7. די פּיאָנערען פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד. — עמיל ווערנער און די יורא־פעדעראַציע. — די בערנער „אַרבייטער־צייטונג”. — די ערשטע פּראָפּאַגאַנדאַ אין דייטשלאַנד.
8. מאָסט פאַראורטיילט אין ענגלאַנד. — דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס אין לאָנדאָן. — די זעצער פון דער „פרייהייט” הינטער שלאָס און ריגעל. — די „פרייהייט” ערשיינט אין דער שווייץ.
9. מאָסט אין אַמעריקאַ — אָנהויב פון דער אַמעריקאַנער אַרבייטער־באַוועגונג. — די פאַראייניגונג פון די רעוואָלוציאָנערען. — די פּיטסבורגער פּרינציפּען־ערקלערונג.

10. די באַוועגונג פאר דעם אכט־שטונדען־טאָג. — מאָסט און די באַוואָ־פענונגס פראגע. — אמעריקאנישע פרייהייט. — דער גיהנום פון בלעקוועלס איילאנד.

11. די סאָציאל־רעוואָלוציאָנערע באוועגונג אין עסטרייך. — דער מער־סטאַלינגער־פּראָצעס. — די אטענטאטען אין וויען. — אויסנאם־געזעצען. — אונטערגאַנג פון דער ראַדיקאַלער באַוועגונג.

12. רעוואָלוציאָנערע וועטער־צייכענס אין דייטשלאַנד. — אויגוסט רייגדאָרף און די נידערוואַלד־פאַרשווערונג. — דער גרויסער הויך־פאררעט־פּראָצעס. — די היגריכטונג פון דעם פּאָליצייראַט רומפּף.

13. אינערליכע טומלענישען.—דער קאַמף צווישען פּויקערט און דאווע. די שפּאַלטונג. — די גרופּע „אויטאָנאָמיע". — פאַרשפּרייטונג פון דער סאָציאליסטישער באוועגונג אין ענגלאַנד.

14. טהעאָדאָר רויס. — פּויקערט פאָהרט מיט רויס'ן קיין בעלגיען. — די ארעסטירונג פון דזשאָהן נעווע. — די פאָלגען. — פּויקערט פארלאָזט לאָנדאָן.

15. דזשאָהן נעווע פאר דעם רייכס־געריכט. — לעבעדיג באגראָבען. — אונטערגאַנג פון דער לאָנדאָנער באַוועגונג. — בענדזשאַמין טאָקער קעגען מאָסט און דער „פרייהייט". — דאָס אָפּברעכען מיט יוסטוס שוואַב.

16. דער גענעראל־סטרייק פאר דעם אכט־שטונדען־טאָג. — די געשעהע־נישען אין שיקאגא. — די העצעריי קעגען מאָסט'ן. — דער גרויסער אַנאַרכיסטען־פּראָצעס. — דער יוסטיץ־מאָרד. — מאָסט ווידער אַמאָל פאר'משפּט.

17. אַלערליי שפּיאָנען. — ווידער אַמאָל אין תּפיסה. — פּויקערט אין אַמעריקא. — נייע קאַמפען. — דער סטרייק פון האָמסטעד. — אַלעק־סאנדער בערקמאנ'ס אטענטאַט. — א שענדליכער אורטייל.

18. אַ יאָהר פון פאַרפאָלגונגען. — נאָלד און באַוער פאַר'ן געריכט. — עמא גאָלדמאן פאראורטיילט. — די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין אמעריקא אין די ניינציגער יאָהרען. — די „פרייהייט" אין באָפאָלאָ. — צוואנציג יאָהר אין קאמף.

19. מאָסט און די טרייד־יוניאָן־באוועגונג. — דער סינדיקאליזם. — באגריסונג מיט פּעטער קראפּאָטקין. — לעאָן טשאָלגאש דערשיסט דעם פּרעזידענט מעקינלי. — די יאגד אויף אנארכיסטען. — רוזוועלט'ס „מעסעדזש" צום סענאט. — מאָסט ווידער אַמאָל פאר'משפּט.

20. דער 25־יעהריגער יובילעי פון דער „פרייהייט". — די צייטונג און אירע מיטארבייטער. — די זאָרגען פון די לעצטע יאָהרען. — מאָסט'ס טויט. — דער סוף פון דער „פרייהייט". — שלוס־באַטראַכטונגען.

ווערט ערשיינען אין צוויי בענדער, איבער 800 זייטען.

פּרייז פאַרביידע בענדער: 5 דאָלאר.